STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08226

DI FERFIHRTE

Semen IUshkevich

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-08226-0

D:\YIDDISH\TITLES\9780657082260T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

397 397

די פערפיהרטע

אדער

איטע היינע

פון בעריהמטען רוסישען שרייבער

סעמיאן יושקעוויטש

איבערזעצט

פון מרים קארפילאוו.

אגענטור אידיש
DAVID GORODISKY
CORDOBA 3858-Dpto. 4
BUENOS AIRES

פערלאג פון

S. KANTROWITZ
129 Lafayette St. New York

397
DE GALITZIA
BUENOS AIRES

די פערפיהרטע

ראָזע בילטראָט, אָדער פראָסט ראָזע, איז געווען א — פאַקטערקע, א צושיקערין פון דיענסטען, און אין איהר צימער, גרויס ווי א שטאָל, האָבען זיך פון פריה ביז נאַכט געפונען א סך פרויען. מאַדאַם בילטראָט האָט מען זעלטען געקענט טרעפען אין דער היים. זי האָט געהאט א גרויסע בעקאַנטשאַפט אין אַלע עקען שטאָדט, וואו זי האָט דורך׳ן טאָג קוים זיך געקענט איספּראַווען צו זיין, ווארום זי איז קיין מאָל ניט געפאָהרען און פאַר שנעלע בעוועגונגען איז זי שוין געווען ניט יונג. זי איז געווען אַן אַלמנה. מקבר געווען דעם מאַן מיט א יאָהר 30 צוריק, האָט זי, ווי דאָס רוב אידישע פרויען, ניט געוואָלט א צווייטען מאָל חתונה האָבען, כאָטש בעלנים זיינען אויף איהר געווען ניט ווייניג.

איהר גאַנצע ארבייט און האָוועניס האָט זי אוועקגעלייגט פאַר איהר איינציגער טאָכטער, וואָס איז געווען פערהייראַט צו א שווינדזיכטיגען סטאָליער און די פערדיענסטען זיינען אין גאַנצען אוועקגעגאַנגען אויף היילען זיך, אויף דאָקטוירים. א פאַקטערקע איז זי געוואָרען מיט א יאָהר 10 צוריק, ירש׳ענדיג די בעשעפטיגונג פון אַן עלטערער שוועסטער איהרער, וועלכע איז, אונערווארטעט פאַר אַלעמען, געשטאָרבען, כאָטש זי האָט נאָכ׳ן אויסזעהן, געדאַרפט לעבען ניט ווייניגער פון הונדערט יאָהר.

בילטראָט, זיך בעקענענדיג נאָכ׳ן מאַן׳ס טויט מיט א רייהע שווערע יאָהרען פון הונגער און נויט, האָט זיך גיך געטרייסט נאָכ׳ן טויט פון דער שוועסטער און זיך מיט היטץ גענומען פאַר איהר געשעפט. פון אָנהייב איז דאָס ניט געגאַנגען. אָבער זי איז דערפון ביי זיך ניט אראָבגעפאַלען ביז זי האָט זיך געשטעלט אויף די פיס. ביסלעכווייז האָט זי זיך אריינגעצויגען אין דער ארבייט, האָט בעדייטענד פערגרעסערט איהר קרייז בעקאַנטע און איז שוין געשטאַנען אזוי שטאַרק, דאָס עס איז ניט געווען ווער עס זאָל זי קענען פערבייטען אין די ב ע ס ט ע ה י י ז ע ר. מען האָט

מיט איהר בעסער געוואָלט האָבען צו טהאָן, ווי מיט וועלכע ניט איז גרויסע ביוראָס. אויף דער הייסער צייט, ווען די פאָדערונגען אויף אמען איז געווען גרויס, איז ראָזע קיינמאָל ניט געווען אין פערלעגענהייט. אין פריהלינג איז זי בעזאָנדערס געווען געשיקט מיט'ן צושטעלען דיענסטען, ווייל, וואָס נעהענטער צו זומער, האָבען זיך מיידלאַך און פרויען צופאָהרען אין מאסען. מיט איין וואָרט, ראָזע האָט זיך בעקאַנט געמאַכט אלס א גרויסער טאַלאַנט, זיך גערעכענט פאַר א בעוואוסטהייט אין פיעלע קרייזען פון דער געזעלשאַפט און זיך ערוואָרבען גרויס אכטונג צווישען די וואָס פלעגען זיך קומען פערדינגען.

ווי געזאָגט, זיינען אלע איהרע פערדיענסטען אוועק ווי אין א לעבערדיגען זאַק, און זייענדיג אליין ניט גייציג און גלייכגילטיג צו בעקוועמליכקייטען, האָט זי געלעבט זעהר אָפגעלאָזען. זי האָט פערנומען א זעהר גרויסען צימער, אין וועלכען עס איז געווען א גרויסער רוסישער אויווען, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט געהייצט; א גרויסער הילצערנער בעט, קוים צוגעדעקט מיט א קורצע, שמורציגע קאָלדרע; א טיש און עטליכע לאַנגע בייַנק, אוועקגעשטעלט פאַר די וואַרטענדע פרויען. נאָר אזוי ווי עס זיינען אלע מאָל געווען א סך פרויען, איז א טהייל פון זיי געשטאַנען ביי די ווענט; אַנדערע, מיט זייערע קינדער אויף די הענט, זיינען פראָסט געזעסען אויף דער ערד, און די אונאָרדנונג, די איינגשאַפט האָט ראָזע'ן ניט נאָר ניט געשטערט, נאָר דאָס איז אפילו געווען אנגענעהם. אפילו דער גיהנם טומעל אין דעם צימער, איבער וועלכען מען האָט קוים געקענט הערען איינס דעם אַנדערען, איז איהר געווען ליעב און זי האָט זיך בעזאָנדערס גוט געפיהלט, ווען איהר איז אויסגעקומען צו שרייען, כדי מען זאָל זי קענען הערען.

אוועקגעהן פלעגט זי פון אין דער פריה אָן; נאָר יעדע פאָאָר שטונדען איז זי רעגעלמעסיג געקומען אויף עטליכע מינוט, צונעהמען מיט זיך א נייע פאַרטיע פרויען, מיט וועלכע זי איז ווייטער אוועקגעגאַנגען, ריידענדיג מיט זיי דאָ אויף רוסיש, דאָ אויף אידיש, אויף מאַלאָרוסיש און אפילו אויף פויליש, ווי צו האַלטען זיך מיט די יעניגע וואָס ווילען זיי אננעהמען.

נאָך דעם אַוועקגעהן פון אַ פּאַרטיע, פלעגן זיך די אַלע, וועלכע זיינען איבערגעבליבן אין צימער, איבערזעצן, זיך בייטן מיט די ערטער און דער טומעל פון איבעררײדן זיך, פון די געשרייען פון די קינדער האָט זיך אויסגעמישט, איבערגעהענדיג פון איין גרופּע צו דער אַנדערער. אַנשטאָט די אַוועקגעגאַנגענע, זיינען ערשיענען נייע און דער טומעל האָט אָנגעהאַלטן. גערעדט האָט מען הויך. זיך געקריעגט, שלום געמאַכט, געשטילט ווי עס איז דעם הונגער מיט בויגעל, מיט ברויט און געטרונקען גלייך פון קראַן. יעדערע האָט זיך געפיהרט אַזוי ווי זי וואָלט זיין די איינציגע בעל־הבית׳טע אין דעם הויז, און אַלע איבעריגע — אַנגענעהמע אָדער ניט געווינשטע געסט.

אין אַזאַ טומעל איז דער טאָג אַוועק שנעל, אונבעמערקט. דער געשעפט איז זיך אָנגעגאַנגען מיט זיין אָרדנונג, ווי עס איז בעשטימט געווען פאַר׳ן טאָג, און דער קומענדער טאָג האָט מיט זיך ניט געבראַכט קיין נייעס. די שטאָדטיגע כוואַליע האָט פאָרטגעזעצט איהר שלינגען אָדער אַרויסוואַרפען אַ בעשטימט צאָהל דיענסטען. די וואָס האָבען נעכטען געאַרבייט אין איין עק שטאָדט האָבען זיך שוין אויף מאָרגען געפונען אין דער אַנדער עק שטאָדט און אַזוי האָט זיך די ראָד, אָהן אויפהער געדרעהט פון טאָג צו טאָג.

דער עולם ביי האָזע׳ן איז געווען נאָך ניט קיין גרויסער. נעבען דער געהייצטער אייוועלע זיינען געזעסען עטליכע פרויען און זיך געבאַקט קאַרטאָפעל, זיך געברענט די פינגער, געבלאָזען אויף זיי, זיי געבראָכען אויף דער העלפט און פאַרזיכטיג געגעסען. אין צימער איז געווען שטיקענד, די לופט איז געווען טרוקען און אָנגעפילט מיט טשאַד פון אַ צובהרענטען טשיהון. ביים רעכטען זייט צום וואַנט זיינען געלעגען זויג־קינדער און זיס געשלאָפען. ביל־טראָט אַליין איז געזעסען אויף איהר ברייטער בעט און האָט געטרונקען טיי.

ווען איטע האָינע איז אַריינגעקומען אין צימער, האָבען זיך אַלע אומגעקוקט אויף איהר צו בעגעגענען זי ווי אַן אַלטע בעקאַנטע; אָבער אַזוי ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, דאָס זי איז

געוועז אונבעקאנט, האבעז זיי, אויפהערענדיג עסעז, נייגעריג געקוקט אויף איהר. ראזע האט גלייך געזעהן וועגען ארדנונג.

— שטעה זשע ניט אויפ'ן שוועל, מאך צו די טהיר! איצ־טער איז, דאנקען גאט, ניט זומער.

— זייט איהר די פאקטערקע — האט איטע געפרעגט, ערפילענדיג געהארכזאם דעם בעפעהל.

— איך בין עס. וואס האסטו געוואלט?

איטען האט זיך מיט אמאל פערוואלט וויינען, קוקענדיג ווי זיי זיצען זיך אין דער ווארעם און עסען הייסע קארטאפעל. שוין לאנג אז זי האט ביי זיך ניט געהאט אזא פערגעניגען.

— וואס פערלאנגסטו? — האט ראזע ווידערהאלט, פער־רעכטינענדיג אין איטען איינע פון יענע ארימע לייט, וואס האבען געוואוסט דעם וועג צו איהר אויסגעצייכענט.

וואס קען זי דארפען? ווען מען קומט מיט א קינד אין אזא וועטער צו א פאקטערקע, איז געוויס ניט אויף צו זאגען „גוט מארגען!".

דאס קינד האט זיך אונטער'ן פאטשיילע, אין שמאטעס, צו־שריען הויך אויפ'ן קול, זוכענדיג מיט צוגעמאכטע אויגען די ברוסט. עס האט אונגעדולדיג געווארפען מיט די הענטלעך און מיט די פיסלאך. — ער איז ביי מיר צולאזען, — האט איטע מיט א שולדיגען שמייכעל פערענטפערט איהר אינגעלע, — פ ר י־ה ע ר — דא האט זי זיך אביסעל פערהאלטען, — האט מיין מאן געארבייט אויף דער שוועבעל־פאבריק, און איך האב געפיהרט די בעל הבית'שקייט. דערנאך איז דער בעל הבית פון דער פאב־ריק געווארען באנקראט, און דער מאן איז געבליבען אהן ארבייט. איך בין נאכ'ן האבען געלעגען קראנק צום בעט גאנצע צוויי חדשים און מיר האבען צולאזען דאס קינד, ד. ה. איך האב איהם צולאזען. דאס ערשטע קינד ליעבט מען דאך ווי דאס לעבען, — האט זי זיך ווייטער פערענטפערט. — אט וועל איך איהם שוין בערוהיגען.

זי האט זיך געשיקט צושפיליעט, צוגעדריקט דאס פנים'ל און

קינד צו זיך און דאָס קינד האָט ווי דורך אַ כשוף זיך בערוהיגט און איטע האָט פּראָסט צוגעגעבען:

— אָט, זעהט איהר, אַזוי איז דאָס ביי מיר מיט איהם אַלע מאָל. ער וואָלט דאַכט זיך געשלאָפען אין מילך; אַזוי אַנגעגעהם איז דאָס איהם! — זי האָט גוטמוטיג אַ שמייכעל געטהאָן, אַ גלעט געטהאָן דאָס הענטעלע פון׳ם קינד און געזוכט מיט די אויגען אָן אָרט וואו צוצוזעצען זיך. ראָזען איז גלייך געפעלען געוואָרען די אויסערגעוועהנליכע סימפּאַטישע געזיכט און אויסגעהאַלטענע רוהיגקייט פון דער נאָך יונגינקער פּרויקעלע. זי האָט זי אַוועקגעזעצט נעבען זיך, און בעטראַכט דאָס קינד.

— ער איז ביי דיר דער ערשטער? — האָט זי געפרעגט. — ווי רופט מען דיך?

— איטע.

— איטע? גוט. ס׳קלינגט גאָר ניט אידישלאַך. ס׳זיינען איצט ניט אין מאָדע אידישע נעמען און מען קען נאָך דערפאַר ניט צונעהמען אויך. אפילו איך, וואָס איך בין שוין אַלט און נויטהיג זיך ניט — האָב זיך אָנגעהויבען צו רופען ראָזע, כאָטש רופען רופט מען מיך רייזע. אונזערע דאַמען געפעלען ניט די אידישע נעמען. נאָר מיר׳ן דאָס לאָזען. דו ווילסט זיך אין שטאָדט פערדינגען, אָדער אַוועקפאָהרען, אַז ס׳זאָל זיך מאַכען?

— איך וואָלט בעסער וועלען אין שטאָדט, דאָ איז מיין... מאָן.

— האָסט מיט איהם חופּה געהאַט?

איטע איז רויט געוואָרען און גאָרנישט געענטפערט.

— ה..מ..מ.. הייסט דאָס אַ ז ו י, ווי גאָט האָט ניט געהייסען?

איטע האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ און זיך איינגעשפאַרט מיט די אויגען אין עפּעס אַ ווינקעל.

— דו זאָגסט, אַז דאָס קינד איז ביי דיר אַן ערשטלינג? בעסער וואָלט עס געווען אַ צווייטעס. ווי איז ביי דיר די מילך?

— ביי מיר איז זעהר גוטע מילך. טהוט נאָר אַ קוק אויפ׳ן איינגעלע. און אַזעלכע גוטע מילך איז ביי מיר, אַז... איך וויים

נאָר ניט פאר וואָס. אליין עס איך דאָך כמעט ניט, און דאָס קינד — אָט!

זי האָט געשווינד בעפרייט דאָס קינד פון די שמאַטעס, אין וועלכע ער איז געווען פערוויקעלט, און ראָזע, א קוק טהאָנדיג אויף איהם, האָט אויסגעשריען פון ענטציקונג. זיך צודריקענדיג צום הארצען אזוי, אז עס האָט זיך נאָר געזעהען זיין ראָזאָווע, אין פעלבעלעך, פאַטילניצע, האָט ער זיך געבויגען ווי א גומעלאַסטיק בשעת ראָזע האָט מיט ענטציקונג אָנגעטאַפּט זיין בייכעלע און געוועגען זיינע פולינקע הענטעלאך און פיסעלאך. ער איז געווען אין גאַנצען א ראָזאָווער, אָהן איין איינציגען פלעקעלע אויפ'ן לייבעלע, און אין גאַנצען מיט גריבעלאך, פעלבעלאך, א וואַרעמינקער און א גלאַטינקער, ווי א קליינינקע קעצעלע. ראָזע האָט זיך גאָר ניט געקענט אָפּרייסען פון איהם, האָט איהם געקניפּט, געגלעט מיט איהר צוקנייטשטע האַנד, ריידענדיג מיט געלעכטער:

— וואו האָסטו איהם גענומען אזעלכען?.... האָסט איהם געווים גע'גנב'עט ביי רייכע מענשען. זיי זיך מודה.

איטע האָט פון פרייד אָנגעהויבען לאַכען, און איהר פּנים איז ווייטער געוואָרען גוטמוטיג.

— איך זאָג דאָך אייך, אז ביי מיר איז דאָס די מילך אזעלכע. אזעלכע מילך איז דאָס, און גאָר! און וויפיעל מילך! עס וואָלט דאַכט זיך גענוג געווען פאר א גרויסען. אויב איך וואָלט זיך כאָטש אביסעל אָנגעגעסען.

זי האָט געשווינד איינגעוויקעלט דאָס קינד; אָבער אזוי אויפריכטיג און פאַרזיכטיג, אז דאָס קינד האָט זיך אפילו ניט א ריהר געטהאָן.

— נו, גוט, — האָט ראָזא ענדליך געזאָגט, נאָך א ביסעל טראַכטען, — איך וועל דיר שוין קריגען א פּלאַץ. דו זיץ דאָ און איך וועל געהן. איך דאַרף א סך געהן היינט.

מען האָט אין צימער הויך גערעדט, אָבער ניט שטאַרק גע־טומעלט. מען האָט זיך הפּנים איינגעהאַלטען אין ראָזע'ס אנוועזענהייט. נאָך אַנדערע זיינען ביסלעכווייז צוגעקומען. איינינגע האָבען ערשט אָנגעביסען. עפּעס אַן אַלטינקע, א הארבאַטע, וועלכע

האָט געזוכט אַן אָרט פאַר אַ ניאַנקע, האָט פלייסיג געקערט דעם צימער. דריי אַלטע פרויען, זעהר דיקע, מיט פעטע, פערשוויצטע פּנים'ער, מיט פינגער פאַנאַנדערגעשוואָלענע פון רומאַטיזם, זיינען ניט אָפּגעטראָטען פון אויוועלע. צוויי דערוואַקסענע מיידלאַך, 14 יעהריגע, אין שמוציגע קליידלאַך, וועלכע זיי האָבען, זיצענדיג אויפ'ן פענסטער, אַלע ווײַלע אונטערגעהויבען, האָבען געוויזען זייערע דאַרע, בלאָטיגע פיס און, אונטערווינקענדיג איינע צו די אַנדערע אויף די אַלטע, האָבען זיי געלאַכט מיט אַ קוויטשיגען קורצען ג ע ל ע כ ט ע ר. זיי האָבען געהאַט פרעכע, ציניש‌ע געזיכטער; אַלץ אין זיי האָט גערעדט פון די בייזע ערפאַהרונגען אין לעבען, וועמעס שולע זיי זיינען דורכגעגאַנגען ניט אומזיסט. אין אַ וויטען ווינקעל האָט אַ דאַרע, אויסגעמאָגערטע אַלטע פרוי, מיט אַן אויסערגעוועהנליך לאַנגע און גראָבע האַלז, מיט אַ גאַטספאָרכטיגען פּנים, דערצעהלט דער שכנה וועגען עפּעס אַ נייע וואונדערבאַרע רפואה, וואָס האָט זי געראַטעוועט פון זאַדישלעוועקייט.

— מיט מראַמער, מאַמע מיינע, ראַטעווע איך זיך! איך צושטויס עס, טרינק עס און ס'נעהמט אָפּ ווי מיט'ן האַנד. מיט אַ מראַמערשטשיק, וואָס מאַכט מצבות, האָב איך זיך בעקענט און ביי איהם קריג איך דאָס דעם שטיין. איך וואָלט אָהן מראַמער איצטער ניט איבערגענעכטיגט אַליין אין צימער.

— אַ שטיינערנע רפואה! — האָט זיך די שכנה געשאָקעלט פון פערוואונדערונג. — אַך, דו גאָט מיינער, וואָס עס קען געשעהן מיט מראַמער! טאַקע אויף אַן אמת'ן מיט מראַמער?

איטע האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינט. מיט איהר האָט זיך צורעדט אַ ווייבעל. דאָס קינד האָט שטיל געשלאָפען און איז שווער געוואָרען פאַר די הענד. ראָזע האָט שוין צוגעגרייט, וואָס זי האָט בעדאַרפט אויף אוועקצוגעהן, אָבגעקליבען עטליכע פרויען און אוועק מיט זיי. דער טומעל איז מיט אַמאָל געוואָרען שטאַרקער. די פענסטער זיינען אָפּגעגאַנגען און אויסגעקוקט ווי אָפּגעגאָסען מיט אַ פעטע נאַסקייט. דער שניי האָט אויסגעזעהן דונקעל און בלאָטיג. עס זיינען ווי פאַרבייגעשוואָומען מענשליכע פיגורען וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען אויפ'ן הויף.

איטע איז שוין געזעסען נעבען א נייער שכנה, וועלכע האט ארומגעקוקט איהר.

— איהר זוכט אויך אן ארט? — האט איטע יענער געפרעגט, איבערלייגענדיג דאס קינד פון איין האנד אויף דער צווייטער.

דאס איז געווען א מיידעל, וואס האט געזוכט אן ארט אלס א דיענסט.

— יע, שוין לאנג, — האט יענע געענטפערט און צוגעגעבען:

— איך האב א פעהלער און דאס שטערט מיר.

איטע האט ערשט בעמערקט, דאס ביי דער מיידעל רייסט זיך פון צייט צו צייט ארויס א לייכטער אויסגעשריי, ווי פון שרעק, און זי זוכט עס צו פערשטיקען, פערשטעלענדיג זיך דאס מויל מיט'ן האנד.

— פון וואנען איז דאס ביי אייך? — האט איטע מיטפיהלענד געפרעגט און האט זיך ניט ווילענדיג אפגערוקט.

— האט קיין מורא ניט, — האט יענע געזאגט, בעמערקענדיג איטע'ס בעוועגונג, — ביי מיר איז ניט די שווארצע פלאג.

— איך האב קיין מורא ניט, — האט איטע א שמייכעל געטהאן, זיך צורוקענדיג.

— אנדערע איז דאס ניט אנגענעהם. נאר וואס טהוט מען! דאס איז דאך ניט פון געבארען, נאר פון שרעק. איך האב געדיענט אין א גאסטיניצע און מיר איז געווען ניט שלעכט, נאר עס האט זיך געטראפען איינער א דורכפאהרער... און ווען איך האב אין דער פריה גענומען אויפראמען זיין צימער, האט ער זיך אווארף געטהאן אויף מיר. איך האב זיך אזוי דערשראקען, אז איך האב ניט געקענט א געשריי טהאן... דערנאך איז דאס געווארען ביי מיר. איצט איז אזוי ווי ווייניגער. דאקטוירים האבען געזאגט אז דאס וועט איבערגעהן; איך האב זיי שוין אבגעגעבען ביסלעכווייז דאס גאנצע געלד וואס איך האב געהאט — נאר דאס איז נאך ניט אריבער. ביי זיי געהט דאך אלץ אריבער.

זי האט פערשטיקט א שלוקערץ געטהאן א פאר מאל, נאר האט פלוצלונג ניט אויסגעהאלטען און שארף, הויך אויסגעשריען.

— אָט זעהט איהר, — האָט זי געזאָגט זיך בערוהיגענד. — איז דאָס מעגליך מיך צו האַלטען אין א הויז ?

איטע האָט מיטפיהלענד א קוק געטהאָן אויף איהר און געפרעגט :

— און איהר האָט אַזוי געלאָזען די זאַך ?

— וואָס האָב איך געקענט טהאָן ? — איך בין דאָך געווען א נאַר. הער דורכפאַהרער איז אוועקגעפאָהרען און איך האָב אָנגעהויבען טראָגען.

— טראָגען ? — האָט איטע איבערגעפרעגט. — אח, איהר אָרימע !

— געוויס, כאָטש איך האָב אַלץ געטהאָן דאָס ארונטערצוּוואַרפען, נאָר עס האָט ניט געהאָלפען. כ'האָב בכיון געהויבען אַלמערס, געשפּרונגען פון טרעפּ, זיך געשלאָגען מיט די פויסטען אין בויך, אָבער דאָס קינד האָט זיך שטאַרק געהאַלטען. איך בין געווען זעהר א געזונדע. אין זעקסטען מאָנאַט האָב איך געמוזט פערלאָזען דעם אָרט, און ביז'ן „האָבען" האָב איך זיך שרעקליך געמאַטערט. קיינער האָט מיך ניט געוואָלט האַלטען, און געלד, וויפיעל עס איז געווען, איז אַוועק אויף היילען זיך. געבאָרען האָב איך עס ביי נאַכט אין... א שטאַל. בין געגאַנגען איבער'ן גאַס, ניט ווּיסענדיג וואו איבערצונעכטיגען. נעבען א טויער האָב איך דערפיהלט אַזעלכע וועהטאָגען. גנב'ענענדיג זיך האָב איך מיך דערקליבען אין א שטאַל און זיך צוויי שעה געמאַטערט; שרייען האָט מען דאָך ניט געטאָרט.

זי האָט רוהיג דערצעהלט וועגען די אַלע שרעקליכקייטען, אַזוי ווי זי וואָלט ריידען וועגען זעהר געוועהנליכע זאַכען, דערנאָך האָט זי פערטראַכט צוגעגעבען :

— דאָס קינד האָט מען, מעגליך, געפונען א לעבעדיגען, ווייל דאָס איז דאָך געווען זומער. נאָר בעסער וואָלט עס שטאַרבען.

איטע האָט זיך מיט שרעק צוגעהערט. די גרויזאַמקייט פון דער גרויסער שטאָדט האָט זיך ווי אין בייזע שאָטענס אָנגערוקט אויף איהר...

— וואו וואוינט איהר איצט? — האָט זי שטיל געפרעגט, פיהלענדיג מעהר און מעהר סימפּאַטיע צו דער מיידעל.

— וואו עס מאַכט זיך. אז איך שטער דאָך אַלעמען. אָט, גאָט וועט געבען, איך וועל געזונד ווערען, וועט זיך דאַמאָלסט אַלץ פערריכטען. און וועל איך ניט געזונד ווערען, ווייס איך שוין וואָס איך וועל טהאָן.

זי האָט געזאָגט די ווערטער מיט אַזאַ שטימע, אז איטע האָט אַ ציטער געטהאָן.

— וואָס וועט איהר טהאָן? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— איך וועל ווערען אַ פּראָסטיטוטקע. אַלטע פרויען האָבען מיר געזאָגט, אז דאָס וועט מיר געוויס אויסהיילען. אַ פיינע רפואה, אמת? איהר מיינט, איך גלויב? אָט אויף אַזוי פיעל גלויב איך ניט, און כאָטש איך ווייס וואָס פאַר אַ פרויען עס זיינען די וואָס האָבען דאָס מיר געזאָגט, וויל איך דאָך ניט גלויבען. גאָט מיינער! — האָט זי גלייך אַ קוק געטהאָן איטען אין די אויגען — כאָטש פערגעסען זיך פון צרות, — איך בין האָך אַ פערפאַלענע.

פון פערשיעדענע ווינקלען האָט זיך געלאָזט הערען דאָס געשריי און געוויין פון די ערוואַכטע קינדער. די אַמען האָבען זיך קוים אָפּגעריסען פון זייערע געשפּרעכען און אונצופרידען זיך אויפגעשטעלט. די מיידעל האָט עס גלייכגילטיג צוגעהערט און מיט אַמאָל שטיל געזאָגט איטען:

— אין מיין שטאָדט וואַרט פאַר מיר אַ חתן. און ער ווייס פון גאָר נישט. וואָס וועט איהר זאָגען? איך בין פון אייזען איצט, פון אייזען. ער האָט זיך נאָך לעצטען יאָהר בעפרייט פון סאָלדאַטען און וואַרט אויף מיר. איך בין דאָס בכיון אין שטאָדט אַוועקגעפאָהרען, געלד אָבצושפּאָרען, איהם צו העלפען. איהר פערשטעהט... און איך וויל ווערען אַ פּראָסטיטוטקע... אַלץ איינס איצטער!

איטע האָט געציטערט פון שרעק. פון אַזאַ טיעפען פאַלען האָט זי נאָך ניט געוואוסט. עס איז איהר געווען שלעכט און שווער, אָבער צו אַזאַ פערצווייפלונג איז זי נאָך ניט דערגאַנגען. וויפיעל

בחות עס האָט געקלעקט האָט זי געקעמפּפט. זי האָט שטענדיג זיך אָפּגעהיט פון דעם לעצטען זומפּ, פון וואנען עס האָט שוין ניט געקאָנט זיין קיין וועג אויף צוריק־קעהרען. נאָר די ניט געמאכטקייט, די איינפאכקייט פון דער מיידעל, פון וואָס אפילו דאָס אָבשטויסענדע איז ארויסגעקומען ווי בעפרייט פון בלאָטע, האָט זי פערוואונדערט און געבלענדעט. אין איהר צוטרויען האָט זי געפונען אַן אָפּרוף אין דער אייגענער נשמה, וואָס האָט געגארט נאָך פריינדשאפט. ווי דאָס לעבען שטיקט! אָט האָט זי דערלעבט דערצו, האָס זי האָט איינגעווילינט זיך פערדינגען פאר אַן אַם. נאָך וואָס איז זי דאָ? דאָ פערקויפט מען דאָך בהמות און ניט מענשען, מוטערס. אויך איהר וועט מען אָפּרייסען פון קינד און פערקויפען. ווי שרעקליך איז דאָס לעבען! זי האָט מורא געהאט מעהר צו קלערען עס זאָל זיך ניט פערוועלען אנטלויפען פון דאנען: אין דער היים איז דאָך געוועזן נאָך ערגער.

דאָס מיידעל האָט איצט געשוויגען און יעדעס מאָל געזוכט צו פערשטיקען דעם אָנפאל פון אויסשרייען.

— ווי איך זשאלעווע אייך, — האָט איטע שטיל געזאָגט, — איך זשאלעווע אייך אזוי...

די אמען האָבען שוין געזויגען די קינדער. זיי האָבען זיך צונויפגעקליבען אויף דער לענגסטער באנק נעבען וואנט, און די געזיכטער זיינען ביי זיי געווען ערנסט, אזוי ווי די פרויען וואָלטען געווען שול מיידלאָך און ערווארטען דאָס קומען פון לעהרער. אלע קינדער זיינען, אזוי ווי אָבגערעדט צווישען זיך, געלעגען אויפ'ן לינקען זייט, געקוועטשעט און צוגעפייפט פון פערגעניגען. מיט צוגעמאכטע אויגעלאָך, אין איין רייהע, מיט רויטע פון ווארימקייט נעזלאָך האָבען זיי זיך געשפּיעלט מיט'ן ברוסט, דאָ אָפּקעהרענדיג זיך פון איהר מיט א זיסען שמייכעל, זיך אויסגעצויגען, און אָט ווייטער זיך אָנווארפענדיג, ארויסגעבענדיג קלאנגען פון שטארקע קרשען. די מאמעס, ארויפליינענדיג אויף זיי די פערגראָבטע פון ארבייט הענד, האָבען די קינדערשע שטיפעריי קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשענקט. זיי האָבען זיך געפיהרט זייערע געשפּרעכען. דערנאָך האָבען זיי אלע, ווי דערפיהלענדיג א מיעדקייט און עקעל, מיט

דער געוואוינטער בעוועגונג איבערגעוואָרפען די קינדער אויפ'ן רעכטען זייט. איטע האָט מיט ליעבע געקוקט אויף דאָס בילד. דער פרויען געפיהל האָט זי א ציה געטהאָן צו זיי, און אונטער־געבענדיג זיך איהם, איז זי אויפגעשטאַנען און אַוועק צו דער גרופּע מאַמעס.

אויפ'ן וועג האָט זי אָפּגעשטעלט א קלינגענדע שטימע, וואָס איז געקומען פון טיהר. א קופּע פרויען האָבען זיך אַרומגעקליבען הערען. אין מיטען איז געשטאַנען א מיידעל און גערעדט אַזוי, ווי אין מויל ביי איהר וואָלט געווען א גלעקעלע און זי וואָלט מיט איהם געקלונגען. זי איז געקליידעט געווען ניט שלעכט און האָט געמאַכט א מאָדנעם איינדרוק צווישען די אָפּגעלאָזענע, נאָכ־לעסיגע אָרימע פרויען, וועלכע האָבען, אין פערגלייך מיט איהר, אויסגעקוקט נאָך אָפּגעלאָזענער.

איטע האָט זיך פעראינטערעסירט און איז צוגעגאַנגען הערען.

— ביי מיין מאַמען איז פאַראַן א הויז. נו, ווייסט איהר, א הויז, אַזא, אַן עפּענטליכע, —האָט זי דערצעהלט מיט חוצפּה, — און דער טאַטע, ד. ה. דער שטיף־טאַטע, איז מיט דער מאַמען. צוויי שוועסטער זיינען פאַראַן און צוויי ברידער. די שוועסטער האָבען זיך שוין לאַנג אַראָפּגעשלאָגען פון וועג און געהען מיט געסט. און דעם אמת, איז דער שטיף־טאַטע שולדיג: ער האָט זיי דער ערש־טער צולאָזען, ווען זיי זיינען נאָך קיין דרייצעהן יאָהר ניט אַלט געווען. אָבער זיי וואָלטען אַזוי אויך געוואָרען פערלאָרענע. די מאַמע האָט ניט געקענט איינהיטען. כאָטש איהר איז געווען א שאַדען און אייפערזיכטיג איז זי געווען. דער שטיף־טאַטע איז מיט 20 יאָהר אינגער פון איהר און איז זעהר א שעהנער. אַליין איז ער א שרעקליכער אפּעריסט, נאָר ער פערשפּילט שטענדיג. און אַז ער פערשפּילט, קריגט שוין די מאַמע א חלק. די ברידער, — זי האָט א הויב געטהאָן מיט די אַקסלען און ווייטער געקלונגען, — די ברידער — איינער לעבט אויפ'ן רעכנונג פון א מיידעל, וואָס איז ביי אונז, און דער אַנדערער איז א גנב, וואָס זיצט איצט אין אַסטראָג. נאָר ווען ער איז געווען פריי פלעגט ער זיך שטענדיג שלאָגען מיט'ן שטיף־טאַטען. אַזא קאַטאָרגע איז ביי אונז געווען!

מיר האָבען זיך אַלע שיער די העלזער ניט איבערגעשניטען. דער עלטערער ברודער האָט זיך קיינמאָל ניט אריינגעמישט. יענער איז גאָר אַן אַנדער מענש.

— און דו אליין, ווי? — האָט זי געפרעגט איינע פון די צוהערערינס.

— איך? — האָט זי איבערגעפרעגט, — איך האָב זיך דעם שטיף־טאַטען ניט נעגעבען, כאָטש ער האָט ארום מיר ארומגע־טאַנצט און מיך שיער וואָס אויף די הענד ניט געטראָגען.

— א גוטע מיידעל! — האָט זיך אויסגעריסען ביי שוין אַן עלטערע פרוי, — איך וואָלט זיך אויך ניט געגעבען.

נאָר אויפ'ן 14טען יאָהר, — האָט דאָס מיידעל פאָרטגעזעצט, — בין איך אליין אוועקגעלאָפען צום צירולניק (באַרבער), וואָס האָט געוואָהנט אַנטקעגען אונז, און גענומען דערנאָך אָפּט געהן צו איהם. ער האָט געזונד געשפּיעלט אויפ'ן גיטאַרע, און איך האָב ניט אויסגעהאַלטען, ער זאָל מיר נאָר געווען שפּיעלען. ווי נאָר איך פלעג דערהערען די מוזיק, פלעג איך ווערען ווייך ווי וואַקס. די נשמה איז מיר צוגאַנגען, וואָס דאָס איז געווען, פאַר־שטעה איך ביז היינט ניט.

— האָט די מאַמע געשמיסען ווען זי האָט זיך דערוואוסט?

— האָט די פריהערדיגע שטרענג געפרעגט.

— ווער די מאַמע? מיר? זי וואָלט נור פּרואווען. פאַר מיר האָבען אַלע מורא געהאַט איבער מיין נאַטור. דער אינגערער ברודער איז געווען אַזאַ חיה, און אויך מורא געהאַט. איך האָב דאָך איהם איינמאָל געשטאָכען.

— פאַר וואָס אַזוי?

— פאַר דאָס. ניטאָ וואָס צו שאַרען זיך צו אַ שוועסטער, ס'זיינען דאָ פרעמדע מיידלאָך גענוג אויף דער וועלט.

— אַך, דו גאָט, מיינער, — האָט יענע א זיפץ געטהאָן — אָט איז א לעבען.

— צו וואָס ביזטו געקומען אהער? — האָט ביי איהר די ערשטע געפרעגט.

— און דו נאָך וואָס? — ווילסט אַנקומען אויף אַן אָרט?

איך וויל דאָס אפשר נאָך מעהר פון דיר. איך וויל זיך אָפּרוהען, ווארום ס'האָט מיר דערעסען. איך וויל אין אן עהרליכען לעבען — לעבען. כ'האָב קיין מאָל ניט געאַרבייט, וויל איך זעהן ווי ס'לעבט זיך אַ מענשען אין ארבייט. איך בין שוין צופיעל ארומ־געריסען.

איטע איז מיט אַ שווערען געמיטה אָפּגעגאַנגען פון דער קופּ־קע, פיהלענדיג זיך ניט בכח מעהר צו הערען. איהר שטימונג דערפון, וואָס זי האָט דאָ געהערט, איז געוואָרען טרויעריגער, און עס האָט איהר אויסגעדוכט, דאָס אימיצער שטעהט איבער די מענ־שען, שמייסט זיי מיט אַ בייטש און ניטאָ זיך פון דער בייטש וואו צו בעהאַלטען.

דריי אַלטע ווייבער, אונטערלייגענדיג זיך זייערע קאָפּטעס צוקאָפּען, זיינען געשלאָפען נעבען דער אָפּגעקיהלטער אייוועלע און אויך געכראָפּעט. די ערוואַקסענע האָבען געפּלאַפּעלט און, אָפּריי־סענדיג פון די ווענט שטיקלאַך ליים — געוואָרפען דאָס אין די אַלטע און יענע האָבען בייז געבורטשעט, געפּאַכט מיט די צוקרימ־טע, צושוואָלענע פינגער, ניט וויסענדיג וואָס עס שטעכט זיי. איטע איז פאַרזיכטיג פערבייגעגאַנגען די אַלטע און זיך אוועקגע־זעצט נעבען די אַם'ען. זי איז געווען שרעקליך צובראָכען, און איהר האָט זיך ניט געוואָלט ניט ריידען און ניט הערען. דאָס קינד האָט זיך אַ ריהר געטהאָן, און זי האָט איהם גענומען געבען זויגען.

די צייט איז דערווייל אויף אן אָרט ניט געשטאַנען. ראָזע איז ערשיענען, אויסגעקליבען אַ קופּקע פרויען און איז מיט זיי אוועק. דערנאָך נאָך אמאָל אזוי. דערפון וואָס אין צימער איז געוואָרען ווייניגער מענשען, איז געוואָרען גראַמער און קעלטער. איצט האָט איטע, צו יעדעס מאָל פון ראָזע'ס קומען, געוואָרפען אויף איהר אַ פרעגענדען בליק. אָבער יענע האָט דורך צייכענס איהר געהייסען ווארטען. ארום דריי אזייגער האָט זי זיך דערפיהלט שטאַרק הונגעריג, און זיך ענטשלאָסען אויפצועסען איהר שטיקעל אַלט געבאַקענע ברויט. נאָר ווען מאַניע, — אזוי האָט געהייסען דאָס קראַנקע מיידעל, מיט וועלכע זי האָט זיך אין דער פריה בעַ־קענט, — האָט מיט זשעדניקייט אַ קוק געטהאָן אויף איהר, האָט

זי פאַרגעשלאָגען דאָס מיט איהר צוטהיילען. זיי האָבען זיך ביידע געזעצט נעבען אייוועלע און איטע האָט זיך ענטשלאָסען, פאָלגענ־דיג מאַניען, אוועקלייגען דאָס קינד אויף דער ערד. דאָס ברויט איז געווען צוטהיילט אויף די העלפט און יעדערע האָט עס איילענ־דיג געכאַפּט עסען. ביסלעכווייז האָבען זיי זיך ווייטער צורעדט, נאָר דיזעס מאָל זעהר שטיל. צו דער צייט זיינען אריינגעקומען נאָך עטליכע פערשפּעטיגטע אַם'ען מיט קינדער אויף די הענד, און אין גיכען האָבען געגומען קומען די, וועלכע האָבען זיך צוליעב פערשיעדענע אורזאַכען ניט אָפּגעשטעלט אויף די ערטער, וואָס זיינען פון ראָזען פאַר זיי בעשטימט געוואָרען. דער טומעל האָט זיך בענייעט, און איטען איז אויסגעקומען צו בעקענען זיך מיט נייע אַם'ען.

ראָזע איז ערשיענען צום פערטען מאָל און געהייסען איינע פון די אַלטע אָנהייצען דאָס אייוועלע. ס'איז ווייטער געוואָרען ווארעם. די קינדער האָבען זיך אויסגעהונגערט און גענומען שרייען. ביים קראַן איז אָנגעגאַנגען אַ געוועש פון ווינדעלאַך. די אַם'ען, פלוכענדיג דאָס וואַסער, האָבען זיך ארומגעקריגט אין גאַנץ אָפענע ווערטער. זיי האָבען געאיילט צו ענדיגען די ארבייט, כדי די ווינדעלאַך זאָלען זיך צייט האָבען אויסצוטריקענען ביז דאָס אייוועלע האָט נאָך ניט אָבגעקיהלט.

איטע, אריינגעטהאָן אין די נייע בעקאַנטשאַפט, האָט ניט בעמערקט ווי עס איז אריינגעקומען עפּעס אַן אַלטע פרוי, און האָט זיך אומגעקוקט ערשט דאַן, ווען יענע האָט הויך און שאַרף אויס־געשריען:

— אָט, בין איך אויך דאָ, קינדער, איך בין דאָ, איך בין דאָ.

איטע האָט שטילינקערהייד אָנגעפרעגט ביי דער ערשטער שכנה וועגען דער ניי־געקומענער.

— דאָס איז די אַלטע מינדעל, — האָט יענע געענטפערט,

— אַזעלכע ווי זי איז, וואָלט איך מיט אייך ניט קענען אויס־טראַכטען. עס קען זיין זי איז האַלב צומישט. איך האָב פאַר איהר אַלע מאָל מורא געהאַט. ווארט נאָר, זי וועט אייך שוין זאָגען ווער זי איז.

און די אַלטע האָט מיט איהר ניט ווייבליכע און ניט מענליכע שטימע אויסגערופען:

— ווער וויל אָפּגעבען זייערע קינדער צו האָדעווען? איילט צו, איך בין דאָ.

אָפּוואַרטענדיג פון פאָרמע וועגען אויף אַן ענטפער, האָט זי אַזוי פערענדיגט מיט איהר שרעקליכער שטימע, צווינגענדיג: „פאַראַן ווער עס איז?" אַז אַלע האָבען זיך ניט ווילענדיג אומגעקוקט אויף איהר.

איטע האָט א ציטער געטהאָן און מיט שרעק געכאַפּט איהר אינגעלע, אַזוי ווי די אַלטע וואָלט איהם ביי איהר ווען אָפּנעהמען.

און מינדעל איז אַלץ אַרומגעגאַנגען און געזוכט נייע פּנים'ער. זי איז געווען אַזאַ מאָדנע פון קאָפּ ביז די פיס. זי האָט געטראָגען מענערשע שיך און האָט הויך אונטערגעהויבען פון פלאַר איהרע גראָבע רויטע קליידעל, אַזוי ווי עס וואָלט געווען א בלאָטע אין צימער ביז די קניה. פון אויבען האָט זי געטראָגען עפּעס וואָס האָט דערמאָהנט אָן א פוטעריל, אַרומגענעהט מיט עפּעס בלאָטיגען פוטער, וואָס איז געווען אויסגעקראָכען. איהר קאָפּ אונטער א קאָסינקע איז געווען אַרומגעדרעהט מיט א גרויסען, גרויען שאַל פון וואַנען ס'האָט אַרויסגעקוקט א פליטאָווסקער געלער פּנים מיט אַראָפּגעהאַנגענע הויט און א פּאָר רויטע אויגען, ענטצונדענדע און טרעהרענדיגע.

— ווער וויל אָפּגעבען זייערע קינדער? — האָט זי זיך אָבגעשטעלט נעבען יעדער גרופּע: איהר ניט? איך קען א פרוי וואָס א קעלבעל וואָלט געוואָלט פערזוכען איהר מילך, איהר דאַרפט ניט? פאַר וואָס? ווי דאַרף מען דאָס ניט? איהר וועט דען אונטערוואַרפען אייער קינד? ווילט איהר, וועל איך אייך דאָס אונטערוואַרפען? פאַר 5 רובעל וועט עס נאָך היינט זיין אונטערגעוואָרפען וואו איהר ווילט. ניין? אפשר ווילט איהר, עס זאָל נאָר אויסקומען ווי מען וואָלט עס אונטערגעוואָרפען. איך קען דאָס אויך. איך קען אַלץ. איך האָב אין איין דאָרף א היבשע ביסעל פרויען וואָס ווילען פאַר 30 רובעל אין גאַנצען אַוועקנעהמען פון אייך דאָס קינד און קענען מאַכען אַזוי, אַז איהר זאָלט

שוין מעהר קיינמאָל דערפון ניט וויסען. איהר זאָגט גאָר מיר. איך קען אַליין! נאָר מען דאַרף מיר דערפאַר געבען קליינגעלד, קליינגעלד, קליינגעלד...

זי איז לאַכענדיג אריבער פון איינע צו די אַנדערע און ווידער־האָלט דאָס זעלבע. געשפּאַסט און זיך קונציג רעקלאַמירט, צו־זאָגענדיג טהאָן אַלעס וואָס ס׳איז נויטיג פאַר אַ מענשען אין אַ שווערע מינוט. איטע האָט זיך צוגעהערט, און איהר האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט, ווען יענע האָט צופעליג אַ קוק געטהאָן אויף איהר.

— איהר וועט אָהן איהר ניט אויסקומען, — האָט אַן אַנדערע פון די שכנה׳ס געזאָגט צו איטע׳ן, בעמערקענדיג איהר אויפגע־רעגטקייט, — אָהן איהר, טייגען מיר דאָ אַלע אויף כפּרות. נאָך מעהר אפילו ווי אָהן ראָזע׳ן.

די אַלטע איז שוין געשטאַנען נעבען איטע׳ן, האָט רוהיג אָבגעקערט איהר שאַל און בעקוקט דאָס שלעפעדיגע קינד.

— אָהאָ, — האָט זי געזאָגט. — וואָס פאַר אַ פיינער איי־געל! נאָר צו וואָס, נאָר איינע, האָסטו געבאָרען אַזאַ? קיין ערגערען האָבען האָסטו ניט געקענט? אַן אַם טאָר ניט האָבען קיין פיינע קינדער, ס׳איז אַן עבירה. מען דאַרף האָבען קאַליקע פער־זעהענישען.

זי האָט גראָב אַ קניפּ געטהאָן דאָס קינד און ער האָט זיך צושריען. איטע האָט מיט כעס אָבגעפיהרט פון קינד איהר האַנד.

— ניט זיי אין כעס, שעהנהייט. אַז מען דאַרף אָפּשניידען אַ פינגער קוקט מען ניט אויפ׳ן נאָגעל. דו דאַרפסט דאָך אָפּשניידען פון זיך דאָס קינד. דאָס איז ביי דיר דער ערשטער? אהא, דער־פאַר איז ער דאָס אַזאַ געשמאַקינגער. דו זייג איהם ווענינגער. ער קען דאָך פון דיר דאָס בלוט ארויסציהען, ניט נאָר די מילך. קיי־נער וועט ביי דיר ניט וועלען נעהמען קיין 6 רובעל פאַר אַזאַ ראָד־באַיניק. זאָל ער זיך דורכהונגערען עטליכע טעג.

— איהר זייט אַ משוגענע, — האָט זיך איטע צו כעס׳ט. מאַכען צו הונגערען מיין קינד! וואָס, וואָס, און דאָס וועט ניט זיין.

— נו, וועסטו בעצאהלען געלד, — האט זיך די אלטע צו־לאכט, — געלד, געלד. מיר וועלען נאך רערען וועגען דעם, איך קום דאך אהער יעדען טאג.

זי איז אוועק ווייטער און יענע אם מיט'ן הייזעריגען קול, וואס האט אין דער פריה געשלאגען איהר קינד, האט זי אפגערופען אן א זייט און עפעס שטיל גערעדט מיט איהר.

איטע איז געזעסען אונטער דעם איינדרוק פון דער אלטער'ס רייד און זיך אזוי פערטראכט, אז זי האט ניט געהערט ווי איהר קינד וויינט, שרייעט און ווארפט זיך אויף איהרע הענד.

דערווייל איז דער טאג אוועק און מען האט בעדארפט אוועק־געהן. פיעלע האבען זיך שוין אנגעטהאן. אנדערע האבען זיך מיט בעדויערען אויפגעהויבען פון זייערע ערטער. די אלטע ביים איזוועלע זיינען געזעסען און גע'אי'קעט, זיך בעקלאגט אויף ברע־בעניש, שטעכעניש און, ניט איילענדיג, איבערגעקליבען זייערע שמאטעס, מיט וועלכע זיי האבען ארומגעוויקעלט זייערע פיס ביז די קניה. די פינסטערניס האט זיך ארייגעקליבען דורכ'ן טהיר און פענסטער אין צימער, די ווינקלען פון וועלכען זיינען פער־שוואונדען, ווי קיינמאל ניט געווען.

איטע האט זיך גענומען איילען, און מאניע האט זיך א ווארף געטהאן איהר העלפען.

ראזע איז געקומען. זי איז געווען שרעקליך מיעד און האט געציטערט פון קעלט. איהר טאג האט זיך געענדיגט און זי האט מיט פערגניגען געטרוימט פון אפרוהען. איטע איז צוגעגאנגען צו איהר פרעגען, אויב עס האט זיך וואס ניט געפונען פאר איהר.

— היינט נאך ניט, — האט זי געענטפערט, הייסענדיג פער־בייגעהענד איינע פון די ערוואקסענע איינהייצען דאס איזוועלע. — דיך וועל איך ניט אוועקגעבען גלאט אזוי וואוהין ניט איז. ביי דיר איז אזעלכע מילך, וואס ווענינער ווי 13־14 רובעל טארסטו ניט נעהמען. קום מארגען.

און זי האט זי אבגעלאזען מיט א מאך פון'ם האנד, ווי א — הערשערין. איטע איז געווען בעגייסטערט. 14 רובל, ווען זי האט

זיך גאָר אויף מעהר ניט געריכט ווי אויף 10! איהר מיכל וועט שוין געוויס זיין צופרידען.

זי האָט זיך צוזעגענט מיט ראָזען און איז אין א גוטע שטי־מונג אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט מאַניען, וועלכע האָט זיך פאַר'ן טאָג צוגעבונדען צו איהר ווי א הינטעלע. נאָך זיי זיינען אין א קופּע אַרוים אַלע אַם'ען און אַלע האָבען זיך אָבגעשטעלט ביים טויער צו פאַנאַנדערפרעגען איינע צו די אַנדערע וואוהין ווער עס געהט.

די קעכינס, דינסטען און ערוואַקסענע, וואָס זיינען געגאַנגען הינטער זיי, זיינען זיך גלייך צוגאַנגען, אָבער די אַם'ען זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען און זיך ווי געדונגען ווער מיט וועמען ס'זאָל געהן. זיי זיינען געווען עהנליך צו א סטאַדע בהמה'ס, וואָס פוילען זיך צו געהן אהיים. דערנאָך האָבען זיי זיך פּאַמעליך צושפּרייט, גע־זונקען אין שניי און געבאַלבעט, עס זאָל אויסקומען קירצער די וועג. און די קינדער, וואָס זיינען געלעגען ביי די וואַרימע בריסט, האָבען איינגעשלאָפען און אויפגעהערט זויגען, צוליעב דאָס קוליען זיך פון די מאַמעס.

איטע איז געגאַנגען מיט מאַניען, וועמען זי האָט אוים רחמנות איינגעלאַדען צו זיך נעכטיגען, און ביים זייט איז געגאַנגען יענע אם מיט דער הייזעריגער שטימע, וואָס האָט זיך אין אָבענד גע־סוד'עט מיט דער אַלטער מינדעל.

— איצטער, — האָט זי געזאָגט, — וועט צירעל אויפהויבען די קאָפּ. — וואָס איז אַזוינס קינדער? ווער דאַרף זיי? רייכע. און צירעל איז ניט קיין רייכע. ביי מיר ליעגט דער מאַן אין הקדש מיט אָפּגענומענע פיס. איהר מיינט מען וועט איהם אויסהיילען? נאָך ווי! פון דער שלעכטער קריינק וואָס ער האָט שוין צייט 20 יאָהר, קען מען זיך ניט אויסהיילען און זיינע פיס זיינען איהם פאַרפאַלען. איך האָב געהאַט 10 מפּיל'ם דאַנקען גאָט, און ד ע ר שוואַרץ יאָהר איז פון דעסטוועגען געבאָרען געוואָרען.

איטע האָט טרויעריג געשוויגען. און מאַניע, ניט האָבענדיג אויפ'ן גאָס איהרע ספּאַזמעס, האָט געזאָגט:

— איך וואָלט איהם אין שניי אוועקגעוואָרפען און אוועק פון איהם.

— און צירעל וואָלט עס ניט אוועקגעוואָרפען? — האָט יענע געענטפערט, — נאָר איך האָב מורא. איך האָב מורא פאַר א דיעסאַטניק ערגער ווי פאַר'ן טויט. טראָג איך איהם; שילט און טראָג. איך האָב דאָס מורא צו טהאָן. און איהר טהוט נאָר א קלעהר, אז מעהר ווי 8 רובעל וועט מען מיר ניט געבען. איך בין א קליינינקע, ניט קיין יונגע, און איהר הערט, וואָס פאַר א הייזעריגע. וואָס פאַר א פיינע הויז וועט מיך וועלען נעהמען? וועלען מיך צונעהמען, הייסט עס, אָרימע, וואָס מעהר ווי 8 רובעל וועלען זיי ניט געבען. זאָל כאָטש גאָט געבען, אז ס'זאָל זיין 8. איצטער רעכענט אויס: דאַרף איך פאַר'ן קינד צאָהלען כאָטש 4 רובעל א חודש, און אפשר נאָך 5? אונזערע צייטען זיינען נייע צייטען און פאַר ביליג וועט איהר גאָרנישט קריגען. און מינדעל וועט שוין אַלץ איינאָרדנען. זי האָט פון מיר געוואָלט 20 רובעל, אז איך זאָל פון איהם גאָרנישט וויסען. נאָר איך האָב דאָס אויסגעארבייט פאַר 15. צירעל איז קליגער פון מיר.

איטע און מאַניע האָבען זי געהערט, ניט אונטערברעכענדיג, און זיך געקוליעט, געקראָכען אין שניי. די נאַכט איז אָנגעקומען און אומעדום האָבען זיך אָנגעצונדען פייערלאַך. דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט. איבער'ן איינגעטראָטענעם וועג האָבען זיך געטראָגען שליטען, און די פערד האָבען געקלונגען מיט גלעקלעך. ווערמען ס'איז געוועזן פרעהליך פון זיי און ווימען אומעדיג. די הימעל איז געוועזן ריין, הויך, און האָט גאָרנישט געוואָלט וויסען דערפון וואָס ס'קומט פאָר אונטען. און פון איהם האָט זיך אַלץ ניעדעריגער אראָפּגעלאָזען די נאַכט, אז עס זאָל זיך אויף א צייט ניט זעהן און ניט הערען ווימען עס איז גוט און ווימען שלעכט.

און די פערד זיינען געפלויגען, און די גלעקלעך האָבען געקלונגען.

אַ גאַנצע וואָך איז אַריבער אָהן געווינשטע רעזולטאַטען. איטע איז פּינקטליך געקומען אַלע טאָג צו ראָזען, איז געזעסען ביי איהר ביז אָבענד און זיך צוריקגעקעהרט אַן אויסגעמאַטערטע, אַ מיעדע אהיים, וואו אַ בייזער ווי אַ חיה האָט געוואַרט איהר מיכל.

פאַרערונגען זיינען אויף איהר געווען אַ סך, נאָר אַלע זיינען עפּעס צושטערט געוואָרען. און דאָס האָט זיך שלעכט אָפּגערופען אויף איטען. יעדער איבעריגער טאָג האָט זי אונטערוואָרפען אַלץ אַ גרעסערע געפאהר צו זיין דער׳הרג׳עט פון מיכלען, ביי וועמען עס זיינען געווען גאָר בעזונדערע פּלענער אויף איהר צוקונפט. איצט האָט זי זיך גאָר בעפריינדעט מיט מאַניען און האָט זיך כמעט ניט צושיידט מיט איהר, גליקליך דערמיט וואָס זי האָט כאָטש געפונען איין מענשען מיט ערנסטע נייגונג צו איהר.

זי האָט איהר אָפּגעלאָזען אַ ווינקעל אין איהר קליין קאַמעריל און זיי האָבען ביידע אין אָבענד, ווען מיכעל האָט ניט געמאַכט קיין סקאַנדאַל, גערעדט ביז האַלבע נאַכט וועגען אַ בעסערע צוקונפט.

דער שלאָפעדיגער אינגעלע איז זיך רוהיג געלעגען אויף דער מאַמעס קישעלע. דאָס קליין לעמפּעלע האָט געשיקט דורך דער ניט ריינער גלאָז אַ געלבליכען שיין, איבער די ווענט האָבען זיך שושקענדיג געשאַרט פּרייסען און די רייד פון די פרויען האָבען זיך געגאָסען ווי פון אַ קוואַל.

אין דער פריה מיטנעהמענדיג אַ שטיקעל ברויט, פּלעגען זיי אוועקגעהן צו ראָזע׳ן, און געאיילט האָבען זיי זיך צו קומען פריהער, אַזוי ווי אויף זיי וואָלט שוין געוואַרט אַ שטעלע. ביידע מיט אַ שוואַכער האָפנונג, דאָס דער היינטיגער טאָג וועט מאַכען אַ סוף צו דעם אונערטרעגליכען לעבען. אויפ׳ן גאַס האָט קיין זאַך ניט געצויגען זייער אויפמערקזאַמקייט. און ווען זיי האָבען זיך אַמאָל פערקוקט אין די פענסטער פון די מאַגאַזינען, אָדער אויף די מענשען, וועלכע זיינען געזעסען אין שליטען, צי אויף די פערבייגעהענדע דאַמען און הערען, האָט עס זיי אויסגעדוכט, אַז אין דער ווירקליכקייט עקזיסטירען זיי גאָר ניט, ס׳איז נאָר עפּעס אַ מין צוגאָב צום גאַס. דאָס איינציגע וואָס איז געווען רעאַל און

וויכטיג זיינען געוועזן זיי, זייערע אינטערעסען, ראָזען און די קאָנקורירענדע אַם׳ען מיט דיענסטען.

ביי ראָזע׳ן זיינען זיי געזעסען איינע נעבען דער אַנדערער און מיט פֿאַרדראָס צוגעקוקט ווי אַנדערע פרויען האָבען זיך פֿאַר זייערע אויגען געפּוצט ערטער. יעדער טאָג האָט די גרויסע דורשטיגע האַנד פֿון שטאָט ארויסגעכאַפּט אַ קופּע שקלאַפּינען, אַנדערע ארויסגעוואָרפען. בעאָבאַכטענדיג דעם אויסבייט, וואָלט מען געקענט זעהן די שטימונג פֿון דער שטאָדט, וואָס איז געוועזן אַזוי פּיעל קאַפּריזנע ווי דער באַראָמעטער. היינט זיינען ארויסגעוואָרפען געוואָרען אונפעהיגע, דאַרע, שלעכטע און איינגעשלונגען געוואָרען געזונדטע; און מאָרגען האָבען שוין די געזונדטע, די גוטע, ניט געטויגט, עס האָבען זיך שוין ווי געפּאָדערט קאַפּריזנע, שלעכטע, בייזע קראַנקע.

דאָס צימער איז אייביג געוועזן איבערפילט, און אייביג האָט זיך אין איהם אָנגעקליבען די שטימע פון לעבעדיגען לעבען מיט אַלע זיינע שטן׳ס: — גייציגקייט, זינד, קנאה און לשון־הרע. אהער זיינען אָנגעקומען אַלע סענסאַציאָנאַלע פּאַסירונגען פון שטאָדט, וואָס זיינען אויסגעוואַקסען אין די שרעקליכסטע לעגענדען. און וואָס פּיקאַנטנער, ציינישער די געשיכטע איז ארויסגעקומען, אַלץ מעהר ערפֿאָלג האָט עס געהאַט.

הריגה׳ס, גניבות, רויבערייען, גט׳ן, געשלעגען, אויסגעלאַסענהייט אין די ערגסטע פאָרמען און טרוימערישע סענטימענטאַלע ליעבעס־צופּעלע זיינען דאָ געוועזן אין פולער אַנערקענונג, און די פרויען האָבען זיך גע׳סמ׳ט דערמיט מיט אַזאַ דורשטיגקייט, ווי מען סמ׳ט זיך אין אַנדערע קרייזען מיט געמבלען, אָפּיום אָדער מאָרפין. אהער האָבען זיך דערטראָגען אַלע איינצעלהייטען וועגען אַלע פעלערין פון די בעלי הבתים. אַלעס וואָס מען האָט פון בעדינער ניט געקענט אויסבעהאַלטען. עס איז אַלעמען בעוואוסט געוועזן די אורזאַכע פון אָפּזאָגען וועמען פון אַן אָרט. וועגען די, וואָס האָבען זיך שוין איינגעאָרדענט, האָט מען דערצעהלט די אינטימסטע פּאַסירונגען אין זייער לעבען. אין דעם מאַרק, וואו מען האָט הויך בערעדט אַלעס, האָט יעדער געפונען אַזאַ שוהלע

פון אונמענשליכע חכמה, דאָס דער קלענסטער אָפּשיין פון גוטעס האָט זיך געמוזט פערליערען.

פון אָנהויב האָט אָט די ליעבע, הארציגע היים אויסגעזעהען איטע׳ן ווי א זומפּ, און זי האָט מיט אַלע קרעפטען געבעטען האָ־זע׳ן צו קריגען איהר א שטעלע. ניט ווילענדיג האָט זי מיט קנאה צוגעקוקט, ווי עס זיינען שוין פערשוואונדען אין דער שטאָדט׳ס גרויסען מויל די דריי אלטע צושוואומענע אידענעס, די דערוואַק־סענע און אלע אס׳ען, וועלע זי האָט דאָ צום ערשטען טאָג געטראָ־פען; אפילו צירעל איז איינגעשלונגען געוואָרען און זי איז נאָך אַלץ געזעסען מיט איהר נייע פריינדין, אזוי ווי קיינער וואָלט זי ניט בעדאַרפען.

אין די לאַנגע טעג האָט דאָס פייגליכע זיצען מיט א שטיקעל ברויט אין קעשענע, געקויפט פאר׳ן לעצטען גראָשען ארויסגעקריגען פאר די לעצטע פאר׳משכנ׳טע זאכען, א פארמאַטערטע פון קינד, וואָס האָט אָן איהר ווי נקמה גענומען דערפאר וואָס ביי איהר איז אַלץ ווענינער מילך געווען פאר איהם, האָט זי ביסלעכווייז דער־צעהלט מאניע׳ן פון איהר לעבען.

— איהר זעהט, — האָט זי איהר איינמאָל געזאָגט, — עס זיינען פאראַן מענשען, וועלכע עס געהט אין קיין זאך ניט. און וויפיעל מען זאָל זיך ניט קליגען קען מען געגען שיקזאַל גאָרנישט ניט טהאָן. צו אזעלכע מענשען בעלאַנג איך. עס געהט מיר ניט. אָט נעהמט מיין קינד, ער איז געזונד און שטארק, נאָר אויך דער־מיט איז אַלץ געגען מיר, בעדאַרפט בעסער האָבען א קאַליקע. מילך איז ביי מיר גוטע, און פונדעסטוועגען האָט צירעל פריהער פון מיר געקראָגען אַן אָרט. אפילו דאָס גוטע, וואָס איך פערמאָג, איז ווי איבעריג פאר מיר, עס שטערט מיר אין לעבען.

— עס קען זיין דאָס איז אזוי — האָט מאניע פערטראַכט געענטפערט, — נאָר איך קלעהר, דאָס איך איז שלעכט דערפאר, וואָס ביי אייך איז א צו ווייכע נאַטור. מיר, כדי צו קענען ווי עס איז לעבען, דאַרפען זיין אויסגעשמיעדט פון אייזען. קיין אנ־דער רעטונג איז נאָך ניטאָ.

— איך האָב דאָך געפּרואווט, מאַניע, און עס קומט גאָר נישט ארויס, ווייל מיר געהט ניט. איך האָב געדאַרפט געבאָרען ווערען מיט מיין כאַראַקטער, ווען איך האָב, למשל, חתונה געהאַט: מיין מאַמע האָט איבערגעקליבען מענשען פאַר מיר, מעגט איהר מיר גלויבען אזוי אויפמערקזאַם, אזוי ווי זי וואָלט עס אליין דאַרפען חתונה האָבען, — נאָר פאַר זיך האָט זי אויסגעקליבען אָן אויסגעצייכנטען מאַן. אז עס איז געקומען צו מיר, האָט זי געמאַכט אזא טעות, אז ס'האָט געפּאַטערט מיין לעבען אויף אלע מאָל. איך בין אויסגעוואַקסען אין א גוטער, עהרליכער און שוין גאָר ניט אָרימער הויז־געזינד. די עלטערען האָבען מיך געליעבט. איך האָב געלעבט ווי א בעלי הבית'ישע טאָכטער; דער טאַטע האָט ביז'ן לעצטען זיפץ געאַרבייט, אז אונז זאָל גאָרנישט פעהלען. די צייט איז געוועזן די בעסטע אין מיין לעבען, נאָר דאָס האָט לאַנג ניט געדויערט. דער טאַטע איז געשטאָרבען, ווען איך בין 14 יאָהר אלט געוועזן. דער ברודער איז פּונקט יענעם יאָהר אוועק אין סאָלדאַטען און איך מיט דער מאַמען האָבען זיך אליין אָבגעשטעלט. אונז איז געוועזן זעהר שלעכט. נאָר די מאַמע האָט דאָך ניט געוואָלט ריהרען פון מיין נדן. אזוי האָבען מיר זיך געמאַטערט ביז איך בין 18 יאָהר אלט געוואָרען, דאַן האָב איך חתונה געהאַט. איצטער קלעהר איך, פאַר וואָס האָב איך פאַר איהם חתונה געהאַט? איך האָב דאָך ניט געוואָלט. און מיין האַרץ האָט מיך דערפון אָפּגעהאַלטען, נאָר איך האָב ניט געקענט אויס רחמנות צו דער מאַמען געהן געגען איהר ווילען, האָב איך איינגעשטימט און בין אריינגעפאַלען. גלייך נאָך דער חתונה האָט זיך אויסגעוויזען דאָס מיין מאַן האָט א ווייב און זי לעבט, נאָר זי איז אנטלאָפען פון איהם, איבערלאָזענדיג איהם 4 קינדער. ווי האָב איך דאָס גאָר געקענט דאַן אריבערלעבען? און מיינע דריי הונדערט רובעל איז שוין געוועזן אין זיינע הענד. איהר זעהט, וואָס פאַר א גליקליכע איך בין, — האָט זי מיט טרויער א שמייכעל געטהאָן, — עס געהט ניט, זאָג איך אייך. צום גליק בין איך ניט שוואַנגער געוואָרען; נאָר אָפּבינדען זיך פון איהם איז מיר אויך ניט גרינג אָנגעקומען. איך האָב צוויי יאָהר, וואָהנענדיג ביי דער

מאַמען, זיך געמאַטערט ארויסצוקריגען פון איהם א גט, און נאַר דורכ'ן געריכט האָב איך זיך דערצו דערשלאָגען.

דאָס קינד האָט זיך צואוויינט. איטע האָט זיך געשטעלט איהם איינצושטילען. האַלטענדיג דעם איינגעלע אויף די הענד, זיך צונויפבויגענדיג אין צווייען, האָט זי אליין געהאַט א פּנים פון אן אונשולדיג, נייגעבאָרען קינד.

— וואָס פאַר א ליעבע איהר זייט! — האָט מאַניע אויסגע־רופען — דאָס אַלץ וואָס איהר רעדט איז זעהר ניט גוט און מען וואָלט שוין בעדאַרפט גאָר אַנדערש האַנדלען, נאָר ווען איך הער און קוק אויף אייך, הויבט זיך מיר אָן צו דוכטען דאָס איהר זייט גערעכט.

— מען קען ניט וויסען ווער עס איז גערעכט, — האָט איטע געענטפערט, זיך זעצענדיג, — טהוסט אזוי ווי דו קענסט, און ניט ווי דו ווילסט. גוט איז נאָר יענעם, וועמען עס געהט גוט.

— ווי אזוי זייט איהר זיך צונויפגעקומען מיט מיכלען?

איטע האָט איהר ניט צייט געהאַט צו ענטפערען, ווארום ראָזע איז געקומען אָפּצוקלייבען א נייע פאַרטיע. די אַם'ען האָבען זיך ווי די בינען אָנגעוואָרפען אויף איהר און אזוי פערשטעלט, אז מען האָט זי ניט ארויסגעזעהן. ראָזע האָט אויסגעקליבען, שווע־בענדיג איבער זיי מיט איהר בליק. עס איז אריינגעקומען מינדעל און אויסגעשריען מיט איהר שרעקליכע שטימע: „איך בין דאָ, איך בין דאָ, דאָ, דאָ!"

— האָזע וועט מיך ווייטער ניט נעהמען, — האָט איטע א זיפץ געטהאָן זיך ווענדענדיג צו מאַניע'ן.

— און מיך אויך ניט, — האָט יענע געענטפערט מיט א פערשטיקטען פּישטש.

צו זיי האָט זיך צוגעזעצט עפּעס אן אַם. זי איז געווען זעהר א דיקע, א נידעריגע. ווען זי איז געגאַנגען, איז ניט קענטיג גע־ווען ווי זי שטעלט איבער די פיס און עס האָט זיך אויסגעדוכט, ליובאטשקע פאַר איהר שטאַרקע ליעבע צו איהר ל י ע ב ע ן.

— איהר זייט נאָך ניט אָנגעקומען אויף אן אָרט? — האָט דאָס זי קייקעלט זיך. די אַם'ען האָבען איהר א נאָמען געגעבען

זיך ליובאַטשקע פּעריוואונדערט געוועגדעט צו איטען. די שטימע איז ביי איהר געווען פּריקרע זיס, — אַך, וואָס פאַר אַ שעהנינ־קער אינגעלע ביי אייך איז! אַ קוקלעטשקע — האָט זי איהם פאַרזיכטיג אַ קניפּ געטהאָן אין בעקעלע.

— אַ דאַנק אייך, — האָט איטע אַ צופריעדענע דערפון גע־ענטפערט, — אָבער אייער קינד איז אויך זעהר אַ ליבענקער. אמת, מאַניע?

— וואָס רעדט איהר? — האָט ליובאטשקע מיט געמאַכטען שרעק אויסגערופען, — איהר לאַכט איבער מיר. מיינער אַ לי־בענקער? ער איז דאָך געראָטען אין אַ גע׳פּגר׳טע קעצעלע. איך בין דאָך אַ דיקע, אמת? און ער, ווי אַ מאַלפּעטשקע. איהר זאָלט אויף מיין פעטקייט ניט קוקען, דאָס איז נאָר שעהן פאַר׳ן אויג. מיר איז פאַר מיין פּראָפעסיע אַ גרויסער ביוסט נויטהיג און דאָס איז אפילו ביי מיידלעך גרעסער ווי ביי מיר, די פעט־קייט מיינע האָט עס אויפגעגעסען.

— וואָס׳ער ברוסט בעווייזט איהר? — האָט זי ליובאטשקע פּלוצלונג אַ פרעג געטהאָן. — איהר ווילט, וועל איך אייך געבען אָן עצה, בעווייזט אלעמאָל די לינקע — זי איז ביי אַלעמען גרע־סער פון דער רעכטער, דאָס ווייס קיינער ניט, נאָר איך ווייס. איך בין אַ געניטע, שוין דאָס פערטע מאָל ווי איך געה פאר אן אַם און פערשטעה אַלע קלייניגקייטען. נאָר ווייסט איהר וואָס מיר שטערט גיך אָנצוקומען אויף אַ פּלאַץ? בריסט. אַלץ איז גוט ביז איך ווייז דאָס ניט. דערגעהט דערצו איז אַלץ פערפאלען. וואָלט כאָטש דאָס קינד מיר געווען דיק, איז דאָס אויך ניט. אָבער דער־פאר, אז מען נעהמט מיך שוין צו, ווער איך ווי צוגעוואַקסען צום אָרט, אז הונדערט מענשען וואָלטען מיך פון איהם ניט קענען אָפּ־רייסען. איך קען געפעלען ווערען די בעלי הבית׳טעס. זיי וויי־נען ווען זיי דאַרפען זיך מיט מיר צו שיידען; אָט ווי געשיקט איך בין!

ראָזע האָט שוין אויסגעקליבען איהר פּאַרטיע און איז אוועק. מינדעל האָט זיך דערנעהענט צו זיי פאַרצושלאָגען איהרע דיענ־סטע.

— ווייסט איהר וואָס איך האָב אייך געוואָלט אַ בעט טהאָן ?

— האָט ענדליך ליובאַטשקע געזאָגט צו איטען, — אנטלייהט מיר אייער קינד. טהוט אַ גוטע זאַך. איך וועל איהם נאָר נעהמען אויף צו ווייזען; דאמאלסט וועט שוין מיין פעהלער ניט האָבען קיין בעדייטונג. אין אָוועגד וועל איך אייך צוריק געבען אייער איינגעלע. טהוט אַ גוטע זאַך; אין דערהיים האָב איך דריי קינדער און זיי לעבען נאָר דערמיט, וואס איך פערדין דיענענדיג, מיין מאַן פערדינט דאָך גאָר ניט.

איטע האָט פערשטאַנען וואָס ס'איז געווען בעהאַלטען הינטער די לעצטע ווערטער, נאָר זי האָט זיך געפיהלט אין אַ גרויס פערלעגענהייט. איהר האָט זיך זעהר געוואָלט העלפען דער אָרימער פרוי, וועלכע האָט איהר אָנגעהויבען געפעלען צו ווערען, ניט קוקענדיג אויף איהרע מינעלאַך און צו זיסינקע שטימעלע. זי האָט געוואָרפען אַ בליק אויף מאַניען צו בעראַטען זיך מיט איהר, ווען די הילף איז פלוצלונג פון אַן אונערוואַרטעטער זייט געקומען. מינדעל דערהערענדיג וואָס ליובאָטשקע האָט געבעטען, האָט זיך פלינק דערנעהנט און אויסגעשריען:

— די פרוי וועט ניט געבען איהר קינד. געה אהער, דו גראָבער נאַר, ט'געפונען ביי וועמען צו בעטען, קום און מיר'ן ריידען!

ליובאַטשקע האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען און איז אוועק מיט דער אַלטער. דאַן האָט מאַניע ווייטער געפרעגט:

— איז ווי פונדעסטוועגען זייט איהר זיך צונויפגעקומען מיט מיכלען ?

— דאָס איז אַ גאַנץ לאַנגע געשיכטע, נאָר איך וועל עס אייך אין קורצען דערצעהלען. ווען איך האָב, ענדליך, געקראָגען אַ גט, האָב איך זיך שוין אין דער אייגענער שטאָדט ניט געקענט אָפּשטעלען און בין געקומען אהער. דאָ איז ביי מיר געווען אַ ווייטע קרובה, פון דער מאַמע'ס צד, ניט קיין אָרימע און איך האָב ביי איהר גענומען דיענען. אין צוויי יאָהר ארום איז שוין ביי מיר געווען אָפּגעשפּאָרט 120 רובעל און איך האָב מיך דערפיהלט ווייטער אויף מיינע פיס. איינמאָל האָב איך ביי מיין איינציגע חבר'טע, — זי איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבען פון אַ קימפּעט, — זיך בעקענט

מיט א יונגען מאַן. דאָס איז געווען מיכל. ער איז מיר געפעלען געוואָרען און איך האָב איהם אין גיכען ליעב בעקומען. ער האָט זיך אַזוי גוט געהאַלטען מיט מיר, אַז איך האָב ניט געקענט איהם ניט ליעבען. מיין חבר'טע'ס געליעבטער האָט מיר פערזיכערט, דאָס מיכל אַרבייט אויף אַ פאַבריקע און פערדיענט 30 רובעל אַ חדש. איך האָב געגלויבט, אַז דאָס איז אַן אמת. אַזוי אַז, ווען מיכל האָט מיר פאָרגעשלאָגען חתונה צו האָבען מיט איהם, האָט מיר אויסגעוויזען, דאָס איך האָב ענדליך געפונען מיין גליק. ער האָט אָבגעלייגט די חתונה אויף אַ האַלב יאָהר, ווען מען האָט איהם געדאַרפט העכערען דאָס געהאַלט. איך האָב, פערשטעהט זיך, איינגעשטימט און זיך אינגאַנצען איבערגעגעבען צו איהם. אין אַ צוויי חדשים ארום האָב איך בעקומען דעם ערשטען קלאַפּ. דער בעל הבית פון פאַבריק איז געוואָרען באַנקראָט און מיכל איז געבליבען אָהן אַרבייט. אויב דאָס איז געווען אמת, ווייס איך נאָך איצט אויך ניט. דאָמאָלסט האָט ער געדיינקט צו עפּענען אַן אייגענעם געשעפט. ער האָט מיך אין דעם אַזוי איינגערעדט, אַז איך האָב איהם גלייך אַוועקגעגעבען הונדערט רובעל. ער איז געוואָרען נאָך צערטליכער און ביי מיר האָט זיך גאָר פערדרעהט מיין קאָפּ. אין אַ חודש ארום האָב איך שוין געטראָגען... און פון מיינע געלד איז ניט געבליבען אַ קאָפּיקע. איך האָב מיך געפונען אין זיינע הענד. דערוואוסט זיך פון מיין לאַגע און נאָך אָהן געלד, האָט ער מיך פון אָנהויב געזידעלט און דערנאָך געשלאָגען פאַר יעדעס וואָרט, וואָס איז איהם ניט געפעלען געוואָרען. וועגען חתונה האָבען האָב איך שוין ניט געוואַגט צו דערמאָהנען, און אַזוי ווי איך האָב איהם נאָך געליעבט, האָב איך איהם אַלץ געשיינקט און נאָר מורא געהאַט ער זאָל מיך ניט אַרויסטרייבען. די שטעלע האָב איך געמוזט וואַרפען און אָהן געלד, אַ פערמאַטערטע פון איהם, האָב איך געבאָרען דאָס קינד. איצט בעט איך זיך שוין ביי איהם ער זאָל מיך אַוועקוואַרפען, נאָר ער וויל ניט. ער ציהט פון מיר ארויס אַלץ וואָס ער קען. שוין אַ האַלב יאָהר, צייט איך ווייס, דאָס ער איז אַ זשוליק, אַ גאַ[illegible]שט, און וואָס ער האָט זיין גאַנצען לעבען געלעבט דערפון, ו[illegible] ער האָט פערנאַרט מיידלאַך און זיי געצוואונגען אַרבייטען פאַר איהם.

איהר האָט איהם ניט געזעהן אין כעס, ווייל ער קריגט נאָך ערגעץ וואו געלד. אָבער איך האָב שרעקליך מורא פאַר איהם. ווען ער קומט אריין אין כעס קען ער מיך הרג'ענען. ווען איהר וואָלט זעהן מיין לייב, וואָלט איהר זיך דערשראָקען, אזוי שווארץ איז דאָס פון סיניאַקעס.

— איך וואָלט איהם ביי־נאַכט געקוילעט! — האָט מאַניע אָן אויפגערעגטע אויסגעשריען. — אזא געמיינער! איך פערשטעה ניט, ווי ליידט איהר דאָס פון אזא מענשען.

— דאָס קען מען ניט ערקלעהרען, — דאָס מוז מען אליין דערפיהלען. ערגער פון די מענשען קען גאָר ניט זיין. אָט איהר וועט זעהן, וואָס היינט וועט זיין, אויב ער וועט זיך דערוויסען, דאָס איך האָב זיך נאָך ניט איינגעאָרדענט. ער קלייבט אין זיך עפּעס די גאַנצע צייט אויף מיר. איך ציטער צו געהן א היים. נאָך גוט, וואָס איהר זייט מיט מיר, וועט איהר כאָטש דאָס קינד אָב־היטען. מיט א פּאָר וואָכען צוריק האָט ער דאָס קינד שיער ניט דער'הרג'עט.

— אָט דאָס איז א גזלן!

— עס איז געווען נאָך ערגער. יע, א שווערער לעבען איז מיינער. אָט קום איך אָן אויף א פּלאַץ און ציטער, צו וועט ער מיר לאָזען דיענען. וועגען געלד רייד איך שוין ניט, — ער וועט סיי ווי סיי אָבנעהמען; נאָר וואָלט ער מיר כאָטש לאָזען דיענען, וואָלט כאָטש מיין לעבען ניט געווען אין געפאהר, און דאָס קינד וואָלט איך בעזאָרגט.

זיי האָט אונטערבראָכען א טומעל. צוויי אָמ'ען האָבען זיך צושלאָגען. זיי האָבען געהאַלטען די קינדער אויף די הענד, דראָ־הענדיג מיט הרג'נען, זיך איינגעטשעפּעט איינע אין דער אַנ־דערער'ס האָר פאַרשטעלענדיג מיט זיך איין מאַסע, און שרעק־ליך געקוויטשעט. מאַניע האָט געפרעגט ביי איינער, פאַרוואָס זיי שלאָגען זיך.

— פאַר א ליובאָווניס, — האָט יענע געענטפערט, — ביי איין געליעבטער, נו, האָבען זיי זיך צושלאָגען.

האָט זיי קוים פאַנאַנדערגענומען. זיי האָבען אויסגע־

קוקט שרעקליך מיט זייערע צופאטעלטע האר, מיט זייערע מיט בלוט פערגאסענע פנימ'ער, וואס האבען געקוקט מיט כעס און ווילדען האס. זיי האבען זיך נאך אלץ געקריעגט מיט די מיאוס'טע ווערטער, וואס האבען זיך ביי זיי ארויסגעריסען אזוי פריי, אזוי ווי זיי וואלטען געווען מענער. אנדערע אמ'ען האבען, מיט שלעכט בעהאלטענע אינערליכע פרייד, זיי געפיהרט איינציגוויים צום קראן, וואו זיי האבען זיי איינגעוואשען, כאטש זיי האבען זיך גע־ריסען און געבריקעט ווי משוגעים. די געשיכטע האט אלעמען אויפגעלעבט און געדיענט פאר א טהעמא צו ריידען אויף די אי־בערגעבליבענע צייט פון טאג.

ווען ראזע איז געקומען, איז שוין אלעם געווען אין ארדנונג און עס איז ניט געבליבען קיינע צייכענס פון געשלעג. עטליכע ליעבהאבערינס פון אזעלכע זאכען האבען איהר מיט פערגניגען דערצעהלט פון דער פאסירונג, פאנאנדערפארבענדיג עס און אי־בערדייסענדיג איינע ביי די אנדערע די פאדים פון דער ערצעהלונג. ראזע האט געוואלט עפעס ענטפערען, נאר דערזעהענדיג איטע'ן האט זי איהר געזאגט:

— עפעס זעהט זיך פאראויס פאר דיר. קענסט איצט געהן אהיים, נאר קום אומבעדינגט מארגען. דאס מאל וועט שוין זיין, קלעהר איך, גוט.

איטע איז געווען אויסער זיך פאר פרייד. לפנים וועגען איז זי געזעסען נאך אביסעל צייט, נאר זי האט זיך אויף קיין זאך ניט געקענט אין געדאנק אפשטעלען. זי האט געהערט פון ארום אפ־געבראכענע געשפרעכען און ווי א מאניאק וויעדערהאלט פרעמדע פראזען א סך מאל. די קאפ איהרע און הארץ זיינען געווען ווייט פון דעם פלאץ. ענדליך האט זי ניט אויסגעהאלטען און איז אויפ־געשטאנען.

— איהר וועט געהן צו מיר? — האט זי זיך געווענדעט צו מאניען, — קענטיג דאס איהר וועט זיך שוין היינט אויך אויף גאר נישט דערווארטען. איך וועל עפעס קויפען און מיר׳ אפעסען. מיינע געשעפטען ווערען דאכט זיך בעסער.

מאניע האט זיך אפילו געוואלט אפזאגען, נאר ניט –

וואָס זאָל מיך ליעב האָבען — אָן דעם דאַרף מען אויף אַלע מאָל פערגעסען. וואס נאָך? ווירקליך, איך וויים ניט פון פרעהליכעס, אזוי וועל איך מיך שוין דערשלעפען צום קבר.

איטע איז געשווינד אוועק איבער'ן הויף, ניט אראפּנעהמענדיג די אויגען פון הויז. די קאמערעל איז געוועזן בעלויכטען. אימיצער האָט זיך דאָרט ארומגעדרעהט און ווי געזוכט עפּעס, ווייל דאָס ליכט האָט זיך געוויזען און איבערגעלאָפען פון איין אָרט צו א צווייטען. ביי איטען האָט זיך דאָס הארץ צונויפגעדריקט פון שרעק.

— וואָלט ער מיך כאָטש היינט געלאָזען צורוה, — איז ביי איהר דורכגעלאָפען א געדאנק.

זי האָט צועפענט די טהיר און, דאָס ליכט וואָס איז ביז איצט ארומגעשפּרונגען, איז פּלוצלונג ווי פערקיהלט געוואָרען אויף איין אָרט. עס האָט זיך דערהערט א שווערער אָטהעמען. איטע האָט אינסטינקטיוו אָנגעשטעלט די האנד, מיט'ן עלענבויגען פאראויס צו פערטהיידיגען דאָס קינד.

מיכל איז אָהן א רעקעל, אין א זשילעטקע מיט א וואַרימען רויטען שאַל ארום האלז, געשטאַנען נעבען איהר. זיין פּנים האָט געפלאַמט פון צאָרען. די מוסקלען זיינען אויף איהם ארומגעלאָפען אין אלע ריכטונגען, אָנגעשטריינגטע, שיער וואס ניט צורייסענדיג די אָנגעצויגענע איבער זיי הויט. א געדיכטע רויטקייט איז געלעגען אויף זיין שטערען, אויערען און האלז; די אָדערען זיינען בולט ארויסגעטראָטען און דייטליך געשלאָגען. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, א געשריי טהאָן נאָר ער האָט זיך אזש פערכלינעט פון ספּאַזמעס. איטע איז געשטאַנען מיט איהר אויסגעבויגענער ווי א האָרן האנד און דאָס געזיכט איז ביי איהר געוועזן רוהיג ביז שרעק... מאַניע האָט א פּאָר מאָל א פּישטשע געטהאָן. עס האָט זיך דערהערט א קלאַפּ און ס'איז געוואָרען שטיל. איטע איז פון דעם קלאַפּ געוואָרען א קליינינקע אזוי ווי מען וואָלט פון איהר אויסרייסען די פּיס. זי איז געזעסען אויף דער פּאָדלאָגע, ניט ארויסרעדענדיג קיין וואָרט און, אוועקלייגענדיג דאָס קינד, וועמען מאַניע האָט געשווינד געכאַפּט אויף די הענד, זיך געסטאַרעט

צו פויזען צום בעט. מיכל האָט זי אונטערגעהויבען ביים שאָל. זי איז צונויפגעבויגען געוואָרען און מיט זיך דערמאָנט אָן א טויטען וואָס איז פערגליווערט געוואָרען אין דער פּאָזע. ער האָט ניט אויסגעהאַלטען איהר שווערקייט און זי מיט א קללה געגעבען א וואָרף און גענומען שלאָגען וואו ער האָט געטראָפען. איטע האָט געשיקט אויסגעהיט איהר געזיכט, געדיינקענדיג דאָס איהר ערוואַרט מאָרגען א שטעלע. זי האָט נאָר אונטערגעשטעלט די פּלייצע דעם רוקען, אויסבויגענדיג זיך ווי א קאַץ, און די קלעפּ האָבען זיך הויך אָפּגעקלונגען אזוי ווי איבער א פּוסטער פעסעל. דערנאָך האָבען איהם די קלעפּ ווי אויסגעוויזען צו זיין ניט גענוג, און ער האָט איהר מיט די פיס געשלאָגען אין זייט. זי האָט פערשטיקט געקרעבצט און ווייטער געוואָלט פויזען צום בעט. מאַניע איז ווי פּאַראַליזירט געוואָרען פון שרעק.

— אזוי האָסטו דאָס מיר איבערגעלאָזען געלד? — האָט ער א געשריי געטהאָן, פערפאָלגענדיג זי נאָך מיט זיינע קלעפּ. — א גאַרישען אינגעל האָסטו זיך געפונען, וואָס דו וועסט איהם פיהרען פאַר'ן נאָז? איך וועל פון דיר די נשמה ארויסטרייבען פאַר אזעלכע שטיק. רייד, פאַר וואָס האָסטו קיין געלד ניט איבערגעלאָזען? וואַרט, דו וועסט שוין געהן דיענען!

איטע האָט זיך מיט פערצווייפעלטע אָנשטרענגונג אויפגעהויבען און זיך געזעצט אויפ'ן בעט. וואָס זאָל זי איהם זאָגען? דאָס זי האָט קיין געלד ניט געקאָנט קריגען וויפיעל זי איז נעכט ניט אומגעלאָפען? וועט ער דען גלויבען? זי האָט זיך שווייגענד גענומען אויסטהאָן און געוויינט שטיל, אין זיך.

— וואָלט כאָטש דער טויט געקומען גיכער — האָט זיך איהר א קלעהר געטהאָן.

דאָס קינד האָט זיך צושריען. מאַניע איז איהר צוגעגאַנגען העלפען מיט'ן קינד, האָט אויפ'ן וועג ניט אויסגעהאַלטען און געזאָגט מיכלען:

— איך וואָלט אייך גע'הרג'עט, ווען איך וואָלט געווען אויף איהר אָרט. איך וואָלט אייך ניט אַנדערש ווי געקוילעט ביי נאַכט.

איהר זייט דאָך א גזלן. זעהט, וואָס איהר האָט פון איהר געמאכט.

— דער טייפעל וועט זי נאָך ניט נעהמען ! — האָט ער פינסטער געענטפערט, — זי וועט נאָך אויסהאלטען מעהר. זי האָט געוואוסט אז איך דארף געלד, פאר וואס האָט זי דאָס ניט געקראָגען ? זי פערפיהרט מיט מיר א נייע שפיעל. מיר׳ן זעהן. אבער זי וועט זיך א לעבעדיגע פון מיר ניט ארויסדרעהען.

— א פיינע מיידעל ! — האָט זיך דערהערט אימיצענס שטימע ביים פענסטער. — אָט אזא דארף איך טאקע. וואָלט איהר איהם טאקע אוועקגעקוילעט ? זאָגט עס נאָך אמאָל.

מאניע האָט זיך דערשראקען ארומגעקוקט. זי האָט אין דער דונקעלהייט ניט בעמערקט דאָס עס האָט זיך געפונען אין קאַמער א זייטיגע פערזאָן.

דער וואָס האָט זיך אָפגערופען איז געווען „דער רויטער יאַשקע״, איינער פון מיכל׳ס פריינד וועלכע פלעגען אָפטמאָל קומען צו איהם. יאַשקע איז ווירקליך געווען א שעהנער, נאָר מיט א בעזונדערען שטעמפעל פון וואולגאריטעט. דאָס איז געווען די שעהנהייט פון אן אלפאָנס. אן אויפרעגענדע און בעצויבערנדע מיט איהרע צארטע, גלייכמעסיגע איינצעלנע שטריכען, מיט א מין ווייבליכע ווייכקייט אין פאָזע, פוילע געצויגענקייט אין שטימע און אויסערליכע פערפוצטקייט. אזעלכע מענשען זיינען דאָס רוב פון ניעדריגען וואוקס, טראָגען אויף די פינגער ברייטע רינגען, אויפ׳ן האנד בראסליעטען און בעזיצען אן אייזערנעם ווילען, אין וואָס עס בעשטעהט זייער הויפט קראפט.

מאניע האָט אויף איהם א קוק געטהאָן און איז רויט געוואָרען ביז איבער די אויערען, אזוי האָט ער זי איבערראשט און מיט אמאָל ווי בעצויבערט.

— עס איז נישט אייער געשעפט, מישט זיך ניט, — האָט זי מיט געמאכטע אונגעצוואונגענקייט געענטפערט, — און דאָס וואָס איהר דארפט מיך, דערצעהלט אייער שטן. מיך לאָזט בעסער צורוה.

ווען זי האָט געפיהלט גוט האָט זי דער שלוקערץ וויינינגער

פערפאָלגט. זי האָט נאָר שוואַך א איקע געטהאָן און גענומען העל־פען איטען, און יענע, קומענדיג צו זיך, האָט שטיל גערעדט:

— איך האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט, מיכל, דו זאָלסט מיך בעסער אוועקוואַרפען, און איך זאָג איצט די זעלבע זאַך. איך טויג ניט פאַר דאָס וואס דו דאַרפסט האָבען. און שלאָגען א מענשען איז א קנאַפּער פערגניגען. געה זיך דו אין איין זייט, און איך וועל געהן אין אַן אנדערער. איך וואָלט זיך, מיכל, אפילו אויסגעקויפט ביי דיר, ווען איך וואָלט געהאַט געלד.

— שוויג, ברייננ מיך ניט אריין אין כעס, — האָט ער בייז געזאָגט. — אויף א שטעלע, ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט, וועסטו מיר ניט געהן. וואָס אנבעלאַנגט געלד, וועל איך עס שוין פון דיר אויסקלאַפּען. דו זעהסט דעם פויסט? טהו א קוק אויף איהם ווי עס דאַרף צו זיין. אין איהם ליעגט דיין טויט. געדיינק דאָס. מאָרגען וועסטו ארויס אין גאַס און ברענגען געלד. גענוג שוין צו סטראָיען צערעמאָניעס.

— אָט דאָס, מיכל, — האָט זי רוהיג געזאָגט, — וועל איך קיינמאָל ניט טהאָן. קענסט מיך אפילו שוין הרג'ענען. איך האָב דאָס שוין פון דיר וויפיעל מאָל געהערט, אָבער דו פערלירסט אומזיסט צייט.

ער האָט פערשטאַנען, אז זי איז אונבויגזאַם, און, ווי אלע דעספּאָטען, שוואַכע בעפאָר א שטאַרקען ווילען, האָט ער זיך אונ־טערגעגעבען און זיך נאָר בעגנוגענט מיט דעם וואָס ער האָט גיפטיג געזאָגט:

— עס שטעהט דיר ניט אָן ארומשלעפּען? פּאַסקודסטוואָ!

— דאָס איז ניט דיין דאגה, פאַר וואס, נאָר דאָס וועט קיינ־מאָל ניט זיין, דו הערסט? קיינמאָל. מיר איז גרינגער צו שטאַר־בען אונטער דיין האַנד, ווי זיך אזוי אראָפּצולאָזען.

— פאַר וואָס זאָלט איהר טאַקע ניט פאָלגען מיכל'ן? — האָט זיך יאשע ארייגגעמישט מיט א דורכדרינגליכען קול, — וואָס האַלט אייך אָפּ? שאַנדע?

ער האָט געמאַכט עפּעס א צווייידייטיגע בעוועגונג און זיך

צולאכט, וויזענדיג א רייהע פראכטפאָלע, געדיכט אָנגעזעצטע צייהנער.

— איהר האָט זיך געוויס אויפגערעגט? — האָט איטע מיט כעס געזאָגט. — קענסטו זיך כאָטש שעמען, מיכל, וואָס דו בענוצט זיך מיט אַזעלכע מיטלען.

- דו זאָלסט מיט מיין פריינד אזוי ניט ריידען! — האָט מיכל א געשריי געטהאָן, — איך וועל דיר דיין פאסקודנעם צונג ארויסרייסען. זי האָט זיך אויסגעלערענט ריידען!...

יאשא האָט צופרידען אויסגעהערט די פערטהיידיגונג און א שפיעל טהוענדיג מיט די וואָנצען, האָט ער גענומען ווארפען ליידענשאפטליכע בליקען אויף מאניע'ן, וועלכע איז איהם זעהר געפעלען געווארען. דערנאָך האָט ער זיך איבערגעזעצט נעהענטער צו איהר און גענומען מיט איהר ריידען און יענע איז געזעסען אַן אָנגעבמורעטע, ענטפערענדיג איהם מיט איינצעלנע ווערטער נאָר פון צייט צו צייט, געגען איהר ווילען, געווארפען אויף איהם הייכע בליקען, ניט קענענדיג אוועקמאכען דעם איהר בעהערשענדען צויבער.

איטע האָט געווארפען א בעאבאכטענדען בליק אויף דער פּאָר, געזעהן דעם גוט בעקענטען, איהר צערטליכען פייערל אין יאשע'ס אויגען, דעם אויסדרוק פון פערלאָרענקייט אויף מאניע'ס געזיכט, — און האָט זיך מיט א שלעכטען געפיהל גענומען ריהרען, קרעכצענדיג פון וועהטאָג ביי יעדער בעוועגונג. זי האָט איינגעלייגט איהר איינגעלע שלאָפען, האָט איינגעהייצט דאָס אייוועלע און אוועקגעשטעלט קאָכען טהע.

מיכל איז געזעסען אָנגעשפארט מיט די עלענבויגענס אָן טיש. זיין פנים איז געוועז פערטראכט און בייז. זי האָט גוט געוואוסט, דאָס אזוי טהאָן, הייסט איהם געבען מעהר מאכט איבער זיך, נאָר איהר הארץ האָט אלע מאָל אזוי געגארט נאָך שלום. דאָס צוליעב איז זי פארטיג געוועזן א סך איבערצולאָזען. מיכל האָט נאכלעסיג, מיט מענליכען שטאָלץ, אפּגעווארפען איהר האנד, זי האָט זי געדולדיג ווייטער אוועקגעלייגט, זיך אָנגעבויגען צו איהם, און שטיל געזאָגט:

— דאכט זיך, מיכל, איך וועל מארגען אנקומען אויף א שטעלע, הער שוין אויף צו כעס'ן.

— איך וויל ניט קיין שטעלעס, — האט ער בייזליך געענטפערט, ווייטער אראפוואַרפענדיג איהר האנד, — געה אין גאס. ביי מיינע קאמעראדען ענדיגען אלע אזוי, דו ביזט ניט בעסער פון אנדערע.

— דאס איז אומזיסט, מיכל, — איך וועל אויפ'ן גאס ניט געהן. ניט זיי קיין איינגעשפארטער און ניט זיי אין כעס. איך לאז דאך דיר אלץ איבער, לאז מיר כאטש איבער אין איין זאך, איך קען ניט.

— א געווינס, דיין שטעלע, — האט ער געבורטשעט — א סך וועט זיך מיר אפשטעלען פון 9 אדער 10 רובעל?

צו זיי האט זיך דערטראגען מאניע'ס געלעכטער, וואס יאשא האט ענדליך ארויסגערופען. מיכל האט פערגעסען דאס ער שפיעלט א קאמעדיע, דאס ער מאכט נאר אן אנשטעל און אונטערגעוואונקען יאשען.

— דו האסט א טעות, — האט זיך איטע אומגעקעהרט צו דאס פריהערדיגע, — ראזע פערזיכערט מיר, דאס ווייניגער פון 13-14 רובעל וועט מען מיר גאר ניט פארשלאגען, און אויסער דעם וועט זיין נאך. איך וועל דיר אוועקגעבען מיינע ווארמעס'ן...

איטע האט זיך מיט אמאל אפגעריסען, א צונומענע, א גערירהרטע. ווי גליקליך זי וואלט געווען, ווען זי וואלט איהם דערצעהלען ווי עס טהוט איהר וועה, וואס זי דארף זיך צושיידען מיט'ן אינגעלע און ער, ניט פערדעכטענדיג וואס אין איהר נשמה קומט פאר, איז פרעהליכער געווארען פון די נייע אויסזיכטען און געשעפטסמעסיג גערעדט:

— געוויס, ווייניגער פון 14 וועט מען דיר ניט געבען. מעגסט אין מיין נאמען פאדערען 15 און לאז ניט אראפ פון פרייז. די הויטשינדער, ווען זיי ווילען דערזעהן דיין מילך, וועלען זיי אפגעבען דאס גאנצע געלד. און דעם אינגעלע אונזער'ן ווייז זיי נאר ניט קיין נאר. ביי דיר איז אזעלכע מילך, וואס עהנליכעס האב איך נאך ניט געזעהן. איצט איז א גוטע אם מיט ליכט ניט

אָפּצווזוכען. און א קוואָרט מילך פון דער בהמה קאָסט 15 קאָפּיקעס. וויינינער פון 15 קאָפּיקעס ניט א גראָשען. ווערסט א בעט טהאָן, פערשטעהט זיך, פאַר א חדש א פריהער. די הויטשינדער וועלען דיך מעלקען אויך זיי. מיר וועלען נאָך וועגען דעם ריידען.

ער איז שוין גאָר פרעהליך געוואָרען. איטע האָט געוואַרט, צי וועט ער ניט פרעגען וועגען קינד, נאָר איהם איז דאָס גאָר אין קאָפּ ניט געקומען. ער איז געוועזען אין גאַנצען פערנומען מיט די נייע אויסזיכטען. איטע האָט א זיפץ געטהאָן, זיך בענוגענדיג דערמיט וואס זי האָט זיך דערשלאָגען צו שלום, און אוועק מאַכענדיג טהע.

ווען אלע האָבען זיך צוזעצט ביים טיש, האָט מיכל מיט געלעכטער געזאָגט:

— ווייסט, יאשא, דאָס איך האָב היינט געקויפט א גוטע בהמה?

יאשא האָט אין שפּאָס געזוכט מיט די אויגען די בהמה, האָט פערבייגעהענדיג דערשראָקען מאַניען מיט וועלען זי א קניפּ טהאָן און געענטפערט:

— רייד ניט אזעלכע מיאוס'ע ווערטער, אן אונשולדיג מיידעל זיצט דאָך ביים טיש. — איהר זייט דאָך נאָך אן אונשולדיגע? — האָט ער זיך געווענדעט צו מאַניען האַלב ערנסט, קוקענדיג איהר גלייך אין די אויגען.

מאַניע האָט זיך שוין געפיהלט היימיש מיט איהם און אָפּגעענטפערט איהם מיט א געלעכטערל. יאשע'ס בעוועגליכער און צערטליכער פּנים, מיט שעהנינקע וואָנצעלעך און שעהנעם בלויליבען שאָטען אויף די אָפּגעגאָלטע באַקען האָט זי אלץ מעהר בעצויבערט. נאָר לאַכענדיג האָט זי זיך דאָך געהאַלטען ערענסט און ניט ערלויבט קיינע פרייהייטען. איהר קאָפּ האָט זיך אביסעל פערדרעהט פון א פאַרגעפיהל דאָס עס הויבט זיך אָן עפּעס א יום טוב אין איהר לעבען.

— איך בין ניט קיין מיידעל — האָט זי געזאָגט פראָסט און אָפען, — איהר קענט אויך רוהיג שלאָפען אויף מיין רעכנונג.

— ניט קיין מיידעל! — האָט יאשא אויסגערופען מיט געלעכטער און געמאכטע פערוואונדערונג — איז, איז זי אן אינגעל. הייסט עס, מיכל, דאָס איך מעג זי איצט א קוש טהאָן, געוויס מעג איך?

ער האָט זיך אויף איהר א וואַרף געטהאָן, געמאכט זיך דאָס ער קושט זי, און טשמאקענדיג זיינע הענד, הויך געשריען:

— וואָס פאר א געשמאַקער אינגעל, איטע; איהר ווילט פערזוכען א — שטיקעל? אך, וואָס פאר א אינגעל! — און פלוצלונג גאָר אונערוואַרטעט פאר איהר, האָט ער זיך ארומגעכאַפט ארום האַלז, צוגעצויגען צו זיך און קלינגענדיג א קוש געטהאָן אין די ליפּען. מאניע האָט זיך אויף א רגע פערלאָרען, איז זי אָבער באַלד צו זיך געקומען און מיט כעס אויסגעשריען:

— אויב איהר וועט דאָס נאָך אמאָל פּרואווען, וועל איך אייך די וואָנצען אויסרייסען. רוקט זיך נאָר. איך קען ניט ליידען אזעלכע חכמות.

מיכל האָט פעראינטערעסירט נאָכגעקוקט יאשע'ן, פון וועמען ער האָט שטאַרק געהאַלטען.

ער האָט זיך מיט געלעכטער ווייטער געוואָרפען אויף איהר, און זיי האָבען זיךביידע גענומען ראנגלען, שיער ניט אומוואַרפענדיג דעם טיש.

— די וואָנצען? — האָט זיך צווישען קושען געהערט זיין שטימע, — דאָס אַלעס און מעהר גאָר ניט? און איך האָב געמיינט, אז איהר דאַרפט מיינע אויגען. איך דאַרף נאָר אייערע ליפּען, די ליפּען. אך, וואָס פאר א בייזער אינגעל!

מיכל האָט זיך מיט פערגניגען געריבען די הענד און געלאַכט. אָט דאָס איז א כוואַט! און מיט וואָס נאָר נעהמט ער זיי? א גליקליכער, דער טייגעניכטס.

איטע האָט מיט טרויער געטראַכט איבער דעם, וואָס עס ערוואַרטעט מאניע'ן, אויב זי וועט זיך אונטערגעבען יאשע'ן. מאניע האָט פון אָנהויב א געשריי געטהון, דערנאָך שטיל געוואָרען און זיך שטיל געווערט. מיט אמאָל האָט זי יאשע ארויסגעלאָזען פון

זיינע הענד און זיך געכאַפּט פאַר'ן ליפּ. מאַניע איז געגען איהם געשטאַנען און געהאַלטען צווישען די פינגער אַ קליין ביסעל האָר. איהרע אויגען האָבען געשיינט פון אויפרעגונג און פרייד. יאַשאַ איז געשטאַנען רויט פון שאַנדע און זיך געסטאַרעט צו שמייכלען.

אַלע האָבען זיך איבעראַנייעס צונויפגעזעצט צוזאַמען, נאָר דאָס פּאַסירטע האָט שוין איבערגעפיהרט די פריהערדיגע אונגעצוואונגענע שטימונג. יאַשאַ, וויפיעל ער האָט זיך ניט געסטאַרעט, האָט ניט געקענט אומקעהרען זיין פריהערדיגע גוטע שטימונג און איז געזעסען אַן אומעדיגער, אַן ערנסטער; דערצו האָט איהם די ליפּ שטאַרק וועה געטהאָן. מיט איהם איז ווי איינגעלאָשען געוואָרען די פרעהליכקייט, וואָס האָט דאָ ערשט געלעבט. מאַניע איז אויך געזעסען אַן אומעדיגע און פיינליך געפיהלט, ווי עפּעס איז אין איהר אויסגעלאָשען געוואָרען. זי האָט זיך ניט אָבגעגעבען קיין רעכענונג, וואָס מיט איהר איז און איז געזעסען ווי אַ דער'הרג'עטע. זיין ערנסטקייט האָט זי געשראָקען, און דאָס וואָס ער האָט געליטען, האָט אַרויסגערופען אַ זיסע, מיעדע צופריעדענהייט, וואָס זי איז די אורזאַכע דערפון. דערנאָך האָט זיך איהר שרעקליך געוואָלט ער זאָל ווייטער שפּאַסען און פרעהליך מאַכען זי. זי איז פערשטאָרבען פון מיט אַ מאָל געבאָרענע אין איהר פערלאַנגען. ווי צערטעלט מען איהם? ווי ווייזט מען איהם ארויס די חרטה, ווי מאַכט מען ער זאָל ווייטער צופאַלען צו איהר מיט ווערטער, מיט די אויגען? פּלוצלונג האָט זי זיך ענטשלאָסען. ניט דערטרינקענדיג די טהעע, אויפגעפלאַמט פון עפּעס אַ געדאַנק, וואָס איז איהר אין מאַרך אריינגעפאַלען, האָט זי זיך געשטעלט און זיך גענומען קלייבען אוועקצוגעהן, קלעהרענדיג, אַז אפשר וועט ער זיך אַנשטויסען... איטע איז אַזוי געווען איבעראַשט מיט דער אייגעניש, דאָס זי האָט געפרעגט:

— וואוהין, מאַניע? דאָס איז דאָך פּראָסט נאַריש, איהר האָט דאָך ניט וואוהין צו געהן.

— גאָרנישט, כ'ערגעץ ניט, — האָט יענע געענטפערט, ניט אויפהויבענדיג די אויגען, — איך דאַרף, אַזוי וועט זיין בעסער.

— אפשר וועסטו זי אונטערפיהרען? — האָט מיכל אַ וואונק

געטהאָן יאשע'ן, און יענער האָט פון פרייד מיט א ציטערנדיגער שטימע געענטפערט:

— איך קען זי אונטערפיהרען, באַטש איהר איז אליין געהן ניט געפעהרליך. זי איז דאָך ניט קיין מיידעל.

ער האָט בעטאַנט די ווערטער, און מאַניע, בעהאַלטענדיג איהר אויפרעגונג, האָט בכיון געענטפערט שטעכיג:

— איך דאַרף אייך אלעמען האָבען אויף כפרות. איהר קענט זיך אָבשטעלען דאָ. טהוט א קוק ווי שעהן איהר זייט איצט.

זי האָט זיך צוזעגענט מיט איטע'ן זיך צוקושענדיג מיט איהר, נאָך אלץ אויסמיידענדיג איהר בליק. איטע האָט זי שטאַרק צו־געדריקט צו זיך, געוואָלט וואָס זאָגען, און זיך דערפון אָבגעהאלטען, פיהלענדיג דאָס אין אזא זאַך האָבען ווערטער קיין מאַכט ניט.

— מיר וועלען זיך נאָך זעהן, — האָט מאַניע זיך געצוואונ־גען צו זאָגען מיט א שמייכעל, — מען קען פון שיקזאל ניט אנט־לויפען.

— היט זיך, מאַניע, — האָט איטע געענטפערט — דעם מזל דאַרף מען וויסען ווי צו קירעווען און זיך ניט בעקלאָגען.

איינער האָט זיך אויף דעם אנדערען אומגעקוקט ניט פער־שטעהענדיג וואָס דאָס מיינט. מאַניע האָט א מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד און איז אַרויס.

— א משוגענע מיידעל, — האָט מיכל געזאָגט.

— עס קען זיין זי איז גערעכט, — האָט איטע א טראַכט געטהון, זיך דערמאַהנענדיג אין מאַניע'ס ווערטער, אז גאָרנישט פרעהליכעס איז פאַראַן אין איהר לעבען. עס בלייבט איהר נאָר אונבעמערקט צו קריכען צום קבר.

— דו ווילסט זאָגען א פרוי? — האָט יאשא א לאַך געטהאָן, צוואווינקענדיג פון זיין זייט צו מיכל'ן, און האַסטיג זיך זעגענדיג מיט די ווערטער „מזל, מזל“ אַרויסגעלאָפען נאָך מאַניע'ן. ער האָט זי אָנגעיאָגט ביים טויער, אריינגעקוקט איהר אין פנים און דערזעהענדיג איהר אין טרעהרען, גיך מיט דער פריהערדיגער וויי־כער שטימע געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר, פרוי?

זי האָט געשוויגען. יאשא האָט זי גענומען אונטער'ן האַנד און דערפיהלענדיג די וואַרימקייט, אַזוי צוגעפאַלען צו איהר אָרם, דאָס קיין קראַפט וואָלט איהם פון איהר ניט אָבגעריסען. ער האָט זי גרינג געצויגען נאָך זיך, און זי איז נאָך איהם געהאָרכזאַם גע־גאַנגען. נאָר זי האָט אין גאַנצען געציטערט.

נאָך יאַשע'ס אַוועקגעהן האָט איטע, פערשיטענדיג דעם פייער אין אייוועלע מיט אַש, פערבייגעהענדיג אַ זאַג געטהאָן: נאָך אַ מיידעל פערפאַלען.

— זיך געראַטעוועט, נאָר — האָט מיכל האַרט נעענטפערט, — נאָך איינע אַ געראַטעוועטע.

איטע האָט נאָר אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען. דאָס קינד האָט זיך צואַוויינט. זי האָט זיך צו איהם אַ וואָרף געטהאָן, גע־לעגט נעבען איהם און געגעבען זויגען. דערנאָך האָט זי לאַנג גע־קוקט אויף איהם, ווי וועלענדיג אַריינגעהמען אין זיך זיין ליבענ־קען, קיילעכדיגען פּנים'ל אויף תמיד און איינשלאָפען. מיכל האָט שוין לאַנג געשלאָפען.

איטע האָט ענדליך בעקומען אַ שטעלע אין אַ בעלי הבית'ישער הויז פאַר 12 רובעל אַ חדש. זי האָט זיך געוואונדערט ווי אַזוי די ווירטין האָט זיך איינגעשטעלט פאַר איין רובעל, נאָר איהר איז אַזוי שווער געווען, און זי האָט זיך אַזוי אויפגערעגט, דאָס זי האָט ענדליך איינגעשטימט.

מיכל האָט איהר איינגעטהיילט אַ גוטען חלק, מאַכענדיג זיך מיט אַ מאָל פאַר זעהר אַ גרויסען געשעפטסמאַן, און האָט הויך געשימפּפט די רייכע הויט שינדער, וועלכע זיינען פערטיג געווען צו נעהמען ביי די אָרימע פון דאָס לעצטע. נאָר ער האָט זיך בע־רוהיגט אַזוי גיך ווי איטע האָט איהם פאָרגעשלאָגען צו פערקויפען די מעהר ניט נויטיגע הויז זאַכען און צו נעהמען פאַר זיך דאָס געלד. דער צופעליגער נעסט, אין וועלכען זי האָט זיך אַזוי פיעל אָנגעליטען, האָט זיך פון דער מינוט אָן גענומען צופאַלען. נאָר זי האָט ניט געפונען קיין איין זיפץ צו בעדויערען עס. מיט עפּעס אַ טעמפּען געפיהל פון פערגעסענהייט און אונטערגעבענקייט, האָט זי איהם פערלאָזען, און נאָר געטראַכט מיט שרעק און האַרץ קלאַ־

פען, ווי שלעכט דער שיקזאַל האָט איהר בעהאַנדעלט, און ווי וועניג עס זיינען איהר געבליבען האָפנונגען אויף אַ בעסערער צוקונפט... וועגען קינד האָט זי איבער די זאָרג און ארומלויפעניש ווי ניט געטראַכט, און זי האָט זיך ניט ווילענדיג וועניגער אָבגעגעבען צו איהם, כאָטש דאָס האָט געוויינט, געשריען, אויף זיין שטייגער געפאָדערט מעהר אויפמערקזאַמקייט און צערטליכקייט.

די לעצטע צוויי טעג זיינען דורכגעלאָפען ווי אין א חלום, איבערלאָזענדיג נאָך זיך אַ מין אַבזאַץ פון שרעקליכעס. איטע האָט געפיהלט און פערשטאַנען, דאָס נידעריגער קען שוין אַ מענש ניט פאַלען, ווי מען קען ניט זיין מעהר צוטראָטען און בעשפיגען. נאָך דעם וואָס איז פאָרגעקומען מיט איהר, דער האַנדעל מיט דער צוקונפטיגער בעל הבית׳טע, דאָס קריכען אין איהר נשמה מיט אַלערליי פערדעכטיגע אויספרעגענישען וועגען מאַן, וועגען אַ געליעבטען און קראַנקהייטען, פון וועלכע זי האָט ניט געהאַט קיין אהנונג, דאָס אַלעס האָט זיך אָבגערופען ווי שטאַרקע קלעפּ אויף איהר קאָפּ. נאָר זי האָט עס איבערגעטראָגען אין עפּעס אַ מאָדנעם צושטאַנד פון טעמפּקייט און געהאָרכזאַמקייט. איהר בעליידיגטער געפיהל, אפילו ווען די רייד איז געקומען וועגען די מאָנאַטליכע געהאַלט, איז געהאַלטען געוואָרען אין אַזאַ טאָן, ריכטיג ווי זי וואָלט געווען א בהמה, וואָס מען קויפט נאָר פאַר איהר מילך, און אַזעלכע בהמות זיינען דאָ גענוג — אפילו דער געפיהל האָט זיך אויסגעדריקט אין א שוואַכען פּראָטעסט, אין אַזאַ שוואַכען, אַז איהר איז געוואָרען פערדראָסיג אויף זיך, ווען זי האָט געטראַכט וועגען דעם.

נאָר מעהר שווער ערנידעריג און שרעקליך האָט זי זיך געפיהלט, ווען זי איז אונטערזוכט געוואָרען פון אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט אייגענטליך בעשטימט איהר שיקזאַל.

ביי דעם דאָקטאָר אין אָפיס האָט זי ערוואַרט א בעזונדערע איבערלעבונג. עס האָבען זיך דאָרט צונויפגעקליבען עטליכע פרויען. זיי זיינען געזעסען אין פאָרהויז און געוואַרט זייער „נעקסט“. ווען די צייט איז ענדליך געקומען, איז, אום פאַרטיג צו ווערען וואָס גיכער מיט דער איינאַרטיגער אומעדיגער ארבייט,

וואָס האָט נאָר צוגענומען זיין טייערע צייט, האָט ער אַלעמען געהייסען זיין פאַרטיג אויף אמאָל — דאָס הייסט פאַנאַנדערבינדען די קליידלאַך און צושפּילען די קאָפּטלעך.

איטע, האַלטענדיג אין האַנד א קאַרטעל, אין וועלכער עס האָט זיך געבעטען צו געבען א בעזונדערע, אויפריכטיגע אונטערזוכונג, האָט זיך שעמענדיג פאַרדעקט די היילקייט פון אויבערשטען טהייל פון איהר קערפּער, און מיט דער אַנדער האַנד האָט זי אונטערגעהאַלטען די ספּאָדניצע. כמעט ניט זעהענדיג פאַר זיך די וועג, האָט זי געטראָטען און געציטערט מיט'ן גאַנצען קערפּער. אַזוי ווי זי וואָלט אין זיך געטראָגען אַלע שלעכטע קראַנקהייטען און זיי בעהאַלטען... זי איז אריין אין קאַבינעט. דער דאָקטאָר האָט אין 2, 3 רגע'ס, אָהן צערעמאָניעס אַרונטערגענומען פון איהר די קאָפּטע און בעטראַכט איהר בריסט, זיי א דריק געטהאָן אַז זי האָט אַזש אויפגעשפּרונגען, זיך אָבקעהרענדיג פון איהם, ברענענדיג פאַר שאַנדע. און די העמד האָט ער אין גאַנצען געהייסען אַראָפּוואַרפען. דערנאָך האָט ער ווייטער אויפמערקזאַם זי בעטראַכט פון אַלע זייטען צו געפינען זיך ניט עפּעס א פינטעלע, אָדער וואָס עס איז, וואָס קען אַרויסרופען פערדאַכט. פאַרטיג געוואָרען דערמיט, האָט ער א קוק געטהאָן אין האַלז, בעקוקט דעם נאָז, איהר ווייטער ווי פריהער געדריקט די בריסט און געהייסען איהר לייגען זיך אויף א בעטעל־שטול, וואָס איז געשטאַנען ביים פענסטער.

איטע האָט זיך געהאָרכזאַם, נאָר מיט טרעהרען אין די אויגען געלייגט, פיהלענדיג זיך אַלס די נידערטרעכטיגסטע פרוי...

צו דיזע מינוטען, וואָס זיינען געשטאַנען אין איהר זכרון ווי א פאָרוואורף געגען עטוואָס, האָט זי זיך זעלטען ווען אומגעקוקט, און אַז זי האָט זיי יאָ דערמאָהנט, האָט זי תפילה געטהאָן דאָס זיי זאָלען זיך מעהר ניט ווידערהאָלען.

נאָך די אַלע פערדרעהעניסען האָט זיך איהר אָבגעשטעלט נאָך א וויכטיגע זאַך — איינאָרדנען איהר קינד. ניט וויסענדיג ווי צו טהאָן, האָט זי זיך געזעהען מיט מינדלען, וועלכע האָט איהר פאַר א קליינעם געצאָהלט אַנגעוויזען עטליכע פרויען, וואָס נעהמען ביי אַם'ען קינדער צו האָדעווען. דערנאָך איז זי אַריבערגעלאָפען

צו ראָזע׳ן א זוך טהאָן צי וועט זיך ניט געפינען נאָך איינע וואָס וויל אויך וועגען אזא ענין מיט איהר געהן, און זי האָט געפונען אזא אין דער פערזאָן פון דער אם, גיטעל.

אויפ׳ן אנדערען טאָג, פריה אין מאָרגען, איז שוין איטע געװען ביי גיטלען, אוןביידע זיינען ארויס א זייגער 10 מיט די קינדער אויף די הענד.

ווען זיי זיינען פערבייגעגאנגען די הויז, וואו עס האָט געוואָהנט ראָזע, האָבען זיי בעגעגענט די אם עטעל, וועלכע איז אלע מאָל געווען ארומגערינגעלט מיט פרויען. זיי האָבען געוואָלט דורכגעהן ניט אבשטעלענדיג זיך, נאָר עטעל, בעמערקענדיג ביידע פרויען, האָט זיי פערהאַלטען און אנשטאָט א בעגריסונג, געזאָגט:

— נעענדיגט עסען ברויט ביי ראָזע׳ן? זעהר גוט. און איך אויך. ענדליך בין איך אָנגעקומען אויף אן אָרט. איצטער דאַרף מען דאָס מיידעלע אָבגעבען צו די גזלנים. איהר אויך נאָך דעם? זעהר גוט, אלץ געהט ווי מען דאַרף ניט בעסער. קענט איהר אַנדערש מאַכען? זאָגט, ווי?

זי האָט אוועקגעלעגט די האַנד אויפ׳ן הארצען און זיך מיט די אויגען איינגעגעסען אין איטע׳ן, אזוי ווי יענע וואָלט געווען די שולדיגע אין איהר לאַגע.

— זאָגט איהר, — האָט גיטעל געלאַכט, — פרעגען קען איך ניט ערגער פאַר אייך.

עטעל איז איבער איהר אריבער מיט א פערעכטליכען בליק און אראָבגענומען די האַנד פון הארצען.

— אָט זעהט איהר, — האָט זי פאָרטגעזעצט, — אלע ענטפערען אזוי. מענשען זיינען דום ווי שעפסען, ווי קעץ, ווי פליגען. צו וואָס, פרעג איך אייך, דאַרף מען האָבען קינדער, אז מען דאַרף זיי אוועקגעבען אָט צו די גזלנים?

— איהר האָט דאָך זיי אויך, — האָט איטע געזאָגט און ניט ווילענדיג א שמייכעל געטהאָן איבער איהר בייסענדען טאָן.

— איך האָב! — האָט זי פערעכטליך אויסגערופען; — זאָגט: עס האָט זיך, און ניט איך האָב. אָט זעהט איהר מיך. אין דער היים האָב איך איין קינד, דאָס צווייטע אויף די הענד און

מיין מאַן איז ניט ווער ווייסט וואָס פאַר אַ פויגעל — ער איז אַ שוסטער. נאָר איהר מיינט אַז אַ שוסטער, פערדיענט ער שוין וואָס עס איז? האָט איהר אַ טעות, מיין טייערע! נאַראָנים און מיידלאַך זאָגען, אַז ס'איז גוט צו האָבען אַ מאַן אַן אַרבייטער. וואָס איז דאָ פאַר אַ גוטס? פאַרנעהען אַ פאָר צוריסענע קאַלאָשען פון אַ וועלכען עס איז פריץ, וואָס גיט זיי בכיון אוועק זומער, כדי עס זאָל איהם קאָסטען ביליגער? אָדער קריגען 25 קאָפּיקעס פאַר אַ פאָר פאַדעשוועס? און אַ סך זיינען דאָ פאַראַן בעלנים וואָס ווילען זיך פעררינכטען די פאַדאָשוועס? פון הונגער שטאַרבען מיר, מיין טייערע, פון הונגער!

דאָס קינד האָט זיך צואוויינט. זי האָט זיך צועפּענט און אַריינגערוקט, ניט קוקענדיג אויף איהם, די ברוסט אין מויל.

— צו וואָס זשע האָט איהר נאָך קינדער? — איז גיטעל ניי־געריג געווען.

די פרויען האָבען לאַנגזאַם גענומען געהן. עטעל איז אַן אויפ־געקאָכטע געוואָרען פאַר דער פראַגע.

— דער שד זאָל אייך נעהמען! — האָט זי אויסגערופען, — פרעגט ביי מיין מאַן. איך דאַרף דען קינדער? פאַר וועלכען שוואַרץ יאָהר? אויף צו פרעהען זיך מיט זייערע מאַטערניסען? איך האָב דאָך ניט געוואוסט מיט'ן ערשטען קינד וואו אהין צו טהאָן זיך! איך פרעג אייך, וואָס האָט מיין שוסטער אין מיר גע־פונען? איך בין דאָך בלויז הויט און ביינער. עס וואָלט דאָך ניט קלעקען קיין פעטס פון מיר צו מאַכען אַ ליכטעל. נאָר געהט רעדט מיט איהם.

— נעהמט מיך צו צו אייך, — האָט גיטעל אַ שפּאַס געטהאָן, — איך וועל איהם גלייך אויסהיילען.

— איך וואָלט אייך רעכענט אייך, די קאָפּ צובראָכען, — האָט עטעל רוהיג געענטפערט.

— ווי אַזוי זשע בעשליסט איהר זיך איבערצולאָזען אייער בעל הבית'ישקייט? — האָט זיך איטע אַריינגעמישט.

— פרעגט שוין גאָר ניט. איך האָב שוין אַריבערגעטראָגען ערגערעס. ווען איך האָב געבאָרען מיין ערשטע קינד, איז דאָס

מיר געווען אזוי גוט, אזוי ווי מען וואלט פון מיר שטיקער פלייש געריסען. נאכ'ן קימפעט האב איך א לאנגע צייט געקריינקט און פערבליבען הינקענדיג אויף א פוס, איך האלט זיך נאר איין ניט צו הינקען, ווייל קיין הינקענדיגע נעהמט מען ניט צו. מיין קערפער און מיין פרישקייט איז פון מיר גיך אראפ. און איך בין דאך געווען בלוט און מילך. איך פערזיכער אייך, אט ווי זי, — האט זי אנגעוויזען אויף גיטלען, — און דערנאך, נאכ'ן האבען איז עס אזוי אויסגעטריקענט געווארען, ווי אין זומער אהן א רעגען. אין דריי חדשים נאכ'ן האבען האב איך שוין ווייטער געטראגען. אבער אויפ'ן זעקסטען האט זיך מיר דאך איינגעגעבען אראבצוואוארפען... איך האב זיך נאך דעם לאנג געמאטערט אין הקדש, און אין אנדערהאלבען יאהר ארום האב איך געבארען אט דעם וואס איהר זעהט, און עס איז נאך ניטא קיין דריי חדשים, ווי איך זויג און בין שוין ווייטער אויף דער צייט. נו, איצט ווייסט איהר שוין ווי אזוי איך טראג, פאר וואס איך ה א ב?

— איך וואלט דאס אייך פריהער געזאגט פאר וואס איהר האט — האט זיך גיטעל מיט איהר גערייצט. ס'איז בעוואוסט ווי אזוי . . .

— ווי אזוי מען האט — איז עטעל געווארען אין כעס, — קען מען נאך זאגען, נאר פארוואס דו ביזט אזא גראבער נאר, אויף דעם וועט אפילו א חכם ניט ענטפערען.

אלע האבען זיך צולאכט און זיך צורעדט וועגען ראזע'ן. אין עפעס א זייטיגע געסעל האבען זיי בעגעגענט מאניע'ן. זי איז שנעל געגאנגען, נאר בעמערקענדיג איטע'ן, איז זי איבערגעגאנגען אויף דער אנדער זייט גאס. איטע האט זיך געמאכט דאס זי בעמערקט זי ניט און האט באלד פערגעסען אן איהר, אבגעבענדיג זיך מיט אייגענע געדאנקען. עטעל'ס פלוידעריי האט אנגעריהרט אזא ארט, וואס האבען איהר אויך וועה געטהאן, און די געדאנקען האבען זיך איצט געדרעהט ארום קינד.

עטעל איז שוין אוועק פון זיי, זיך אבשטעלענדיג ביי א הויז מיט די ווערטער:

„אט וואו איך וואוין", און איטע איז פערטיעפט אין איהרע

געדאַנקען ווייטער געגאַנגען, ניט בעמערקענדיג וואָס עס טהוט זיך ארום איהר.

— ווענען וואָס האָט איהר זיך אזוי פערטראַכט? — האָט געפרעגט גיטעל, ווען ס'האָט דערעסען דער שווייגען. — איהר ווילט, וועל איך אייך דערצעהלען מיין געשיכטע. זי איז אַן אינטערעסאנטערע פון דער שוסטערקע'ס געשיכטע.

איטע האָט א בויג געטהאַן מיט'ן קאָפּ, און גיטעל האָט אָנגעהויבען דערצעהלען פון איהר לעבען, פול מיט פּאַסירונגען.

דעם ערשטען געליעבטען האָט זי גענומען נאָך דעם, ווי זי איז אויסגעפאָהרען א פערטעל רוסלאַנד אין יאָגעניש נאָך איהר מאַן, וועלכער איז נאָך דער חופּה אנטלאָפען, כדי צו ווערען א געלעהרנטער. אנטלאָפען איז ער מיט איהר געלד, וועלכעס ער האָט אומגעקעהרט אין צוויי יאָהר ארום, און נאָך אין צוויי יאָהר ארום, נאָך א בעשטימטע סומע געלד מיט א גט, און איצט, נאָך 8 יאָהר צייט, איז ער ערגעץ א דאָקטאָר. דער ערשטער געליעבטער איהרער איז געווען א קריסט — אַן ארבייטער, מיט וועלכען זי האָט זיך בעקענט אין צייט פון איהר ארומפאָהרען. זייערע בעציהונגען זיינען אוועק אַזוי ווייט, אַז זי האָט זיך שיער געשמד'ט, און נאָך ערב שמד זיך ארומגעזעהען און אנטלאָפען, אײבערלאָזענדיג איהם דאָס קינד, וואָס זי האָט פון איהם געהאַט. וואָס ווייטער איז אַלץ געוואָרען גרינגער אראָפּצולאָזען זיך פון לייטער; נאָר ניט וועלענדיג פאַלען, האָט זי געפונען פאַר בעסער צו דיענען. פונדעסטוועגען האָט זי אומעדום, אויף יעדען אָרט, געהאַט א געליעבטען, ווייל זי האָט אָהן דעם ניט געקענט לעבען. עס זיינען צווישען איהרע געקליבענע געווען אויך סאָלדאַטען און פּאָלק־שרייבער, א פּריקאַזטשיק און א דוואָרניק, אַן אַלטער בעל הבית און יונגע אינגלעך. צו איין פּאָליאַק האָט זי זיך ערנסט צוגעבונדען, געהאַט מיט איהם א קינד און פון דאַן אָן האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען איהר לעבען אלס אַן אַם, ווען זי האָט זיך מיט איהם צוגאַנגען, פאַר די לעצטע 8 יאָהר, — איהר איז שוין געגאַנגען דער 35טער יאָהר — האָט זי שוין מיט אבזיכט געבאָרען 4 מאָל, ווייל זי האָט האַלט דאָס לעבען אלס אַם, וועלכע לעבט

זיך אין וואוילטאָג און פערגעניגען. וועגען איהרע קינדער, וועלכע זי האָט אפילו ליעב געהאט, האָט זי זיך וועניג וואָס פערטראַכט: אַלע זיינען זיי אין צייט געווען צוגעבען ביי גוטע פרויען, וואו זיי פלעגען זיך צושטאַרבען. יעדער יאָהר האָט זי זיי האַרציג אָפגעקלאָגט, און אויפ'ן צוקינפטיגען יאָהר האָט זיך ווידערהאָלט דאָס זעלבע.

איטע האָט ערשטוינט צוגעהערט צו איהרע רייד, קלערענדיג אז זי זעהט פאַר זיך אַ סטראַשידלע. און גיטעל, בעמערקענדיג דעם איינדרוק, וואָס זי האָט געמאַכט מיט איהר ערצעהלונג, האָט געזאָגט:

— און אַלץ וואָס איך האָב אייך דערצעהלט איז גאָר ניט אזוי שרעקליך. איהר ווייסט אזוי ווייניג דאָס לעבען, דאָס אייך קען דערשרעקען אַ פליה פון אַ פליג. און צווישען אַלעם בין איך גאָר ניט געווען אזא ביז דער חתונה. איך בין געווען איינע פון די עהרליכסטע, בעסטע מיידלאך אין מיין שטאָדט. דאָס לעבען איז שרעקליך, אָט וואָס, ווארט! איהר זייט נאָך ניט געשטאָרבען. ווייסט איהר, וואָס עס וועט מיט אייך זיין אין 10 יאָהר ארום?

איטע האָט נישט געענטפערט, זייענדיג צושראָקען פון דעם זיכערען טאָן פון דער פרוי. און איז זי דען אליין דאָס, וואָס זי איז געווען, אַ מיידעלע וועלכע האָט מיט שטאָלץ אמאָל שפּאַציערט מיט איהר טאַטען געאָרמט, אין יום־טוב'דיגע טעג?

זיי זיינען שוין אריין אין יענער טהייל פון שטאָדט, וואו אַלעס האָט ווי גערעדט פון אַן אנדער לעבען, אַנפאַנגענדיג פון די גאַס לאַמטערנעס און ענדיגענדיג מיט די נידעריגע הייזלאך און ניט ברוקירטע גאַס. דאָס האָט דערמאָנט אָן אַ פערוואָרפען שטעדטעלע, וואָס האָט קיינמאָל געוואוסט פון קולטור.

— אָט איז דאָס, דער בית עולם פון אונזערע קינדער, — האָט גיטעל שפּאַסיג ארויסגערעדט, — זעהט נאָר ווי גרויס!

— אך, רעדט ניט אזוי, אום גאָטעס ווילען! — האָט איטע טרויעריג אויסגערופען. זי האָט זיך אונרוהיג, מיט שרעק ארומגעקוקט. דאָס האָט טאַקע אויסגעקוקט ווי אַ בית עולם.

צו זיי זיינען צוגעקומען צוויי פרויען מיט קינדער אויף די הענד. איטע מיט גיטלען האָבען דערקענט אין זיי אם'ען, וועלכע זיי האָבען מיט א וואָך צוריק געזעהן ביי ראָזען. ביידע זיינען נאָך געווען יונג, און אויף זייערע אויפגערעגטע געזיכטער האָט זיך דייטליך אויסגעדריקט דאָס שרעק פאַר'ן אָנפאַנג, וואָס זיי האָבען אָנגעהויבען אין דורכגעהן דעם חדר פון לעבען, וואָס ארבייט אוים אַזעלכע סטראַשידלעס פרויען ווי גיטעל, וועלכע קען שוין גלייכ־גילטיג און פרעהליך זיך בעציהען צום שיקזאַל פון זייערע קינדער.

— עס איז נאָך ניטאָ א וואָך צייט ווי איך דיען, — האָט די ערשטע נאָכ'ן בעגריסען זיך גענומען בעקלאָגען, און אויף איהר יונגען פנים איז געווען אויסגעדריקט א מין פערדרוס געגען די זאָר־גען, אָדער געגען קינד — און איך האָב שוין אזוי פיעל צרות מיט מיין אם, צו וועלכער איך האָב אוועקגעגעבען מיין מיידעלע, אַז מיין גאַנצער לעבען איז מיר פער'סם'ט. זי האָט געפאָדערט פאַר א חדש פריהער, איך האָב איהר געגעבען; געגעבען 4 פונט צוקער, וועש, טהעע און נאָך אלעמען, שטעלט זיך פאַר, קומט זי צו מיר מיט א נייעס, אַז פאַר אַזעלכע געלד קען זי ניט האַלטען דאָס קינד. צו וואָס זשע האָט זי זיך אָנגענומען, איך פרעג אייך; איך וואָלט דאָך אַן אַנדערע געקענט געפינען. וואָס זאָל איך איצטער טהאָן? קען מען אויף איהר אָנגעבען אין געריכט, איהר ווייסט ניט? איך דענק אָנצוגעבען. דערצו, ווען איהר וואָלט זעהען וואָס עס איז געוואָרען מיט דער מיידעלע ביי דער בעשעפענים! זי איז שוואַרץ געוואָרען ווי א קויל, פון בלאָטע דאַר געוואָרען, געוואָרען עפּעס אַזאַ פערשלאָפענע. מיין האַרץ ווערט פראַסט צוריסען קוקענדיג אויף איהר.

זי האָט זיך געוואָלט צואוויינען, נאַר זי האָט זיך איינגעהאַל־טען און געמאַכט זיך בראַוו אויסזעהן. די וואָס איז מיט איהר מיטגעגאַנגען, האָט זי א שטויס געטהאָן און געזאָגט:

— דער טאָג שטעהט ניט. די פרויען וועלען דיר העלפען. מיר'ן געהן און א זוך טהאָן. מיר וועלען זיך ווי עס איז איינ־אָרדנען.

אַלע זיינען אוועק אינאיינעם, ריידענדיג אויפ'ן וועג. איטע

האָט פונאַנדערגעפרעגט וועגען א סך איינצעלהייטען, כדי אליין ניט אריינצופאַלען ווי א נאַרעלע.

נעבען איין הויז האָבען זיי זיך צושיידט. די ערשטע צוויי זיינען אַוועק ווייטער, און איטע מיט גיטלען האָבען זיך אָבגעשטעלט ביים טויער פון א גרויסען, פוסטען הויף, וואו ביי די ברעגען האָבען זיך ווי געוויקסען ארויסגעטראָטען קליינינקע דירה׳ס, שמוציגע און אויסגעקרימטע. צום סוף פון הויף זיינען געשטאַנען, אין זור־כעניש נאָך עסען, פערד און בהמות. ביים וואַנט האָבען צוויי גרויסע שווארצע הינט, מיט אויפגעהויבענע מאָרדעס, ווילד געבולען אויף א קאַץ, וואָס האָט פון זיי די אויגען ניט אראָפגענומען.

אין טויער איז געשטאַנען א מיידעל און גלייכגילטיג געקוקט אויף די געקומענע. איטע האָט זי געפרעגט וואו עס וואוינט שיינע, וועלכע נעהמט קינדער צום האָדעווען. די מיידעל האָט אָנגעוויזען מיט׳ן האַנד און זיך אָבגעקעהרט. איטע מיט גיטלען זיינען אריין אין הויף, און שטאַרק זוכענדיג, געפונען די דירה. די טהיר צו איהר איז געווען אָפען; פון דאָרט האָבען זיך געטראָגען מאָדנע קלאַנגען, פונקט ווי עס וואָלט געשריען א קעצעלע, וועלכע מען האָט ניט גוט צוגעשטיקט.

איטע איז א פערצוטערטע געוואָרען פון דער קלאָגעדיגער שטימע. ניט שוין זשע הרג׳עט מען דאָרט א קינד? פאַר וואָס מישט זיך קיינער ניט אריין? הערען דען ניט די שכנים? און איהר האָט זיך אויסגעדוכט, דאָס זי האָט ווי אין א שפּיגעל דערזעהן די צוקונפט פון איהר אינגעלע.

א פינסטערע, בעגלייט פון גיטלען, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכענט געפיהלט אין דעם הויף, אזוי ווי ער וואָלט איהר דערמאָנען דעם הויף, וואו עס זיינען אריבער איהרע קינדער־יאָהרען, איז איטע אריין אינוועניג און איז שטעהן געבליבען, ערשטוינט פון דאָס, וואָס זי האָט דערזעהן. אויף דער שמוציגער פאָדלאָגע האָט זיך איינגעדרעהט אין שמאַטעס, וואָס האָבען קוים צוגעדעקט דאָס לייבעלע, ווי א וואָרעם געפויזעט א קינד מיט היילינקע פיסעלעך און האָט טרויעריג געשריען. אין צימער איז קיינער ניט געווען. איבערגעלאָזען צו זיך אליין, שוין לאַנג ניט קיין געגעסען,

האָט ער אלץ געפּישטשעט און איז אזוי בלוי געוואָרען פון קעלט, אז עס האָבען זיך שוין ניט אָנגעזעהן די באליקעס און וואונדרען אויף זיין פּנים׳ל.

ווען איטע, גערירהט פון רחמנות, האָט איהם גענומען אויף די הענד, האָט ער דערשראָקען אַ פּישטש געטהאָן. נאָר דערפיהלענדיג דאָס ווארימקייט פון א קערפּער, זיך מיט אמאָל צושריען מיט א מאָדנעם בעקלאָגען זיך פון פריוד און געוויין. ער האָט זיך ציטערענדיג צוגעדריקט צו איהר, ניט אראָפּנעהמענדיג פון איהר געזיכט זיינע אויסגעמאַטערטע אויגען. ער איז אלט געוועז 6 חדשים, נאָר נאָכ׳ן וואוקס און אויסזעהן האָט מען איהם געקענט שאצען ניט מעהר ווי 2... די פּיסלאך און הענטלאך זיינען געוועז אין ביילּיקעס, ווי צושטאָכען מיט נאָדלען. די קאָפּ איז אויך געוועז אין וואונדרען, און געקישטעט מיט לייז.

איטע האָט זיך צעוויינט, קוקענדיג אויף דעם קליינינקען מאַרטירער מיט׳ן אלטען פּנים, וואָס האָט זיך אלץ געריבען אָן איהר, געבליפּעט און מיט׳ן קוק זיך געבעטען.

איבערגעבענדיג איהר אינגעלע צו גיטלען, וועלכע האָט גענומען לאַכען איבער איהר, האָט זי זיך אוועקגעזעצט אויף א ביינסעל, זיך צושפּילעט און, פריהער האָט זיך דאָס קינד גע׳עקשן׳ט, ניט געוואָלט נעהמען זויגען. ער איז גאָר ניט געוואוינט געוועז צו אזא שפּייזען זיך. נאָר ווען איטע האָט א שפּריץ געטהאָן אויף זיין פּנים׳ל דאָס זיסע, ווארימע מילך און צוגעדריקט איהם צו זיך, האָט ער זיך דאָרשטיג אָנגעוואָרפען אויף איהר, און צוקנאַקענדיג מיט׳ן צינגעלע זיך פּארכליניעט פון דאָרשטיגקייט, און וועניגער ווי אין 5 מינוטען צייט האָט ער זי אָבגעליידיגט.

— עס, עס, אָרימינקער, — האָט זיך איטע געפרעהט מיט זיין גליק, — ווארט, איך וועל דיר געבען נאָך, נו, ווארט־זשע. טייבעלע, ווי הונגעריג דו ביסט!

זי האָט ווי פערגעסען נאָך וואָס זי איז געקומען. זיך פאנאַנדערזעצענדיג ברייט אויפ׳ן ביינקעל, אז עס זאָל בעקוועמער זיין צו זויגען, האָט זי איבערגעגעבען די ברוסט. קיינער איז ניט אריינגעקומען צו שטערען. גיטעל נאָר, ווען עס האָט דערעסען

צו זיצען אזוי מיט צוויי קינדער, האָט זיך בעשלאָסען אונטערצו־איילען איטען.

— איך וועל דאָ מיין קינד ניט איבערלאָזען, — האָט איטע ענטשלאָסען געזאָגט — שוין בעסער איהם מיט א מאָל דער־הערג׳ענען. מיר׳ן א זוך טהאָן אַן אנדער פרוי. עס קען ניט זיין ס׳זאָל זיין אומעטום אזוי ווי דאָ. דערצו געפינט זיך דאָך שוין ביי דער שיינע׳ן איין קינד, וואוהין נאָך וועט זי אריינגעהמען א צווייטען.

— אייך דאכט זיך, דאָס איהר זייט אַ פריצטע, — האָט זיך גיטעל צולאכט. — דאָ נעהמט כמעט יעדע איינע צו צוויי, דריי קינדער אויף האָדעווען און די קינדער איז ערגעץ ניט בעסער ווי דאָ; איך ווייס דאָס זעהר גוט, איך גיב דאָך ניט אָפּ דאָס ערשטע מאָהל. פון אָנהויב האָב איך אויך אזוי גערעכענט, ווי איהר, נור איצטער, אז כ׳האָב אויסגעפונען דעם אמת און גע־וואוינט געווארען צו איהם, שווייג איך און טראכט ניט וועגען דעם. מען קען דאָך גאָר נישט מאכען. אפילו דאָס וואָס איהר זעהט, איז נאָך ניט דאָס ערגסטע; כ׳האָב זיך שוין גענוג אָנגעזעהן. אמת, עס זיינען פאראַן אנדערע פרויען אויך, אָבער ביי זיי איז נור א האָרעלע בעסער און ריינער.

— קיינמאָל וועל איך דערצו ניט געוואוינט ווערען! — האָט איטע אן אויפגערעגטע געענטפערט און אוועקגעלעגט פאָר־זיכטיג דאָס איינגעשלאָפענע קינד אויפ׳ן פאָדלאָגע אויף אַ קישעלע, — און ווען מענשען וואָלטען הערזעהן דאָס וואָס איך זעה דאָ, וואָלטען שוין אזעלכע זאכען ניט מעהר עקזיסטירט.

— אז איהר ווילט קענט איהר זיך נארען. איך קען מענ־שען, בעסערע פון הינט. גלייכגילטיגע און שלעכטע האָב איך ניט געזעהן און כאָטש איך בין אליין ניט קיין מלאך, האָב איך זיך פון זיי אויסגעלערענט צו לעבען אזוי, פונקט ווי מען וואָלט פון מיר ארויסגעשניטען מיין הארץ.

ביידע, צומאכענדיג נאָך זיך די טהיר, זיינען ארויס. די שטעהענדיגע אין טויער מיידעל האָט נאָך אפילו ניט איבערגעביטען

איהר פּאָזע, זי איז אַלץ געשטאַנען און געקוקט אין דער ווייט צו אַ ברייטער, לאַנגער, ווי אונענדליכער גאַס. זי האָט אפילו ניט אַ קעהר געטהאָן די קאָפּ, ווען די ביידע פרויען זיינען איהר פערבייגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט אונבעוועגליך ווי אַ סטאַטוע פון פערטראַכטקייט, ווי אַ סימוואָל פון אומעט, פערצווייפלונג, אַ פערלאַנג נאָך דער ברייטער אונענדליכער גראַמקייט, וואו הימעל און ערד האָבען זיך צונויפגענאָסען און אונבעוואוסטעס, געהיימניספערלעס, וואָס עס ציהט אזוי צו זיך אַ צוזאַמענגעבונדענעם מענשען.

די צייט האָט זיך בעוועגט, און גיטעל האָט אַלץ אָפּטער אונטערגעאיילט איטען. איצט זיינען זיי אריינגעגאַנגען אין אַ הויף אַ שמאָלען, אַ מין טונעל, אַ פינסטערען. זיי אַנטקעגען איז געגאַנגען אַ זקן, אָנגערוקט די היטעל אויף די אויגען, און האָט אונטער'ן אָרעם געהאַלטען אַ קלייניגקען אָרון. נאָך איהם איז געגאַנגען אַ פרוי, אונטערגעהאַלטען פון צוויי אַלטע פרויען פון ביידע זייטען. הינטער זיי זיינען ווי פון איידעלקייט וועגען אדער נייגעריגקייט נאָכגעגאַנגען עטליכע ווייבער און שטיל געשמועסט. ווייטער האָבען זיך געשטופּט מיידלאַך און אינגלעך פון דעם הויף, פערבלאָטיגטע און ארומגעריסענע.

דער אַלטער מיט'ן קעסטעלע אונטער'ן האַנד, איז ווי מיט אַ בוך געגאַנגען געאיילט, און זיין פּנים איז געווען רוהיג און גלייכגילטיג. די זעלבע רוהיגקייט און גלייכגילטיגקייט איז געווען אויף די געזיכטער פון זיינע מיטהעלפער. פון ערגעץ ניט האָט זיך ניט געהערט קיין קרעכץ, קיין זיפץ. עס איז ווי קלאָהר געווען דאָס עס ווערט געטהאָן עפּעס אַ נויטיגע צערעמאָניע אָן וועלכער מען האָט זיך ניט געקענט בעגעהן ביים פּטור ווערען פון טויטען קינד. און ס'איז נאָר ניט גוט געווען אין דעם וואָס דאָס האָט אוועקגענומען צייט.

ווען דער אַלטער און די פרוי מיט די אידענעס זיינען דורכגעגאַנגען, האָט זיך איטע געווענדעט צו אַ פרוי מיט דער פראַגע, וועמעס לויה דאָס איז.

— אַ אינגעלע איז דאָ געשטאָרבען — האָט יענע גלייכגילטיג געענטפערט. — דער ווינטער איז אַ שווערער און די עופ'עלעך

האלטען ניט אויס. ביז'ן 5טען חדש האט מען איהם דערצויגען, און דאס נאך דאנקען גאט. זיי שטארבען דאך א סך פריהער.

— וועמעס קינד איז דאס? — האט איטע געפרעגט.

— האט איהר ניט געזעהן די מאמע? די אלטע האבען זי געפיהרט. זי איז אן אם אין אן ארימע הויז און מאכט זיך נאר ווי זי וואלט געווען דערשלאגען פון צער. ס'איז דאך מיאוס גאר נישט ארויסצואווייזען. אליין איז זי נאך ווי צופריעדען! עס פערדריסט איהר נאר געוויס וואס דאס האט זיך פריהער ניט געטראפען, וואלט זי ניט בעדארפט פאר איהם צאהלען אזוי פיעל חדשים און וואלט געהאט מעהר געלד.

— איך פערשטעה, — האט גיטעל צוגעוואונקען, — דאס זיינען אלטע געשיכטעס. און איצט איז דאך דער סיזאן פאר שטארבען. וויפיעל האט זי געצאהלט פאר דאס קינד?

— וואס פאר א סיזאן! — האט זיך אן אנדער פרוי אריינגעמישט. — דער סיזאן איז גאר אין פריהלינג. קומט דאמאלסט אהער, וועלען זיך ביי אייך די האר אויפ'ן קאפ צושטעלען. אפילו די לופט ווערט דאמאלסט איבערגעפיהרט פון צושטארבענע קינדער, אזוי פיעל זיינען זיי. בעזונדערס צושטארבען די, וואס מען נעהמט אויף האדעווען; אונזערע היטען מיר נאך קוים איין, נאר יענע פאלען גאר ווי פליגען. דא איז גאר ניט שווער צו ווערען א פלאטש, א הענקער.

— הערט אויף צו דערצעהלען וועגען דעם! — האט איטע מיט שרעק געבעטען. — די בלוט קיהלט אין די אדערען. קומט, גיטעל.

זי האט זיך געלאזט געהן, און גיטעל האט געפרעגט:

— וואו וואוינט דא מירעל?

מירעל? — האט די ערשטע איבערגעפרעגט. — דאס איז דאך ביי איהר געשטארבען דאס קינד, וואס מען האט ערשט ארויסגעטראגען. איהר ווילט צו איהר אבגעבען אייער קינד? זי איז א גוטע פרוי. געהט ווייטער, די פינפטע טהיר אויף רעכטס.

אנווייזענדיג מיט'ן האנד, האט זיי די פרוי בעגלייט צו מירל'ס דירה און איז אוועק צו זיך. גיטעל און איטע זיינען אריין אין

א זעהר ניעדעריגען צימער, אין וועלכען מען האָט זיך גאָר ניט געקענט גלייך האַלטען. די פּאָדלאָגע איז געוועזן הוילע ערד, צוגע־דעקט מיט א שטיקעל ראָגאָזשע, פון וואָס עס האָט זיך א שלעכ־טער ריח געהערט. ביים טיש איז געזעסען א פרוי און האָט גע־טרונקען טהעע. צוויי קינדער האָבען געשפּיעלט אין גריבעלאַך, וועלכע זיי האָבען טאַקע דאָ נעבען טהיר אויסגעגראָבען. דער־זעהענדיג די צוויי אונבעקאַנטע פרויען האָט די טהעע טרינקענדע, ניט אַרויסגעלאָזען פון האַנד דעם ספּאָדעק און אנשטאָט א בע־גריסונג, געזאָגט:

— האָט איהר געזעהן אזא אומגליק? צום ערשטען מאָל טרעפט עס, אז ביי מיר זאָל א קינד שטאַרבען, ווי איהר זעהט מיך טרינקען טהעע. איצטער זיץ איך און קלעהר, פּאַרוואָס איז ער געשטאָרבען? איך האָב דאָך איהם בעסער פון אן אייגענעם האַלט געהאַט. קיין קינדער האָב איך ניט, אָט די וואָס איהר זעהט ביי מיר, זיינען מיינע שוועסטער'ס. און דער מאַן מיינער איז א פּראָסטער ארבייטער. איך בין ניט ווי אַנדערע, וועלכע האָבען אליין קינדער, און ארבייטען אליין. איך לעב אלס א באַלעבאָסטע, פיין, שטיל, האָדעווע אונטער אלע מאָל א פּאָר קינדער און קוק זיי נאָך ווי די אויגען פון קאָפּ.

— פּאַרוואָס־זשע איז ער פונדעסטוועגען געשטאָרבען? — האָט גיטעל מיט א שמייכעל געפרעגט, ווימענדיג אויף אויסוועניג אזעלכע זעלבסטבעריהמעריי.

— פאַר וואָס איז ער געשטאָרבען? זעצט זיך, אייך איז דאָך שווער צו שטעהן. פאַר וואָס איז ביי מיר אן אַנדער קינד געשטאָרבען? איהר פרעגט מאָדנע פראַגען. וואָס קומט מיר אריין פון זיין טויט? ניחאי וואָלט עס לעבען. איך וועל דאָך נעהמען אן אַנדער קינד, וואָס איז דאָ פאַר מיר דער אונטערשיעד?

— טאַקע אמת — האָט גיטעל געזאָגט, ניט געפינענדיג קיין אַנדער וואָרט וואָס צו זאָגען.

— איך זאָג דאָס זיי אלע מאָל. צו וואָס זאָל מען צושטעהן צו מיר, אז א קינד שטאַרבט? מיר איז דאָך נאָך שווערער מיט

א נייעם, וואָס מ'דאַרף צוגעוואוינען צו זיך. מיט א דריי חדשים צוריק איז ביי מיר געשטאָרבען א מיידעלע...

— ווי... געשטאָרבען? — האָט זיך איטע אָבגערופען. — איהר האָט דאָך געזאָגט, אז ביי אייך איז נאָר איין קינד געשטאָרבען.

— האָב איך אזוי געזאָגט? עס קען ניט זיין. האָב איך, הייסט עס, א טעות געהאַט. מיט דריי חדשים צוריק איז ביי מיר געשטאָרבען א מיידעלע. איהר מאַמע, וואָס האָט בעקומען 12 רובעל געהאַלט, האָט אויך געשטעלט מיר די זעלבע פראַגע און טאַקע מיט די זעלביגע ווערטער. איך האָב זיך דאָך מיט איהר שיער ניט צושלאָגען. וואָלט זי כאָטש מיט היץ, מיט טרעהרען מיך געבערענט, איז ניין, אָט נאָר מיך א שטאָך צו טהאָן. איהר איז אזוי א שאָד געווען דאָס מיידעלע, אָט ווי די קינדער. פאַרקעהרט, איצטער וועט זי נאָך קענען געבען מעהר געלד איהר געליעבטען צו שאַרלאַטאַנעווען.

— וויפיעל נעהמט איהר א חדש? — האָט גיטעל געפרעגט.

— גיט מיר א קוק אן אנדער קינד.

— אָט דאָס איז אן אנדער זאַך. מען דאַרף ריידען לעבעדיגע ווערטער און ניט זיך אָבגעבען מיט נאַרישע פראַגען. איך וועל אייך שוין ווייזען.

זי האָט זיך אויפגעהויבען און אוועק צום ווינקעל צימער הינטער א ווענטעל. דאָרט האָט זי פונאַנדערגענומען א שטיקעל רויטע שטאָף וואָס איז געהאַנגען פון דער סטעליע צו דער ערד און עס האָט זיך פון דער פינסטער דערהערט א מיאַווקען. ווען איטע מיט גיטלען האָבען זיך נעהנטער צוגעקוקט האָבען זיי דערזעהן אין בעט „עפּעס" אונבעוועגליכעס, וואָס האָט געהאַלטען אין הענטעל א שמאַטקע, וועלכע דאָס האָט געמוזט זויגען.

— דאָס איז א קינד? — האָט איטע געפרעגט. — פאַר וואָס זשע האַלט איהר איהם אין דער פינסטער? דאָס קען דאָך בלינד ווערען. וואָס עסט דאָס?

— מיך דאַרף מען ניט לערנען וואו צו האַלטען א קינד. וואו איך האַלט, דאָרט איז גוט. גלויבט מיר, דאָס וואָלט ווען אנדערש

ניט געשוויגען. איך קאָרמע איהם מיט סאָלדאַטסקע ברויט. איך האָב דערמיט אזוי אַלע קינדער אויסגעהאָדעוועט. איך נעהם די ווייכע פון די ברויט, בעשיט עס מיט מעל־צוקער, פערבינד אין א שמאַטקע און בעגיס מיט ווארימע וואַסער. דאָס קינד האָט שוין אַלע מאָל וואָס צו עסען, און פיהרט זיך דעם גאַנצען טאָג אויף זוי אַ טויב, גלויבט מיר. אז סאָלדאַטען ווערען געזונד פון דעם ברויט, איז דאָס פאַר קינדער נאָך טויזענדער מאָל געזינטער.

— נו, און מילך? — האָט גיטעל געפרעגט.

— איך גיב צו ביסלאָך מילך אויך. נור איך פאַרזיכער אייך, איך גיב עס געגען מיין געוויסען, בלויז אויס נאַרישען אבערגלויבען. וואָס איז אזוינס מילך, זאָגט מיר? איך וועל אייך זאָגען. מילך — דאָס איז ווייסע וואַסער. מענשען זיינען נאַריש און איך אויך אזוי. איהר ווילט ווייסע וואַסער? נאַט אייך, אָט איז ווייסע וואַסער? פונדעסטוועגען וויים איך דאָס סאָלדאַטסקער ברויט איז א רעטונג פאַר די קינדער. זעהט ווי דאָס זייגט: ביי איהר איז דאָך אין מויל א שרעקליכע קראַפּט. זי וועט פון אייער מויל דאָס בלוט אויסזייגען, און איהר ניט. איהר ווילט א קוק טהאָן?

זי האָט געשווינד ארויסגענומען דאָס קינד, עס צוגעלעגט אין פאַר ביידע פרויען איז ערשיענען אן אמת'ע פערזעהעניש, א פערמאָרעטע, וואָס האָט אפשר געהאַט 7־8 פונט אין וואָג. דאָס מיידעלע איז געווען געראָטען מיט'ן פנים צו אן אלטעטשקע, א פאַראומערטע, א טרויעריגע. א מין קאַריקאַטורע פון ליניעס. די הענטלאָך — צוויי זעהר לאַנגע ליניעס, און דער גוף, א ליניע אין מיטען. איהרע אויגען דעקלאָך מיט די ברעמען זיינען געווען פאַרמאַכט פון פערטריקענטע מאַטעריע. עס איז נאָר קענטיג געווען, ווי זי דרעהט הינטער זיי מיט די אויגעלאָך א בעאונרוהיגטע מיט'ן שיין פון טאָג.

— געפעהלט זי אייך? — האָט מירעל געפרעגט. — אמת, א שעהנינקע, כאָטש אפילו א דארינקע. אָט איהרע אויגען מאַכען מיך אומרוהיג. איך וועל מיט איהר די טעג געהן צו א פרוי וואָס קען היילען אויגען, די מיידעלע דאַרף גאָר ניט קיין מאַמען. איהר איז אין גאַנצען 6 חדשים, און זי פיהרט זיך ווי אן ערוואַקסענע.

איך האָב זי זעהר ליעב. וואַרט, איך וועל איהר אויפעפענען די אויגען, און איהר וועט דערזעהן וואָס פאַר א שעהנינקע זי איז.

זי האָט געשווינד אויסגעווישט מיט א שמאַטקעלע דער מיי־רעלע'ס אויגעלאך, אָננעצענדיג די ברעמען מיט'ן צונג, דורכגע־קראָכען מיט איהם ביז די אויגעלעך און זיי צועפענט.

— שעהן, אמת? — האָט מירעל געזאָגט, זיך וואַנדערנדיג צו גיטלען, — און איצטער טאַנץ אַביסעלע, זאָלען געסט זעהן וואָס פאַר א פרעהליכינקע דו ביזט.

זי האָט עס אונטערגעוואָרפען אין דער הויך, נאָר דאָס פאַר־מאַטערטע בעשעפעניס האָט זיך אויפגעבויגען אין צווייען, און צו־געפאַלען צום אקסעל מיט קרעכצען.

— זי וויל שלאָפען, — האָט מירעל ערקלעהרט, — אָרימינקע, ווי זי האָט מיך ליעב. איך וועל דיך ניט מאַטערען, ניין, ניין.

זי האָט אוועקגעלעגט דאָס קינד צוריק, אריינגערוקט די שמאַטקע און זיך אומגעקעהרט, רעדענדיג:

— און מיך פרעגט מען נאָך, פאַר וואָס א קינד שטאַרבט. יע, מען וואגט צו פרעגען, כאָטש מען צאָהלט מיר פאַר מיין ליעבע און זאָרגען בלויז 6 רובעל א חודש. בין איך נאָך דעם ניט קיין מלאך?

גיטעל איז שוין פאַרטיג געווען איינצושטימען, ווי עס זיינען אריינגעקומען די צוויי אם'ען, מיט וועלכע זיי האָבען זיך אין דער פריה בעגעגענט. יענע האָבען זיך פאַרוואונדערט וואָס זיי האָבען זיי דאָ געטראָפען, און די רייד איז אויף א ווײַלע אוועק אויף אַן אַנדער טהעמע.

מירעל, דערשמעקענדיג אַן אָנפראַגע, האָט זיך צורערט דערצו דאָס זי האָט אויסגעבעטען 8 רובעל א חודש אָהן אראָפּצולאָזען פון פרייז.

— ווינטער, — האָט זי פילאָזאָפירט — איז גאָר אַנדערע רייד. זעקס רובעל נעהם איך זומער. נאָר ווינטער וואָלט איך ביי מיין לייבליכער טאָכטער ניט גענומען ווייניגער ווי 8. ניט שוין־זשע ווילט איהר, אַז מיין מאַן, וואָס אַרבייט אַזוי שווער, זאָל זיך טהיילען זיינע גראָשענס מיט אייערע קינדער? מען דאַרף דאָך זיין א חיה דאָס צו וועלען.

דער האַנדעל איז ענדליך געוואָרען בעשטימטער. די זייטיגע טהעמעס זיינען אָבגעלאָזען געוואָרען. מען איז אריבער גלייך צו דער מלחמה; געקעמפּפט פאַר אַ יעדער קאָפּיקע. אויסגערעכענט וואָס אלץ קאָסט און וואָס עס דאַרף אוועק אין אַ חודש צייט אויפ'ן קינד. נאָר מירעל האָט זיך געהאַלטען ביי דאָס איהריגע. דער געשפּרעך האָט זיך צופלאַקערט: די קאָנקורענטקעס האָבען זיך איבערגערעדט ביז צום זידלען זיך, און נאָך אַ האַלב שטונדיגען קאַמפּף מיט די אייגענע און מירלען האָט גיטעל געפּייערט אַ זיעג, פאַרשלאָגענדיג דעם העכסטען פּרייז, ד. ה. 7 רובעל.

איטע האָט זיך ניט געדונגען, זיך ניט אריינגעמישט. אַ דערשראָקענע דערפון וואָס זי האָט געזעהן, דערמיט וואָס זי האָט געהערט, דערמיט וואָס זי האָט פאַרויסגעזעהן, האָט זי אין געהיים געפאַנטאַזירט צו געפינען עפּעס אַנדערש, וואָס זאָל זי בעפריע־דיגען.

ווען זיי זיינען ענדליך אוועק פון דאַרטען, האָט גיטעל מיט אַ שיינענדען פּנים געזאָגט צו איטע'ן:

— איהר ווייסט גאָר ניט ווי איך בין גליקליך. דאָס איז אַ טייערע פרוי. וואָלטען כאָטש אַנדערע געווען אַ העלפט אזוי גוט ווי מירעל, וואָלטען מיר גאַנץ רוהיג געקענט אוועקגעבען אונזערע קינדער.

— איך ווייס ניט וואָס פאַר גוטס איהר האָט אין איהר גע־פונען, — האָט איטע קאַלט געענטפערט. — אין אַ חדשים 3—4 וועט אייער אינגעלע ביי איהר שטאַרבען.

— אפשר איבער 6, — האָט גיטעל אונטערגעכאַפּט, — פון וואַנען ווייסט איהר? כאָטש 6 חדשים וועל איך זיין אַ מאַמע, און דערפאַר אַ דאַנק. איך בין דאָך ניט אין גאַנצען אַ חיה, ווי מיינט איהר. איהר מיינט מיר איז שוין גאָר ניט אנגענעהם צו זיין אַ מאַמע? איהר מיינט איך בין ניט גענוג גליקליך צו האָבען צו זאָרגען וועגען מיין קינד? האָט איהר אַ טעות, איטע. איך וועל דאָך זייגען אַ פרעמד קינד טהיילווייז דערפאַר, אז איך זאָל קענען פאַרדיענען פאַר מיין קינד. איך ציבליה זיך דאָך און ברענג מיין קינד פּרעזענטען, צוקער, קליידעלעך, אלץ וואָס איך קען נעה־

מען ביי מיין בעל הבית'טע. געווים ווייס איך, אז מירעל וועט איהם אלץ ניט געבען, אבער עפּעס עס איז וועט זי דאָך געבען. און דאָס קליידעלע וועל איך דאָך געווים זעהן אויף מיין אינגעלע און עס איז ביי מיר פאראַן צוליעב וואָס צו לעבען עטליכע חדשים. מעהר קען איך גאָר אליין ניט וועלען, איך קען דאָך ניט. ווי קומט עס פאָר מיר צו האָבען קינדער אויף מיינע פּלייצעס? און ביי אן אנדערער וואָלט ער אפילו קיין 2—3 חדשים ניט אויסגעלעבט. איך בין איצטער זעהר גליקליך, איטע.

— עס קען ניט זיין, — האָט איטע ערנסט געזאָגט, — דאָס איך זאָל ווערען אזא ווי איהר.

— איך בין ניט בייז אויף אייך, איטע, איהר ווילט דאָך מיך ניט בעליידיגען. איך בין דאָך ניט שולדיג. איך פערזיכער אייך. וואָס נאָך קען מען ווערען אין אזא קאטאָרזשנעם לעבען. פאַר נאָר איין מאָל... וואָס וועט איהר זאָגען א מענשען, וועלכער קען ניט ארבייטען, ווייל מען האָט איהם אָבגעשניטען די הענד? און ביי מיר זיינען רען די הענד און פּיס אָבגעשניטען אויף צו ערציהען א קינד. אייך איז דאָס נאָך ניט בעוואוסט, ווייל איהר הויבט ערשט אָן, אָבער איהר וועט אויך ווערען אזוי. אז דער האָלץ־ארבייטער דארף פון האָלץ מאכען א טיש, וועט ארויסקומען א טיש און ניט קיין אלמער. איהר וועט דערמאָהנען מיינע ווערטער; מען קען זיך דאָ ניט ארויסדרעהען.

זיי זיינען ווייטער, איצטער שוין פאַר איטע'ן, אריין אין עפּעס א הויף, דערנאָך אין אן אנדערען און כסדר געפונען די טהירען אויפ'ן שלאָס. און פון די פוסטע צימערען האָבען זיך ארויסגע־ריסען שרעקליכע געוויינען פון קינדער, איבערגעלאָזענע אליין. וואו זיי האָבען געפונען די טהיר אָפען, זיינען זיי אריינגעגאנגען אינוועניג און געפונען קינדער אונטער דער אויפזיכט פון א הונט אָדער א קאַץ, וועלכע האָבען געלעקט די קינדער'ס באַליקעס און וואונדען. און די קינדער אליין, מיעדע שוין פון וויינען און ברי־פען, האָבען זיך געפּאַטשקעט אין אייגענעם שמוץ און געלעקט זיך די הענט...

בײ איטען זיינען געווען אזעלכע מינוטען, וואָס זי האָט גע־

וואָלט שרייען, א וואָרף טהאָן זיך פאַר אימיצען אויף די קניה און שטאַרבען.

— וואָס איז דאָס אזוינס, — האָט זי גערעדט, — מיר זיינען דאָך מענשען, מיר זיינען דאָך אויך מענשען! פאַר וואָס קומט דאָס אונז אזוי, פאַר וועלכע פערברעכענס, גיטעל? זאָל זיין מיר האָבען געזינדיגט, נאָר די קינדער, מיט וואָס זיינען זיי שולדיג? צו וואָס אזוי פיעל ליידען? אָה, זאָל מען מיך פיהרען הרג'ענען אויב איך וועל נאָך א מאָל אָנהויבען טראָגען, אויב איך וועל כאָטש נאָך איין מאָל ווערען א מאַמע! וואָלט אונז כאָטש אימיצער געוויזען וואָס דאָ טהוט זיך; ווען מען וואָלט אונז נאַרישע, אומגליקליכע מיידלאָך פריהער געבראַכט אהער און געוויזען וואָס עס ערוואַרטעט אונזערע קינדער!

— איהר וועט זיך צוגעוואוינען, — האָט איהר גיטעל קאַלט־בלוטיג געענטפערט. ווען איך האָב דאָס צווייטע קינד געדאַרפט אוועקגעבען, האָב איך אויך אזוי געשריען, נאָך אפשר מעהר פון אייך געשריען און זיך איינגעשטילט. ווען מען וואָהנט דאָרט, אין דער גרויסער שטאָדט, ווייטער פון דעם בית עולם, פערגעסט מען אויף אלץ, און עס ווילט זיך לעבען, ליעבען און האָבען. אזוי איז דאָס שוין, און ביי אייך וועט דאָס ארויס פון קאָפּ אזוי גיך ווי איהר וועט נאָר אוועק פון דאַנען. איהר וועט איבערלאָזען דאָס קינד דאָ, זיך שטאַרק אויסוויינען די ערשטע נאַכט, און אַנדערע זאָרגען וועלען אייך צושטרייען. אומזיסט וועט מען אייך קיין געלד ניט צאָהלען, איך וועל אייך זאָגען מעהר, עס וועט זיך אזוי מאַכען, דאָס איהר וועט זיך צובינדען צום פרעמדען קינד, וועלכען איהר וועט האָדעווען און צום אייגענעם וועט איהר קעלטער ווע־רען. דאָס איז אזוי ריכטיג, ווי דאָס וואָס איצט פאַלט א שניי.

— אָך, איך שווער, איך שווער אייך, גיטעל, אז דאָס וועט ניט זיין. דאָס וועט ניט זיין, גיטעל! איך וועל פון מיר ארויס־רייסען מיין הארץ, אויב דאָס וועט פאַלש ווערען צו מיין קינד. איך שווער אייך, גיטעל!...

זיי זיינען אוועק גיכער און ווייטער געגומען אריינגעהן אין הייזער. די בילדער האָבען זיך וועניג וואָס געביטען. אומעדום

האָט זיך דער בייזער גאָט פון שטראָף און ראַכע געוויזען אין זעלבען געשטאַלט. האַלב צופוילטע פנים'ער, אויסגעקרימטע קערפּער, פערמיאוס'טע אויגען, דאַרקייט, קאַרג־וואָגיגקייט און קליינינגקייט פון די קינדער, זייערע געוויינען, זייער כליפּען וואָס האָט זיך ארויסגעריסען פון די הונגעריגע מיילער און קעלט און שמוץ, און די גלייכגילטיגקייט פון מענשען, — אומעדום און איבעראַל איז געווען איינס און דאָס זעלבע. און איטע האָט נאָך געזוכט און געזוכט, גלויבענדיג אין עפּעס אויף וואָס זי האָט געהאָפט, ניט װעלענדיג דערלאָזען דאָס אויך איהר קינד זאָל טרעפען דער זעלבער שיקזאַל...

צום אָבענד האָט זי זיך אָנגעהויבען אונטערגעבען. זיך אומקעהרען צו דער פערגאַנגענהייט איז שוין געווען אונמעגליך, ניט דערפאַר האָט זי מורא געהאַט וואָס אין דער היים ערוואַרטען זי מיכעל'ס קלעפּ און אפילו טוידט פון זיינע הענד אָדער פון הונגער, נאָר צו געהן אהיים, וואָלט זי בעדאַרפט זיין גרייט צו געהן אין גאַס פערקויפען זיך און אויף אַזאַ אָפּפער האָט ניט געקלעקט קיין מוטה. אַלץ אין איהר — איהר נשמה, א שטאַרקע און אונגעהאָרכזאַמע; איהר שעמעדיגער און אונגעהאָרכזאַמער קערפּער — האָבען זיך אויף דעם ניט געוואָלט געבען. אין הארצען האָט נאָך אַלץ געקלאַפּט א האָפנונג, דאָס מיט גוטע געצאָהלט, צערטליכקייט, בעטען װעט זי קענען קויפען א טראָפּען לאַסקע פאַר'ן קינד.

װערענדיג איינשטימיג מיט א פרוי אויף 8 רובעל א חודש, האָט זי לאַנג און א סך גערעדט מיט איהר, ערקלעהרט, געבעטען און שיער וואָס ניט געקושט איהרע הענט, אַז יענע זאָל אָפּהיטען איהר אינגעלע. דערנאָך האָט זי זיך נאָך לענגער געזעגענט מיט איהר קינד, געוויינט איבער איהם, ווי איבער א מת. זי האָט איהם אין געדאַנקען היים געבעטען צו פערגעבען איהר, איהם געשוואָרען ניט צו פערלאָזען. איהם ווייטער געקושט, געכליפּעט און איז שיער ניט אראָפּ פון זינען, ווען עס איז געקומען די צייט אוועקצוגעהן. צוואַנציג מאָל איז זי אוועק, צוריק געקומען, ווייטער געוויינט, געשוואָרען, געקושט און אויסגעקוקט שרעקליך רחמנות'דיג טרויעריג מיט איהר רויטען, צושוואָלענעם פון טרעה־

רען פּנים און פערלאָרענעם אויסזעהן. זעהר שפּעט איז זי ענדליך אוועק פון דאָרט, אוועקטראָגענדיג א מיעדע, אַ פערגרעסערטע ליעבע אין הארצען און אונענדליכע פערצווייפלונג. ווען זי איז געקומען צו איהרע בעלי הבית׳ים, האָט זי בעקומען אן אויסרייד פאַר פערשפּעטיגען זיך. דערנאָך גענומען אַ וואַנע און איז אריינגעטראָטען אין איהרע נייע פליכטען.

ווי גיטעל האָט פאָרגעזאָגט, האָבען די ערשטע זאָרגען ווי בעסער און בעקוועמער צו צופּאַסען זיך צום נייעם לעבען, וואָס האָט געפאָדערט פון א נייעם, אונערפאהרענעם מענשען פולען אָבגעבען זיך דערצו, איטען אין גאַנצען פערשלונגען. ניט וויסענדיג ווי צו האלטען זיך אין דער נייער ראָליע, האָט זי אָבגעגעבען אַ סך כוחות און קראַפט, מען זאָל זי ניט פערדעכטיגען אין נאַכלעסיגקייט, אין ניט ליעבע צום קינד, וועלכעס זי האָט געזויגען; זי האָט זיך געסטאַרעט מיט אלץ זיין אין צייט, מען זאָל איהר ניט פאָרווארפען דאָס זי איז פויל. אין די ערשטע צייט האָט זי אזוי געציטערט פאַר איהרע בעלי הבית׳ים ווי פאַר מיכלען, ווען ער איז געווען אין כעס.

פון אין דער פריה ביז נאַכט האָט זי זיך געטראָגען איבער׳ן הויז, העלפענדיג אין דער פרייער צייט דער דיענסט, דער קעכין, אָדער זיך פערנעהמען מיט וואַשען די קינדערשע ווינדעלאַך, צי נייען קינדערשע קליידלאַך צוזאמען מיט דער ווירטין. זי איז ניט געזעסען קיין איין מינוט ליידיג, א דאנק דעם, וואָס זי האָט געטראכט דאָס אזוי דאַרף מען האנדלען.

די ערשטע צייט, ווען זי איז אזוי אומגעלאָפען און געאַרבייט, האָט עפּעס אַ שאַרפער, בייזער געדאַנק געהאַלטען אין איהר ווי צוגעקלעפּט צום מאַרך, ניט אָפּלאָזענדיג זי אויף א רגע, כאָטש זי האָט גאָר ניט געהאַט קיין צייט אָדער פערלאַנג דאָס גוט דורכטראַכטען. עפּעס האָט איהר וועה געטהאָן, געמאַטערט, צודרינגליך געפאָדערט, נאָר זי האָט זיך ניט אונטערגעגעבען און אלץ אָבגעלייגט די צייט פאַר אונטערפיהרען רעכענונגען מיט זיך, פון טאָג צו טאָג.

פערבייגעהענדיג האט זי זיך דערוואוסט, דאס עטעל דיענט אין דעם הויז אויפ'ן ערשטען שטאק, ביי א כאדאטאי עפעס, נאר פערטיעפט אין איהר נייעם לעבען האט זי אפילו ניט געזוכט צו קומען צו איהר און א שמועס טהאן, אפלייגענדיג דאס אויך אויף שפעטער, אויף אן אנדער מאל, ווען אלעס וועט זיך איינארדנען.

די ריכטיגע ארבייט, די אונרוהיגע און די מאטערענדיגע האט זיך ביי איהר אנגעהויבען ביי נאכט, ווען זי האט זיך אבגעשטעלט מיט'ן קינד אויג אויף אויג. זי איז געוואוינט געווען מיט איהר קינד צו בייטאכטיגע אויפוואכונג, איבערצורייסען די בעסטע מינוטען פון שלאף, זינגען, ריידען, וויעגען. דא אבער האט דער שארפער, בייזער גערדאנק זיך אריינגעמישט און געשטערט. יעדער טראכט איז געווען ווי אויף מעסערס, ווארום עס האט זיך דערמאהנט, אז דאס איז פאר א פרעמדען, און יעדער קלאנג פון איהר שטימע, שמייכעל, אמת'ער קוש, און צערטליכע אומארמונג האט זיך ווי א פערראטה אויסגעוויזען געגען אייגענעם קינד, וועלכעס האט געווים צו דערזעלבער צייט ערגעץ וואו געליטען.

די ליידען זיינען ענטשאטען ניט אין קלאהרען בעוואוסטזיין וואס זי גיט אפ אלע כחות, צערטליכקייט און ליעבע צו א פרעמדען, נאר אין דעם אונבעשטימטען געפיהל וואס האט גענאגט איהר נשמה, וואס האט געצויגען מיט שווערען וועהטאג, ווי עס נאגט א צאהן ניט שטארק נאר דערעסענדיג אונאויפהערליך. און פון דעם האבען זיך איינגעשטעלט איהרע נייע בעציהונגען צו מיכל'ען פון דעם ערשטען טאג אויף איהר שטעלע. ער איז שוין צוויי מאל געקומען צו איהר, נאר זי האט פאר קיין פאל זיך ניט געקענט לאזען זעהן מיט איהם, כאטש זי האט געוואוסט דאס זי ערגערט איהם דערמיט און קען דערפיהרען צו אונאנגענעהמליכקייט. זי האט אנדערש ניט געקענט, אפילו וויסענדיג דאס און מורא האבענדיג פאר איהם. דאס געפיהל פון אונבעשטימטען האס וואס איז געווען אין איהר, האט זיך צוברענט און געפאלען אויף איהם ווען ער איז געקומען און אנגעזאגט מיט א קראם־אינגעל פון זיין עקזיסטענץ.

עס האבען זי ניט אפגענארט די ריהרענדע ווערטער פון מויל

פון דעם געשיקטען, אונטער וועלכע זי האט גוט געזעהן מיכל'ס גיפט. זי האט געוואוסט דאס ניט די ליעבע ברייננט איהם צו איהר, אדער צו זייער קינד, נאר דער פערלאנג נאך איהרע גראשענס, און די שווער פערדיענטע גראשענס, וועלכע ער וועט ניט זשאלעווען, ווי ער האט קיין רחמנות ניט געהאט אויף איהר, און אויפ'ן קינד. זיי וועלען אוועק אין יענע לעבער, אויף אזעלכע פערגעניגענס וואס איז פאר איהם טייערער פון לעבען. זי האט איהם אפגעזאגט אויף צו זעהן זיך אויך צום צווייטען מאל, כאטש מיכל האט געלאזט וויסען דורכ'ן איינגעל דאס ער וועט זיך אריינרייסען אין הויז און זי שלאגען צום טויט.

עס איז געקומען די צווייטע וואך פון איהר דיענען. דער טיעפער וועהטאג, וואס איז איהר געקומען פון דעם בעוואוסטזיין דאס איהרע כחות, געזונד און ליעבע ווערען אפגעגעבען א פרעמדען קינד, איז ניט אין גאנצען נאר א ביסעל שוואכער געווארען אונטער דער ווירקונג פון אלטעגליכען לעבען.

יענע מאדנע ערהאבענע געפיהלען, ווען א געהארכזאמע צו דער העכערער ליעבע און מיטגעפיהל האט זי געמאכט גוט צום פרעמדען קינד, וואס האט זיך מיט אזוי פיעל צוטרויען און ריהרענדער צוגעבונדענקייט געצויגען צו איהר, אזוי ווי זי וואלט איהם געווען א מאמע. זיצענדיג נעבען קינד האט זי זיך געפונען אביסעל פערגרינגערונג אין טרעהרען וועלכע מען האט געדארפט פערגיסען אזוי אז קיינער זאל ניט זעהן... שטיל האט זי בעוויינט איהרע צרות פאר'ן איינציגען עדות, דעם קינד, וואס איז געווען, נאך איהר מיינונג, דער הויפט שולדיגער אין איהר אונגליק. נאר זי האט אפילו וועלענדיג, ניט געקענט איהם בעשולדיגען צו שילטען, ווייל עטוואס שטארקערעס אין איהר האט אפגע'סמ'ט איהר האס צו איהם. און דאס שטארקערעס איז געווען יענע נאך ניט פערפאלקאמטע געפיהלען פון ליעבע צו איהם, וועלכע האבען זיך, געגען איהר ווילען געבארען און צוזאמענגעבונדען איהרע אינטערעסען פון לעבען מיט'ן קינד, וועלכעס ניט זי האט געבארען.

פון דעם האלב־בעוואוסטזין איז געקומען א נייער וועהטאג, פון וועלכען זי האט זיך אינערליך געוועהרט. פון נאטור ניט קיין

שלעבטע, גיכער מיט הארץ, גרייט מיטצוהעלפען און הענד פארטיג צו העלפען, איז זי אויף זיך אייפערזיכטיג געווען ווען זי האט זיך ערלויבט עפעס איבריגעס, הארציגעס בנוגע דעם פרעמדען. אומעדום און אין אלעם האט זי פערפאלגט איהר אייגענער אינגעלע, און געהערשט אין איהרע געדאנקען אלס אן אונשולדיגער אפפער, געבראכט צוליעב דעם גליק און פערגניגען פון דעם קליינינקען פריץ'ל, בעשאנקען מיט אלעם גוטעס פון לעבען.

איהר געדאנק האט פראטעסטירט געגען פרעמדען, און דאס הארץ האט זיך געשטעלט אויף זיין זייט. פון אזא מיש־מאש אין איהרע געדאנקען, איז געבארען געווארען די שרעק פון איינזאמקייט. א שרעק אפצושטעלען זיך אויג אויף אויג מיט דער דריקענדער משא. ביסלעכווייז האט זי גענומען דארשטען נאך מיטגעפיהל, א נשמה אין וועלכע מען זאל קענען איבערגיסען דעם איבערפלוס פון טרויער און ליידען.

איצט האט איטע שוין ניט געפיהלט אזוי ווי פריהער צו מיכלען. אל'דאס שלעכטע, וואס האט איהר פריהער אויסגעוויזען ווי אונמענשליך, האט זי גענומען פערענטפערען. געדאנקען פון פערגעבונג זיינען גיך געקומען, אזוי ווי די גאנצע קאפ וואלט געווען פול מיט זיי. אין די נעכט האט זי נאר געטראכט וועגען איהם און איהר האט זיך געדאכט, אז דאס גאנצע גליק, פון וועלכען זי האט געטראכט, וועט מיט אמאל קומען ווען זי וועט אוועקלייגען איהר קאפ אויף זיין ברוסט און זיך גוט אויסוויינען.

ביי טאג האט זי ניט דורכגעלאזען קיין איין מינוט ניט צו קלעהרען וועגען איהם, ניט אפגעבען זיך די זיסע האפנונג דאס ער וועט שוין קומען, אז אויב ניט זי, וועט איהר געלד, ווי א מאגנאט איהם צוציהען ווי ווייט ער זאל ניט זיין פון איהר.

זי האט זיך אזוי אנגעשרויפט דאס ווען ער איז ענדליך ערשיענען (דאס איז געווען צוויי טעג בעפאר דעם ווי מען האט איהר בעדארפט ברייגגען איהר אייגענעם אינגעלע) איז זי ווי א צומישטע, קוים איינארדענענדיג איהר ארויסגעהן פון הויז, געפלויגען צו איהם.

דער הויף איז געווען פערשאטען מיט שנעע, און ביים צופאהר, וואו עס האט געווארט מיכל, זיינען געלעגען גאנצע הורבעס.

איטע האָט איהם דערקענט פון וויטען, נאָך זיין געוואָהנהייט צו שטעהן מיט די הענד אין די קעשענעס. זי איז געשווינד געגאַנגען צו איהם, קעמפפענדיג מיט א קאַלטען ווינט וואָס האָט דאָ געבלאָזען.

עס האָט שוין גענומען פינסטער ווערען, און מען האָט אויפ'ן גאַס ניט געזעהן קיין דורכגעהענדע. איטע איז צו איהם צוגעגאַנגען מיט אן איבערגעפילט הארץ, ניט וויסענדיג פון גרויס אויפרעגונג וואָס צו זאָגען, און ער איז אַלץ געשטאַנען אזוי מיט פאַנאַנדערגעשטעלטע פיס און בעהאַלטענע אין די קעשענעס הענד.

— לאָמיר זיך צוזעצען, — האָט זי שטיל געזאָגט, איינאָרדנענדיג זיך אויף א באַנק פון הויף.

ער האָט זיך געזעצט גלייך מיט איהר, און פון דעם ווי אזוי ער האָט זיך געזעצט האָט זי פערשטאַנען דאָס ער איז שרעקליך בייז אויף איהר. אָבער זי האָט אין זיך געפיהלט אזא גרויסען זאַפּאַס גוטע געפיהלען דאָס זי האָט זיך גאָר ניט בעאונרוהיגט.

— פאַר וואָס ביזטו ניט ארויסגעקומען? — האָט ער טרוקען געפרעגט, — דו קלעהרסט אז דו פרעסט דאָרטען געשמאַק און א סך בין איך דאָך ניט זאַט דערפון. דאָס וועט אזוי לאַנג ניט נעהמען, זיי וויסען.

איטע האָט א קלעהר געטהאָן דאָס זי עסט טאַקע גוט, און ניט קוקענדיג אויף זיין שאַרפען טאָן וואָס האָט זי מיט אמאָל אָפּגעקיהלט צו איהם, האָט זי דאָך הארציג מיט איהם מיטגעפיהלט.

— איך קלעהר דאָס ניט, — האָט זי געענטפערט, — און גלויב מיר, מיכל, דאָס איך בעגיס יעדער שטיקעל ברויט מיט טרעהרען, ניט נאָר דערפאַר — האָט זי זיך אונטערגעאיילט צוצוגעבען — וואָס דו עסט ניט אזוי ווי איך, ניין, נאָר וויל איך בעטראַכט מיט אמאָל אונזער גאַנצען לעבען און זעה ווי שלעכט, ווי שרעקליך ער איז ביי אונז ארויסגעקומען.

— דאָס איז צו לאַנג און עס אינטערעסירט מיך, ווי דער פאַראיאָהריגער שניי, מעגסט אפילו עסען אזוי פיעל אז דו זאָלסט זיך דערשטיקען, נאָר איך זאָל דערפון עפּעס געווינען.

איטע איז אַלץ מעהר אָפּגעקיהלט געוואָרען צו איהם און ניט

פערשטאַנען ווי אזוי זי האָט געקענט פערגעסען זיין נאַטור, ווי אזוי זי האָט נאָר געקענט נאָך איהם בענקען, איהם זשאַלעווען. איהר גאַנצע פרייד, וואס האָט מיט אַ ווײַלע צוריק גע׳יובל׳ט אין איהר איז אָבגעקיהלט געוואָרען. עס האָט זיך איהר נאָר אָפּגע־שטעלט דער איינציגער געדאַנק, דאָס זי וועט באַלד אוועק פון איהם און צוריקקעהרען זיך אלס אַ מענש, אפילו אַ פערשקלאַפּטער, נאָר דאָך מיט עפּעס אַן אייגענעם לעבען.

— ביזט געוועזן ביים קינד? — האָט זי פּרובירט ענדערען דעם געשפּרעך.

— איך האָב ניט נאָך וואָס צו געהן צו איהם. אויב איך וועל יאָ געהן, טאָ געדיינק אז דאָס וועט ניט זיין מיט אַ גוטען ציעל. איך פערגעס ניט דאָס ער גנב׳עט פון מיין מויל 8 רובעל אַ חדש.

— האָב איך איהם ניט פון דיר געהאַט? — האָט זיך ביי איטען מיט ביטערניש און אויפרעגונג ארויסגעריסען. — האָסטו דאָס ניט געוואָלט? מיט וואָס־זשע איז דאָס קינד שולדיג? מהו גאָר אַ קלעהר ווי אונגליקליך ער איז. מען קען איהם דאָרט כאַטש אַ זשאַלעווע טהאָן? האָט דען יענע פרוי איבער איהם פערגאָסען כאָטש אַ טראָפּען בלוט? דערמאָן זיך ווי ער איז שוין געוואוינט געוואָרען צו דיר און צו מיר, ווי ער האָט אונז געליעבט. קענסטו גאָר פערלאַנגען צו פערשווענדען זיין געלד?

— גוט, גוט, נאָר פונדעסטוועגען וואָלט מען געקענט פאר איהם געפינען אַ פרוי פאר 5 רובעל אַ חדש. אָבער דו ביזט אזאַ גאָר נישט, אז מען טאָר דיר גאָר נישט געטרויען. ווי האָסטו געקענט איינשטימען צו אָפּשטעלען זיך פאר 12 רובעל? ווי אזוי האָסטו זיך בעשלאָסען צו צאָהלען 8 רובעל פאר׳ן קינד? וואָס האָסטו דאָן וועגען מיר געטראַכט?

— אָבער איך האָב דיר אוועקגעגעבען אלעס וואס ס׳איז געוועזן אין צימער. דו ביזט פשוט, מיכל, אָהן געוויסען.

— וואָלסט נאָך דאָס ניט אוועקגעגעבען! איך וואָלט שוין לאַנג בעהאַלטען אַ מעסער אין דיין זייט! — האָט ער בייז גע־ענטפערט, — און נאָך וועל איך דיר זאָגען, הער מיך אויף אויפ־צורעגען. גיב מיר געלד.

— גאָט איז מיט דיר, מיכל, די ביזט פון זינען אראפּ, פון וואַנען קומט צו מיר געלד? איך גנב'ע דאָך ניט און מאַך דאָך ניט קיין פאַלשע געלד. איך האָב דיר אָפּגעגעבען אלץ וואָס כ'האָב געהאַט.

— א סך האָסטו געגעבען! וואָלסט שוין בעסער ניט ריידען. צוויי רובעל אויבעט געלד!

— געווים געלד. אזעלכע גוטע געלד ווי עס קען נאָר געבען. די פערגעסט ווי שווער זיי זייגען מיר אָנגעקומען און דו האָסט זיי ארויסגעווארפען אויף קאָרטען.

— דאָס איז ניט דיין געשעפט, — איך וויל ניט וויסען דיינע געשעפטען, — איך דאַרף האָבען געלד. איך וועל דיר פאַר 12 רובעל ניט לאָזען דינען. קענסט ביי מיר שטאַרבען איידער ארבייטען פאַר אזעלכע גראָשענס. אז די וועסט ניט בעטען מען זאָל דיר העכערען, מעגסטו זיך געזעגענען מיט דיין זיסען לעבען. און צו מאָרגענדיגען טאָג זאָל מיר צוגעגרייט ווערען דריי רובעל.

— איך האָב ניט וואו צו נעהמען, — האָט איטע שטיל געזאָגט, פיהלענדיג פון שרעק דאָס ביי איהר געהט ארום א קעלט איבער'ן לייב, — איך האָב שוין גענומען פאַר א חדש און זיך פאנאנדערגעצאָהלט.

זי איז פלוצלונג אראָפּגעפאַלען פון באַנק דורך א קלאָפּ אין זייט און דער שאַל איז פון איהר אראָפּגעפאַלען ווען זי האָט זיך אָנגעשטרענגט אויפצושטעלען.

— הער אויף, — האָט זי שטיל ארויסגעשריען, כאַפּענדיג איהם פאַר די הענד, — די ביזט דאָך ניט אין דער היים! מען קען דערזעהן. פאַר וואָס מאַטערסטו מיך? איך וואָלט אפילו מיין נשמה אוועקגעגעבען נאָר צו שיידען זיך מיט דיר, גזלן!

— וועסט נאָך קריגען מעהר, אז די וועסט ריידען. מאָרגען קום איך נאָך געלד.

איטע איז שוין געשטאַנען, א פאַרטיגע אוועקצולויפען ביי זיין ערשטע בעוועגונג. — איך וועל קומען — האָט ער פאַרטגעזעצט. קענסט גנב'ענען אז ס'איז ניטאָ וואו צו נעהמען, און דאָס וועט זיין בעסער פון אלץ. און וועסטו ניט קריגען, וועל איך דיך אזוי

צו הרג׳ענען, אַז דו וועסט ליגען אַ גאַנצען חדש. — וואו וואָהנט דער אינגעל?

— אָט דאָס, מיכל, וועל איך דיר ניט זאָגען, — איך וועל אַלץ אויסליידען, נאָר דאָס קינד וועל איך דיר ניט געבען. — זי האָט זיך איינגעהאַלטען. — איך קלעהר, אַז אויב דו וועסט קומען אין אַ טאָג צוויי־דריי אַרום, וועל איך אפשר קריגען געלד אָדער איך וועל נעהמען אַפּריהער, אָדער איך וועל אַנטלייהען ביי גיטלען.

— ניין, מאָרגען.

— אָט האָסטו זיך ווייטער איינגע׳עקשנ׳ט, מיכל. ביזט אַזאַ מאָדנער מענש. מסתמה ווייס איך דאָך דאָס איך קען אויף מאָר־גען ניט קריגען, איז מיר דען ניט אַלץ איינס ווי באַלד אַז איך גיב שוין? קום, מיכל, אין דריי טעג אַרום.

— נו, גוט, — איז ער שוין ווייכער געוואָרען, — דאָס זיינען אַנדערע רייד. דו דאַרפסט מיך ניט אַלע מאָל צו׳כעס׳ן, איך בין דאָך אַ ווספּילטשיווער און צינד זיך אָן ווי פּולווער. טהוט דיר שטאַרק וועה די זייט? אפשר האָסטו ביי זיך כאָטש 20 קאָפּי־קעס, איך האָב נאָך פון אין דער פריה אָן ניט געגעסען.

זי האָט געוואוסט דאָס ער זאָגט אַ ליגען, און איהר איז איצט בעזאָנדער אָבשטויסענד געווען זיין זאָרגען זיך איבער איהר.

— איך האָב 10 קאָפּיקעס, — האָט זי איינגעהאַלטען געזאָגט — און איך קען זיי דיר געבען, אָט נעהם. זי איז גלייך ווייך גע־וואָרען און צוגעגעבען. — ווען דו וואָלסט וועלען זיין אַ מענש מיכל, וואָלט נאָך ביי אונז געווען אַ לעבען. וואָלס נאָר אָנהייבען אַרבייטען...

— רייד ניט קיין נאַרישקייט! — האָט ער זי אונטערבראָכען.

— איך האס דיין אַרבייט. דאָס איז אַן עסק פאַר נאַראָנים. אַ קלוגער לעבט אָהן אַרבייט, שפּיעלענדיג. אין דריי טעג אַרום קום איך. וועסט זעהן דאָס קינד — טהו איהם אַ קוש.

ביים וואָרט דאָס קינד האָט זי ניט אויסגעהאַלטען און זיך צוואוויינט. דערביי האָט זי זיך דערמאָנט ווי נאָהענט זי איז געווען נעבען איהר גליק און זי האָט איהם ניט געקענט האָבען. דער

זעלבער מיכל, נאָר עפּעס אַן אנדער נאַטור, און אַלץ וואָלט זיך נאָך געקענט אומבייטען.

זי האָט געוויינט אָפּקעהרענדיג זיך פון מיכל'ען, ניט צו געבען איהם אַ מעגליכקייט צו לאַכען איבער איהרע טרעהרען, נאָר איהר האַרץ איז נאָך מעהר פערשטיינערט געווארען.

זיי זיינען זיך צוגאַנגען אָהן ווערטער נאָך דעם ערשטען, שלעכטען זעהען זיך. און איטע האָט באַלד פערגעסען אָן אלעם וואס האָט זי אויפגערעגט. זי איז אַ צייט ארומגעגאנגען איבער'ן צימער און געקלעהרט וואו זי וואָלט געקענט אנטלייהען געלד.

— איך וועל פּרואווען, — האָט זי זיך געזאָגט, ביי עטלען. אויב ניט ביי איהר איז אפשר ביי גיטלען. אָדער ביים קרעמער. וואס פאר אַ שטראָף עס איז מיט איהם, גאָט מיינער!

אויף דעם פאָלגענדען טאָג האָט איטע, כאַפּענדיג אַ פּרייע מינוט, זיך אַראָפּגעלאָזען אונטען, צו עטלען. זי האָט זיך בכיון געאיילט צו ענדיגען דערמיט גאַנץ פריה ווייל זי האָט אין דעם טאָג בעדאַרפט וואשען און מאָרגען האָט זי געוואָלט אַ פּרייע וואַרטען פאר אסתר'ן, וועלכע האָט בעדאַרפט ברייגען איהר איינגעלע.

זי איז אריינגעלאָפען אין קיך און געפונען עטלען טרינקענדיג טהיי. עטעל איז געזעסען מיט פאַנאַנדערגעשטעלטע פיס, און איהר בויך איז שטארק ארויסגעטראָטען פון אונטער איהר קלייד. איטע האָט זיך נאָר געוואונדערט וואָס מען האָט זי ניט אויסגעריכט ווען עס האָט זיך אַזוי געוואָרפען אין די אויגען איהר טראָגען.

— זיי ווייסען שוין, — האָט איהר איינמאָל עטעל אַ זאָג געטהאָן. — דאָס שטערט זיי גאָר ניט. מיט וואָס איז ביי אַ טראָגעדיגער די מילך ערגער? איך פערליער דאָך נאָר דערפון וואָס איך קאָרמע צוויי, — און ווענמען אַרט דאָס פאר מיין געזונד? אַבי עס זאָל זייער קינד ניט שאַדען.

איצט האָט זיך שוין עטעל ניט בעהאַלטען און פריי דערצעהלט אַלעמען דערפון ווי עס איז אַנגענעהם צו זויגען ווען מען שוויינגערט. און אַזוי גוט איז געוואָרען איהר אַפּעטיט מיט'ן מאָגען, אַז ווען זי וואָלט אפילו עסען האָלץ, וואָלט זיך דאָס אויך אומגעוואַנדעלט אין בלוט און מילך.

— ווי קומט איהר אזוי פריה? — האָט זי איטען געפרעגט, אזוי ווי זי וואָלט זיך מיט איהר אַלע טאָג בעגעגענט, און צוגעגע־בען:

— ווי געפעלט אייך מיין שוסטער?

— וואָס איז? — האָט איטע געפרעגט, גאָר פערגעסענדיג ווער איז דאָס געוועזן דער שוסטער.

— ער פאָדערט דאָך מיר שוין אַ היים, זאָלען איהם שדים אוועקטראָגען. איך פערזיכער אייך, איך האָב נאָך אין מיין לעבען אזא גראָבען יונג ניט בעגעגענט. ער ביינקט נאָך מיר, דערוואָרגען זאָל ער ווערען, ער דאַרף מיך האָבען ביים זייט, דער אָרימער טייפעל!

זי האָט זיך צולאַכט, שרעקליך צופרידען מיט דעם נאַרישען שפּאַס. איטע האָט איהר ניט ווילענדיג מקנא געווען, נאָר פון איידעלקייט אונטערגעהאַלטען זי מיט אַ לאַך און באַלד צוגעגעבען אַ בעזאָרגטע:

— איך האָב אייך ווענען עפּעס געוואָלט אַ בעט טהאָן, עטעל, איך ווייס נאָר ניט צו וועט איהר דאָס קענען ערפילען.

— וואָס אזוינס? — האָט עטעל מיט פערדאַכט געפרעגט — אַ ביטע? וואָס איז דאָס פאַר אַ ביטע?

זי האָט זיך אָנגעגאָסען טהיי מיט מילך.

— נעכטען האָב איך געזעהן מיין מאַן... — האָט איטע פער־לאָרען געזאָגט.

— איך בין אייך ניט מקנא, — האָט איהר עטעל איבערגע־שלאָגען.

— און איך האָב געטהאָן די נאַרישקייט איהם צו צוזאָגען דריי רובעל, און מיין חודש איז ערשט אין אַנדערטהאַלבען וואָכען אַרום. אפשר וואָלט איהר מיר אַנטלייהען, אויב איהר האָט פרייע... האָט איטע געענדיגט, פערשטעהענדיג מיט אמאָל אז עס איז אומזיסט דער בעטען.

— דריי רובעל! — האָט עטעל מיט אמת'ער פערוואונדערונג געפרעגט, — איהר שפּאַסט? ווען האָב איך ביי זיך געהאַט דריי רובעל? איהר זייט פּראָסט אַ קינד. ווי אזוי איז דאָס אייך אין קאָפּ געקומען? אז איך וואָלט געהאַט דריי רובעל, וואָלט איך

מיט אייך ניט װעלען רעדען, אזוי גרויס װאָלט איך ביי זיך געװען.

— יע, יע, איך װייס, ביי אייך זיינען פאַראַן קינדער, — האָט זי איטע פערענטפערט. — נאָר אין אַ װאָך אַרום װאָלט איך אייך פון דעסטװעגען אומגעקעהרט דאָס געלד.

— מאַכט זיך ניט פאַר קיין נאַרעלע, — האָט זי עטעל ערנסט אָפּגעשטעלט. — איך װעל דאָך אויף אייך נעהמען קוקען װי אויף אַ משוגענע. ביי גאָט! אין גאַנצען האָב איך בעקומען 9 רובעל און װען מיינע בעלי־בתים האָבען דערהערט אַז איך ט ר אַ ג, האָבען זיי זיך אַזוי דערפרעהט, אַז זיי האָבען אַראָפּגענומען אַ רובעל פון מיין געהאַלט. װאָס זשע פאַר געלד איז ביי מיר? מילא, אַז אייך װילט זיך איך זאָל לאַכען, װעל איך שוין אָנהויבען. הערט זשע אויף.

— איך האָב געמיינט... אפשר... האָט זיך איטע פערלאָרען. — װאָס מאַכט אייער קינד?

— און אייערע? איך האָב דאָך מיינעם טאַקע געמוזט אַװעק־געבען צו האָדעװען. מיין נאַר איז שיער ניט צומישט געװאָרען דערפון.

— מיינעם האָב איך נאָך ניט געזעהן, — מאָרגען װעל איך איהם זעהן. זייט איהר צופרידען מיט אייער אַם?

— נאָך װי! איך װער פּראָסט גראָב פון נחת. זי, פערזיכער איך אייך, בעראַבעװעט דאָך מיך. װאו איך האָב אַ שמאַטקעלע, אַ שטיקעלע צוקער, אַביסעלע האָלץ, צו קוילען, געהט אַלץ איצט אַװעק צו איהר. זי איז איצטער װי אַ װייב מיינע. זי זויגט, פער־שטעהט איהר מיך, מיין קינד, אַ קינד פון אַ רייכער פּרינצעסין! איך פּלאַטץ פון איהר, איך פערזיכער אייך, איך װעל װען עס איז פּלאַטצען. זאָגט נאָר, איך בעט אייך, איך זויג דען ניט? ביי מיר ציטערען אַלע אָדערען אַז מען זאָל מיר ניט אָפּזאָגען, און זי, צוליעב אַ נישטיגען שטיקעל צוקער, איז פאַרטיג מיר צואװאַרפען דאָס קינד. איך זאָג „קינד“. איהר װאָלט נאָר בעדאַרפט אויף דעם אַ קוק טהאָן! איך גלויב ניט דאָס זאָל דערציהען ביז׳ן פריה־לינג. און פון װאַנען נאָר נעהמען זיך צו איהם די פּרישטשעס. ביי מיר זיינען ניטאָ קיין פּרישטשעס, ביי מיין נאַר זיינען זיי

ניטאַ, ביי קיינעם פון אונזער הויזגעזינד זיינען זיי ניט געווען, און ביי מיין אינגעלע איז קיין ריינער אָרט ניטאַ. איך ווייס גאָר ניט וואָס צו טהאָן.

— און איך האָב נאָך מיינעם ניט געזעהען ווי ער קוקט אויס. דאַנקען גאָט, מאָרגען וועל איך איהם זעהן. וואָלט שוין גיכער אַוועק דער טאָג! דערווייל האָב איך זיך ביי אייך פערזעסען, און דאָס קינד האָט זיך אודאי דאָרט אויפגעכאַפּט.

זי איז אַוועק מיט אַ שווערען געמיטה, קוים גלויבענדיג צו קענען זיך פערלאָזען אויף גיטלען. פון וואַנען וועט זיך ביי יענער נעהמען געלד? זי האָט אויך, געוויס, בעצאָהלט דער אַם, און נויטיגט זיך אין אַ קאָפּיקע. זי איז אַרויף אויבען און זיך פערנומען מיט'ן קינד, צוטראַכטענדיג תירוצים ווי צוצוטרעטען צו דער ווירטין. נאָר זי האָט ניט געוואַגט אַ גאַנצען טאָג.

אויפ'ן פאָלגענדען טאָג איז די פראַגע וועגען געלד אַרויסגע־שטויסען געוואָרען מיט'ן קומען פון איהר אַם, אסתר. ווען יענע איז נאָך געשטאַנען הינטער דער טהיר פון קיך און אָפּגעקלאַפּט דעם שנײ פון איהרע שיך, האָט איטע דערקענט איהר אינגעלע'ס שטימע, וועלכער האָט געוויינט אויפ'ן קול. זי האָט האַסטיג צו־עפענט די טהיר, צוגעלאָפען צו איהם, אויבערפלעכליך אַ קוק געטהאָן, און האָט ניט געוואַגט איהם צו נעהמען אויף די הענד ווען זי האָט דערהערט די טריט פון איהר ווירטין, וועלכע איז אַריינגעקומען אין קיך. אַזוי האָט זי ווייטער ניט אַרויסגערעדט אַ וואָרט, זיך אַ קעהר געטהאָן צוריק, אַוועקגעלאָפען אין איהר צימער, געכאַפּט אויף די הענד דאָס ערוואַכטע פון שלאָף קינד און, געבענדיג איהם אויפ'ן וועג די ברוסט, אַריינגעקומען צוריק אין קיך.

די ווירטין איז איצט געשטאַנען און נייגעריג נעבען אסתר'ן בעטראַכט איטע'ס אינגעלע. איטע איז פערבליבען הינטער דער ווירטין, זיך געשעמט און ניט ענטשלאָסען צו צוגעהן צו איהר אייגענעם קינד. זי האָט דאָרשטיגע בליקען געוואָרפען אויף זיין פּנים'ל, זיין קליידונג און זיך גאָר ניט אינטערעסירט מיט דעם וואָס איז געלעגען ביי איהר ברוסט, כאָטש איהם איז געווען אונ־

בעקוועם צו פערבלייבען אזוי הייגנען מיט אראָפּגעהאנגענע פּיסלאָך.

— ווי האלטסטו דאָס קינד! — איז די בעל הבית'טע אין כעס געוואָרען, — אזוי קען מען דאָך איהם צוברעכען.

איטע האָט זיך געכאפּט, איז רויט געוואָרען, פערריכט זיין פּאָזע מיט אונגעווייגליכען היץ, איהם צוקושט, און דאָס האָט דער ווירטין ווייכער געמאכט.

— דו זאָלסט איהם נאָר ניט געבען די ברוסט — האָט די ווירטין, ארויסגעהענדיג פון קיך, געזאָגט. — און ריהר איהם ניט אָן נאָהענט, דו קענסט נאָך מיינעם פּאַרזאַראַזען. זעה נאָר וואָס פאַר אַ פלעקען ביי איהם זיינען אויפ'ן פּנים.

זי האָט מיט אַ צייכען געהייסען דער קעכין נאָכפּוקען איטען, און איז ארויס, ווארפענדיג נאָך אַ קוק אויפ'ן פרעמדען אינגעלע.

איטע איז געשטאנען ווי אַן אָפּגענומענע פון גליק און זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט. אלע גליעדער זיינען איהר פערשטיינערט געוואָרען. און זי האָט נאָר מיט נייגיעריגקייט, מיט אַ ליעבענדען בליק בעטראכט דאָס קינד איהרע. ביסלעכוויז האָט זי די ארומגעכאפּטע פרייד געגומען פערלאָזען, און זי האָט זיך גענומען פאנאנדערנעהמען אין איינצעלהייטען. אלץ האלטענדיג אויף די הענד דעם פרעמדען אינגעלע, איז זי צוגעגאנגען צו איהרען און שווייגענדיג צוגעריהרט זיך צו זיין בעקעלע מיט אַ לאנגען קוש. אַ טרעהר איז געפאלען אויף זיין קאָפּ און זיך שטיל אוועקגעקייקעלט צווישען די האָר.

— איהר האָט איהם היינט ניט געבאָדען, אסתר, — האָט זי שטיל געזאָגט, געשווינד צוגלייכענדיג ביידע קינדער. — פאַר וואָס איז ער אזוי דאַר געוואָרען?

זי האָט אלץ מעהר און מעהר דערזעהען די ענדערונג אין איהם, און מורא געהאַט מודה צו זיין דאָס ער איז שרעקליך אויסגעדארט, אין דער צייט ווען דער וואָס זי האָט געהאָדעוועט האָט זיך אָנגעגאָסען, געוואָרען פול און גלאַט ווי אַ זייד.

— ניין, ניט געבאָדען, — האָט אסתר געענטפערט מיט איהר געדיכטען, אונאנגענעהמען קול, — מעג מען דען באָדען אַ קינד ווען מען דאַרף מיט איהם ארויס אין גאַס?

— פון דעסטוועגען וואָלט מען איהם געקענט אָפוואַשען דאָס פּנים, — האָט איטע נאָכגעבענדיג געזאָגט מורא האָבענדיג זי ניט איינצורייצען.

— האָב איך איהם דען ניט איינגעוואשען? ביי מיר איז א קינד קיינמאָל ניט שמוציג, איך וואַש איהם הונדערט מאָל אַ טאָג.

איטע האָט קלאָהר געזעהן דאָס אסתר זאָגט ליגען, נאָר זי האָט פערשוויגען, קלעהרענדיג וועגען דעם ווי אזוי מעהר צו געווינען פאר'ן קינד. זי האָט איהר פאָרגעשלאָגען אויסטרינקען א גלאָז טהע, בעטענדיג דער קעכען אויפזידען וואסער. יענע האָט איינגעשטימט, זיך דערפרעהט מיט'ן פערברייגגען און איטע, איבערגעבענדיג צו אסתר'ן דער ווירטענס אינגעלע, האָט גענומען איהרען, איהם אויף גיך צואוויקעלט, און זיך סטאַרענדיג ניט ערוועקען פערדאכט אין איהר אם, בעטראכט זיין לייבעלע. דער אינגעלע איז שטאַרק אראפּ פאר די צוויי וואָכען. די ליכטיגע, פרישע הויט האָט שוין גענומען ערטערוויים אראפּהייגגען. אויף די הענד און פיס האָבען זיך אָנגעזעהן באלקעס, און בעזאָנדערס שטאַרק האָט זיך דאָס אָנגעזעהן אויף די קניה. צייכענס פון די ביסען פון פלייה האָבען צוגעדעקט דעם גאַנצען קערפּער'ל.

איטע איז שטיל געווארען. דעם פערדראָס און פערצווייפלונג ביים זעהן די צושטערונג פון דעם אויסגעצערטעלטען קערפּערל האָט פערביטען עפּעס אן אונאנגענעהמער געפיהל, אין וועלכען איהר איז געוועזן שווער מודה צו זיין. ליידענדיג פאר איהר קינד, האָט זי נאָך מעהר ליידענשאפטליך געבענקט נאָך יענעם שעהנעם ריי־נעם אינגעלע וועלכען זי וועט שוין אין דעם מעהר ניט זעהן. איז דען דער פערמאָרעטער געוועזן איהר קינד? א בלאָטיגער, אין גאַנצען אין פלעקען, אן אויסגעדארטער, מיט יענעם זקן'דיגען אויסדרוק אויפ'ן פּנים וואָס זי האָט געזעהן ביי אנדערע אויף יענעם בית־עלמן. ווי איטע האָט זיך ניט געשטאַרקט צו פיהלען אנדערש, האָט ער אָבער מעהר ווי טרויער און פערצווייפלונג אין איהר ניט ערוועקט.

ער איז שרעקליך צוביסען, — האָט זי זיך פאָרזיכטיג ענטשלאָסען צו זאָגען, — פאר וואָס האָט איהר דערלאָזען?

די קעכען האָט שוין געגעבען אסתר'ן טהע, און אָנגיסענדיג זיך אויף א גלאָז, האָט זי זיך צוגעזעצט און מיט פערגניגען זיך צו־געהערט.

— איך ווייס ניט פאר וואס ער איז צוביסען. — האָט אסתר א הויב געטהאָן מיט די אַקסלען. — אין צימער איז ביי מיר ריין, ווי אין א שלאָס. מיט דעם בין איך שוין בעריהמט. איך פער־שטעה גאָר אליין ניט פון וואנען ביי איהם זיינען די פלעקען. אייער מאָן איז מיט קיין זאך ניט קראַנק געווען?

— ניין, ניט קראַנק געווען. לייגט אוועק, איך בעט אייך, דאָס קינד, און ציהט איהם אויס, איך וויל זעהן וועלכער ס'איז גרע־סער, — מיינער צו דער בעל־הבית'טעס. זיי זיינען דאך אין איין עלטער.

אסתר האָט ווייטער א קוועטש געטהאָן מיט די אקסלען. דאָס איז געווען ביי איהר א געוואָהנהייט. און איטע, ניט אכטענ־דיג אויף דער קעכען'ס וואָרנונג, האָט זיי פונדעסטוועגען פערגליכען און געפינענדיג דאָס איהרער איז גרעסער, האָט זי מיט איהם מיט אמאָל שלום געמאכט. די אלע איינצעלהייטען, דאַרקייט, פלעקען און בלאָטע זיינען פערשוואונדען ווי דורך א כשוף. עס איז נאָך געבליבען אָן עהנליכקייט. אָויפלעבענדיג, האָט זי איבערגעגע־בען דער קעכען דער בעל הבית'טעס אינגעל, געבעטען איהם צו האַלטען, און זיך ווענדענדיג צו אסתר'ן געזאָגט:

— מיר וועלען זעהן, וועט ער זיך אָפּזאָגען דערפון?

זי האָט זיך צוגעזעצט אויפ'ן ביינקעל, און ציטערענדיג פון אויפרעגונג, זיך צושפּיעלעט. אסתר האָט איהר איבערגעגעבען דאָס אינגעלע, איטע האָט א ציטער געטהאָן פון א פריידען געפיהל און, האַלב צומאַכענדיג די אויגען פון פערגניגען, האָט זי אריינגערוקט דעם קינד די ברוסט אין מויל, איהם צוגעדריקט צו זיך, מורא האָ־בענדיג ער זאל ניט אָפּקעהרען דעם קאָפּ.

— איהר זעהט, — האָט זי שטיל געזאָגט, נאַריש שמייכ־לענדיג, — ער האָט מיך דערקענט. טייערער מיינער, דערקענט דער מאַמען! עס, ליעבער, עס אָפּ ביי דיין מאַמען.

די פרויען האָבען זיך מיט וויכטיגקייט צורעדט, בעקאַנט

מאכענדיג מיט אלעס וואס זאל זיי מאכען אינטערעסאנט איינער פאר דער אנדערער, און איטע, זיך ניט אריינמישענדיג אין זייער געשפרעך, ניט שיינקענדיג קיין אויפמערקזאמקייט וואס ארום איהר האט זיך געטהאן, האט זיך אויף דער ווײלע אפגעגעבען דעם צו דעם צוריקגעקומענעם גליק. זי האט געקוקט און געקליבען נחת פון קינד'ס יעדער בעקאנטע מינעלע. זי האט בכיון אפגעצויגען די ברוסט, כדי ער זאל צו־טשמאקען, עס זאל זיין עהנליך דערצו ווי ער וואלט זי קושען. אזוי האט זיך איהר געוואלט זעהן דעם אויס־דרוק פון זיינע געפיהלען צו איהר, אזוי האט זיך איהר געוואלט פערשטעהן פאר איהם דאס מיט איהר איז איהם גוט און ניט מיט יענער גלייכגילטיגער פרוי, וואס איז איהר פרעמד, און זשאלעוועט איהם גאר ניט.

דאס קינד האט דארשטיג געגעסען, איינשפארענדיג זיך אין איהר מיט די אויגען און נאכגעפאלגט נאך די בעוועגונגען פון איהר קאפ, וועלכעס זי האט אנגעבויגען דא אויף לינקס, דא אויף רעכטס, אום בעסער איהם פאנאנדערצוקוקען.

די צייט איז שטיל געגאנגען און איטען, ביי וועמען עס זיינען שוין געשטאנען טרעהרען אין די אויגען, פון אנגעשטרענגטען קוקען, האט גענומען דוכטען דאס ביים קינד האבען זיך פון איהר מילך ווייטער אנגעגאסען די בעקעלעך, און דאס ער ווערט ווייטער א גלאטינקער, א ווארימער און ריינינקער, ווי ער איז געוועזען דאן ווען ער האט ביי אלעמען ארויסגערופען פערוואונדערונג.

זי האט איבערגעביטען די ברוסט און מיט א פריידיגען גע־פיהל, פערגעסענדיג אלעס וואס איז געוועזען שווער און שלעכט, האט זי איינגעהאלטען דעם אטהעם, ניט צו שטערען איהם, געקוקט ווי זיינע אייגעלעך האבען זיך געעפענט און צוגעמאכט. געעפענט צו ווארפען אן אבשיידס בליק אויף איהר.

ווען ער האט איינגעשלאפען, האט זי איהם פארזיכטיג אוועק־געלעגט און גענומען דער בעל הבית'טעם קינד. די פרויען האבען אלץ גערעדט, ווי ניט געקענט זיך אפרייסען פון פערגניגען אויס־צוגעפינען איינע ביי דער אנדערער אלע נייעסען.

איטע איז אוועק אין איהר צימער, דערלאנגט דעם צוגעגרייטען

פעקעלע און, זיך סטאַרענדיג אויסצודריקען אויף איהר געזיכט גלייכגילטיגקייט, ווען זי איז פארבייגעגאנגען די ווירטין, צוריק געקומען אין קיך.

דערזעהענדיג איטע'ן מיט'ן פעקעלע אין האַנד, איז אסתר גלייך אויפגעשטאַנען, געמאַכט א וויכטיגע מינע, און זיך גענומען קלייבען אוועקצוגעהן. איטע האָט זיך געפּרואווט זי אָפּצוהאַלטען, נאָר יענע האָט ניט איינגעשטימט, זאָגענדיג, דאָס אין דערהיים וואַרטען אויף איהר די קינדער און דער מאַן, וועמען מען דאַרף צוגרייטען וואס צו עסען.

זיך אָפּגעזעגענדיג האָט זי אָנגעטהאָן דאָס קינד. ארומבינדענדיג איהם שטייף און געקוקט אויף איטע'ן מיט אַן אויסדריקליכען קוט. כאָפּענדיג א בערוהיגענדען צייכען, האָט זי בעזאָנדערס פּרעהליך פערענדיגט די ארבייט פון קלייבען זיך אַ היים. איטע האָט שטאַרק אָנגעקושט איהר קינד, איידער ער איז פערשוואונדען אונטער אסתר'ס פּאטשיילע, און איבערגעבענדיג דער ווירטענ'ס קינד צו דער קעכען, וועלכע זי האָט געבעטען א געשריי טהאָן צו איהר ווען זי וועט דערהערען דער בעל הבית'טעס טריט, האָט זי ארויסבעגלייט די אָם.ביים טויער האָט זי איהר איבערגעגעבען דאָס פּעקעלע אין וועלכען עס איז געווען אַלעס גענוג, צווישען אַלעס אפילו א קליידעלע פאַר'ן קינד, און האָט לאנג און צערטליך געבעטען אסתר'ן זי זאָל היטען דעם אינגעלע.

— איך, אסתר, — האָט זי געזאָגט מיט הארץ, — האָב נאָר איין פרייד אין לעבען. און ווי, אסתר, די פרייד איז קליין פאַר אייך, אַזוי גרויס איז זי פאַר מיר. און די פרייד מיינע איז אין אייערע הענט. איהר, אסתר, זייט מיינע אַלץ, מיין פריינד, מיין ערלעזער... איך בעט אייך, היט מיר מיין קינד. זייט איהר זיין מאַמע, אז איך האָב עס ניט פערדינט צו זיין. זאָל זיך אייך דאַכטען אז ער איז אייערער און איך וועל אייך מיט אַלע קרעפטען העלפען איהם ליעב האָבען.

— איהר זייט אַ קינד, — האָט זי אסתר בערוהיגט, — איך לעב דאָך דערמיט. איז דאָך מיין אינטערעס אז דעם קינד זאָל זיך לעבען גוט.

— יע, דאָס איז אזוי, ליעבע אסתר, נאָר ביי מיר, — האָט זי שטיל צוגעגעבען, — איז ער געוועזן אזא פולינקער, א רייניקער. איך פערשטעה — האָט זי זיך געאיילט צו זאגען, — דאָס אייך איז געוויס שווערער נאָכצוקוקען נאָך איהם ווי מיר. נאָר פונדעסט־וועגען בעט איך אייך, איך בעט נאָר, אסתר... אויך ביי אייך, אסתר, זיינען פאראַן קינדער, און ביי אייך איז דאָך א הארץ פון א מוטער. וואַרט, ביי מיר האָבען זיך דאַכט זיך, פערוואַלגערט 5 קאָפּיקעס. נעהמט זיי, דאָס וועט ניט אריין אין רעכענונג, אסתר.

— געוויס, — האָט אסתר איינגעשטימט, — איז שווער אז דעם קינד זאָל זיין אזוי גוט ווי ביי אייך. דער מאמע'ס איין קוק איז צעהן מאָל בעסער פון מיין גאַנצע ארבייט. נאָר, איך פערזי־כער אייך, איך טהו אַלץ וואָס איך קען.

— מעהר דארף איך ניט. ווען וועט איהר קומען?

— אין א פּאָר וואָכען ארום, אויב דער וועטער וועט זיין א גוטער.

איטע האָט ווייטער גענומען קושען דאָס קינד, נאָר דער סיג־נאַל פון קיך האָט זי געמאַכט צו איילען זיך. זי האָט איבערגעריסען די קושען און אנטלאָפען שרייענדיג:

— זעהט זשע, אסתר, זעהט וואָס איך בעט אייך.

זיך צוריק־קעהרענדיג אין קיך, האָט זי גענומען דאָס קינד און אוועק מיט איהם אין איהר צימער. איצט איז איהר געוועזן נאָך ערגער ווי פריהער, איידער מען האָט איהר דאָס אינגעלע גע־בראַכט. און אין די ערשטע שטונדען נאָך אסתר'ס אוועקגעהן האָט זי ווייטער געוואָלט זיין מיט'ן אינגעלע, וועלכער האָט אוועק־געטראַגען מיט זיך א טהייל פון איהר הארצען. אפילו מיכל האָט איהר יעצט ניט אויסגעזעהן צו זיין אזא שרעקליכער, און אפילו די פּאָדערונג צו געהן אין גאַס האָט זי ווייניגער געשראָקען, — אזוי שטאַרק איז געוועזן די בענקעניש נאָך דאָס פריהערדיגע.

לאַנג האָט גענאָגט איהר נשמה, וועה געטהאָן איהר הארץ, אַלץ טרויעריגער זיינען געוואָרען די געדאַנקען, און עס איז איהר אויסערגעוועהנליך שווער געוועזן אין דעם טאָג צו שפּיעלען די ראָלע

פון א מאַמע פאַר'ן פרעמדען קינד, וועלכער האָט רק געפאָדערט דאָס ווייניגע — שפּייז, זאָרג און ליעבע.

וועגען מיכל'ען האָט זי גאָר פערגעסען, און האָט גאָר נישט אונטערגענומען אום איהם צופריעדענצושטעלען. זי האָט גאָר פערגעסען וועגען איהם צו טראַכטען, און נאָר זיין צווייטער בעזוך, דער שרעקליכער סקאַנדאַל וואָס ער האָט געמאַכט, און די געקראָנגענע קלעפּ האָבען זי אַרויסגעפיהרט נאָך אַמאָל פון דער טיעפקייט פון מוטערליכע געפיהלען און ווייטער אַריינגעוואָרפען אין נעץ פון זאָרגען. ווייטער האָט זיך אויפגעהויבען דער שטעקען איבער איהר און געטריבען ווייטער איבער דעם לאַנגען ציעללאָזען וועג, וואָס האָט זיך גערופען לעבען.

איטע האָט איז ביסלעכווייז אַריין אין געוועהנליכען לעבען פון אַן אָס. נייע זאָרגען פון וועלכע מען האָט זיך ניט געקענט אויסדרעהען, זיי אויסצומיידען, האָבען זי ביסלעכווייז אַריינגעצויגען. נאָכקוקענדיג ווי אויפמערקזאַם זי האָט אָפּגעהיט דאָס קינד, ער זאָל זיך ניט פאַרכלינען, ווען מען האָט איהם געבאָדען, ווי האַסטיג זי האָט געכאַפּט צו שטילען זיין הונגער ווען ער האָט זיך צו איהר צוגעצויגען, אַנערקענענדיג זי פאַר דער שטענדיגער מוטער זיינער, וואָלט מען ניט געקענט גלויבען, דאָס איטע האָט מיט אַכט וואָכען צוריק געשוואָרען ניט צו פערראַטהען איהר קינד, זי האָט גאָר אַליין ניט בעמערקט ווי דאָס האָט פּאַסירט. אייביג מיט איהם, בייטאָג און ביי נאַכט, אייביג אונטער דער אויפזיכט פון דער בעל הבית'טע, וועלכע האָט געפאָדערט ליעבע און אויפמערקזאַמקייט צום קינד, אייביג אונטער דעם צויבער פון קינד'ס אַליין ניט געמאַכטע ריהרענדע צוגעבונדענקייט, האָט זי אונבעמערקט אַריינגעזויגען אין זיך ליעבע ווי א ריכטיגע מוטער. איצטער האָט זי אָהן געוויסענביסע ווייניגער געקלעהרט וועגען איהר אייגענעם קינד און עס זיינען געווען טעג ווען זי האָט איהם גאָר ניט דערמאָנט.

ווען אסתר פלעגט איהם ברייגנען א קריינקליכען, שטענדיג א בערעקטען מיט אַן אויסשיט אויפ'ן לייב, פלעגט זי איהם פערגלייכען מיט דעם וועלכען זי האָט ערצויגען. און איהר איז געפעלען געווען דער פרעמדער וואָס האָט געטראָגען אין זיין סאַמעט ווײ־

כען קערפער אלע איהרע קרעפטען, איהר מיה און זארג וועגען איהם.

נאר אויב די שטארקע האנד פון שקלאפעריי האט זי אפגע־ריסען פון איהר קינד, האט פון זיין זייט, אויך ער אפגעריסען פון איהר און ניט געלאזט זי אנערקענען ווען זי האט איהם געוואלט אויסדריקען איהר ליעבע, און דאס האט אויך אבגעקיהלט איהרע גע־פיהלען. ביי איהר ערשטע פערדעכטיגע בעוועגונג פלעגט ער, צו אסתר'ס גרויסע פרייד, זיך ווארפען ווי א צושראקענע חיה'לע צו־דער פרעמדער, פלעגט שרייען, וויינען, ביז זיין מאמע האט איהם ניט אבגעלאזען. אין אזעלכע מינוטען האט איטע אין גאנצען פערגעסען דאס זי האט פערגאסען בלוט צו זיין געבארען, און איהר איז פעהדראסיג געווען אויף איהם. ניט ווילענדיג פלעגט זי נעה־מען דאס פרעמדע קינד, וואס האט זיך צו איהר געלאסטשעט, און פערלירענדיג יעדען קאנטראל, האט זי געמיינט דאס ער איז איהר אייגענער.

זי האט אפילו, ווי פריהער, מיט אונגעדולד געווארט איהר קינד צו זעהן, אנגעגרייט אלעס, וואס עס איז געווען נויטיג, אפצוגעבען אסתר'ן. נאר דאס זעהן זיך איז שוין געווען ניט דאס, וואס עס האט געדארפט זיין. דאס האט דערמאנט א זעהן זיך אין גע־פענגניס, וואו מען בעגעגענט זיך ביי אויסגעארבייטע בעדינגונגען, ווייסט ניט וואס צו זאגען, וועגען וואס צו פרעגען און ווארטסט מיט אונגעדולד די מאטערניס זאל זיך שוין ענדיגען.

אמאל פלעגט טרעפען דאס זי האט זיך פערטראכט וועגען פייערדיגע פאנטאזיעס און האפנונגען. דאן האט אויפגעפלאמט די אלטע ליעבע. דער געוויסען האט געשלאגען אויף די אנגע־וועהטאגטע וואונדען און איהר האט זיך געדוכט דאס איין טאג לע־בען מיט איהר איינגעלע צוזאמען וואלט געווען גענוג, עס זאלען זיך אומקעהרען די פריהערדיגע געפיהלען צו איהם. נאר וויסענ־דיג דאס קיינער וועט איהר אזא טאג ניט געבען, ווי שטארק זי זאל זיך ניט בעטען, ניט געדיינקענדיג זיך פון פערדרוס, האט זי זיך אנגעווארפען אויף אסתר'ן, אזוי ווי אין איהר וואלט געווען די אורזאכע פון איהר אומגליק. זי האט ביי איהר געפאדערט

רעבענונג פון די בלאָטע, דעם קרענקליכען אויסזעהן און דארקייט פוג'ם אינגעלע, זיך אויפגערעגט און געשריען, אזוי ווי זי וואָלט געווען א גאַנצע פריצטע און אסתר וואָלט ביי איהר געדיענט.

— איך פערשטעה ניט, איך קען ניט פערשטעהן, אסתר, ווי אזוי האָט איהר זיך דאָס ניט צוגעבונדען צום קינד. איך וואָלט זיך האָך צו א קאַץ צוגעבונדען ווי צו אַן אייגענער ווען איך וואָלט זיך געדאַרפט זאָרגען וועגען איהר. ניין, ניט אַנדערש, אסתר, ווי מיר וועט אויסקומען צו נעהמען אַן אנדער פרוי; מיט אייך, זעה איך, וועט זיך אונז אויסקומען פאַנאַנדערצוגעהן.

און ווען אסתר האָט איהר פאַר אַזעלכע גאַנגען געגעבען אַ חלק, פלעגט איטע פערשטילט ווערען, פיהלענדיג די גאַנצע פאַלש־קייט פון איהר לאַגע, פון איהרע געשרייען, און זי האָט פערצווייפעלט גע'חלומ'ט פון א ועלכען עס איז וואונדער, וואָס זאָל ברייגנען אַן ענטשיידונג צו די ליידען.

שטופענווייז האָט זי זיך אָראָבגעלאָזען מאָראַליש. דאָס לע־בען אין ווארימקייט און בעקוועמליכקייט, א דאַנק דעם וואָס ביי איהר האָט זיך ארויסגעוויזען צו זיין גוטע מילך, דאָס עקזיסטירען אָהן זאָרג וועגען ברויט, האָט זי ענטציקט און געפרעהט. קוקענדיג אין דער צוקונפט, האָט זי מיט שרעק געטראַכט פון דעם, ווי איהר וועט אויסקומען איבערצוגעהן צום אַלטען אַרט לעבען. נאָר די בעריהרונג איז גיך געקומען מיט דער שוין גרינגער פאָרשטעלונג וועגען נייעם שוויינגערן, וואָס זאָל ווייטער געבען א געלעגענהייט דעם מאָגען צו זעטיגען.

איצט האָט זי זיך שוין ניט פערלאָרען ווי פריהער און גע־גנב'עט וואָס זי האָט געדאַרפט פאַר'ן אייגענעם קינד און פאַר אסתר'ן. זי האָט געפיהלט ווי נויטווענדיג זי איז אין הויז, און ווען מען וואָלט זי אפילו כאַפּען וואָלט מען זי אויך ווייטער געהאַל־טען. זי האָט זיך פריי געהאַלטען מיט דער בעל־הבית'טע, גע־כעס'ט און געשריען אויף איהר אויב עס איז וואָס געווען ניט נאָך איהר וואונש נאָך. אין קיך האָט זי געמאַכט א מין קלוב פון אַם'ען. אַלע מאָל אין די אבענדען זיינען ביי איהר געזעסען עטליכע פרויען וואָס האָבען געדיענט ניט ווייט אַרום אָדער אין

דעם הויף. זי האָט בענייעט און פערשטאַרקט די פריינדשאַפט מיט גיטלען, מיט עטלען און א סך אַנדערע וועלכע האָבען זיך מיט פערגעניגען איינגעגעסען אין רכילות און סודות, וואָס זיינען אין דער וועלטעלע געווען אונערשעפליך.

די אייגענע קינדער פון אַט די פרויען, וואָס זיינען פערפאַלען געוואָרען אין איינזאַמקייט, האָבען זעלטען ווען גערינעט אַלס א טהעמאַ צו זייערע געשפרעכען, סיידען עס האָט געטראָפען וואָס אויסערגעוועהנליכעס. דאַן פלעגען אויף א ווײלע פערפינסטערט ווערען זייערע פנים'ער. דאָס מענשליכע האָט זיך ערוועקט, ווי א צופעליג פערבלאָנזשעטער גייסט אין א הויז פון חרטה און טרויער. דאָס וואָס קינדער זיינען געשטאָרבען, האָט זיך דערעסען צו הערען, און זייערע פערטעמפטע געפיהלען זיינען דערביי אַזוי נעריהרט געוואָרען, ווי ווען עס וואָלטען שטאַרבען וואו ניט איז מענשען אין אַן אַנדער אונבעוואוסטער וועלט. נאָר ווען גיטעל האָט דערצעהלט, דאָס ביי איין פרוי איז א קינד, וואָס איז אָפּגעגעבען געוואָרען צום האָדעווען, פערברענט געוואָרען, און ביי א צווייטער — זיך דערוואָרגען מיט א קנעפעל, האָט דאָס געווירקט ווי א קלאַפּ איבער'ן קאָפּ. ווי ניט פערהאַרטעוועט געוואָרען עס זיינען די הערצער אין קאַמפּף פאַר'ן לעבען, האָט זיך אין זיי עפּעס גענומען ריהרען, און דער שיקזאַל פון זייערע קינדער איז געוואָרען דער הויפּט אינטערעס פאַר זיי אַלעמען.

אַלץ איז ביי איטען אריין אין דער געוויינליכער קאַליעע פון אַן אַם. אפילו מיכל האָט זי שוין ניט אַזוי געשראָקען, כאָטש ער איז געוואָרען וואָס ווייטער גרעבער און שרעקליכער. דערווייטערענדיג זיך, גענען איהר ווילען, פון איהר קינד, וואָס האָט צוקרימט איהרע מוטערליכע געפיהלען, האָט זיך דער בונד מיט'ן פערזענליכען לעבען ווי אָבגעהאַקט. עס איז עפּעס אַרויסגעקומען דאָס זי איז געוואָרען א פרוי וואָס האַלט אוים איהר געליעבטען, לעבט צוליעב דעם און דיענט גראַדע זינדיג אויף דער שטעלע. פאַר איהר איז שוין ניט געווען בעליידיגענד וואָס זי דאַרף אַרבייטען פאַר מיכלען. פאַר ווען וואָלט זי קלייבען דאָס געלד? עס איז נאָר

געבליבען צו לעבען און וועגען גאָרנישט צו טראַכטען, און דאָס איז זעהר גרינג געווען.

אמת, זי האָט זיך געקריעגט און געשאָלטען מיט איהם ווען ער האָט פערגרעסערט זיינע פאָדערונגען און סיסטעמאטיש געטריבען איהר צו גנב'ענען, וואָס איז געווען געגען איהר נשמה, און ווען זי פלעגט זיין פערלאַנג ניט נאָכגעבען פלעגט ער איהר מערדערליך שלאָגען. אָבער טראָץ דעם איז איהר מיכל געווען נויטיג און טייער, זי האָט זיך זאָגאר געזאָרגט ווען ער פלעגט ניט קומען.

אזוי זיינען געגאַנגען וואָכען און חדשים. עס האָט זיך געענדיגט דער שווערער ווינטער מיט די שטאַרקע פרעסט און שטורעמס. די גאַסען האָבען זיך אין גאַנצען בעדעקט מיט בלאָטע, אזוי ווי די נאַטור וואָלט וועלען בעווייזען ווי שעהן זי איז אין מינוט פון ערוואַכונג, און בכיון פערשוואַרצט איהרע פאַרבען.

ווי נאָר עס האָט א בלאָז געטהאָן א וואַרימער ווינטעל, האָט איטע גענומען ארויסגעהן מיט'ן קינד. און די ערשטע טעג האָט זי ווי א געפאַנגענער, ווען ארויסגעלאָזען אויף דער פרייהייט, געפיהלט דעם פערגעניגען פון גאַסיגען טומעל. עס איז ניט געווען אזא ווינקעל אין שטאָדט, וואו זי זאָל ניט געווען זיין פער'שכור'ט פון די פרישע לופט, ליכט און וואַרימקייט. צווישען אַלעם האָט זי בעזוכט עטליכע מאָל איהר אינגעלע. אָבער די וויזיטען האָבען איהר אזוי געערגערט, אזוי שאַרף געשטאָכען אין הארצען, דאָס זי האָט ניט ווילענדיג זיי אָנגעהויבען אויסצומיידען. זי פלעגט זיך אָפט צווינגען צו זיצען נעבען איהם שטונדענלאַנג. גלייכגילטיג האָט זי דאָך ניט געקענט זיין צו איהם, האָט זי שטילינקערהייט, ניט איינצורייצען אסתר'ן, זיך גענומען אריינמישען אין לעבען פון איהר קינד. פון אָנהויב האָט זי געבעטען ערלויבנים, דערנאָך איז זי זיך שוין בעגאַנגען אָהן דעם, און האָט איהם אָפט געבאָדען, סטאַרענדיג זיך צו האַלטען איהם אין ריינקייט. זי האָט זיך אזוי צוגעוועהנט צו דער ארבייט דאָס זי האָט געזוכט אַפּצורייסען א פרייע שטונדע צו קומען אהער.

די נאָהענטסקייט צום קינד האָט געטהאָן איהר זאַך, און וואָס ווייטער האָבען זיך אַלץ מעהר צוברענט אין איהר די אויסגעלאָשענע צוגעבונדענקייט און ליעבע. ווען זי האָט איצט פערגליכען איהרען מיט'ן פרעמדען, האָט זי כמעט ניט געפונען קיין אונטערשייד אין איהר ליעבע צו ביידען. דער טאָג לעבען מיט איהר אינגעלע איז אַלזאָ געקומען, און דערמיט דער גוטער געפיהל. און זי איז דערפאַר ווייך און גוט געוואָרען צו איהר ווירטין, געזוכט מיט אַלע קרעפטען איהר צו האווירען, זי ניט איינצורייצען געגען זיך.

איהרע נייע שטימונגען האָבען ווייטער איבערגעפיהרט די בעציהונגען צו מיכלען, און צווישען זיי האָט זיך אָנגעהויבען דער אַלטער קאַמפף. זי האָט איצט בעדאַרפט געלד צו בערלייכטערען דאָס לעבען פון'ם אינגעלע. מיכל האָט דערפון גאָר ניט געוואָלט וויסען, און אָן אויפגערעגטער איבער איהר קאַרגקייט געמאַכט איהר איין סקאַנדאַל נאָכ'ן אַנדערן, סטראַשענדיג ארויסצוטאָגען זי פון דער הויז וואו זי האָט געדיענט. עס פלעגט טרעפען דאָס ער פלעגט זיך אריינכאַפּען אין קיך, זי שלאָגען, און מען האָט זיך פון איהם בלויז געקענט בעפרייען דורך די הילף פון א פּאָליציייסקען.

איט'ס לאַגע איז געוואָרען א קריטישע און עס האָט זיך פאַראויסגעזעהען דער טאָג, וואס ניט קוקענדיג אויף וויפיעל די בעלי הבתים גוטינגען זיך אין איהר, וועט מען זי דאָך אַוועקשיקען.

איין מאָהל, צוריקגעהענדיג פון איהר אינגעלע אהיים אין אזאַ שלעכטע שטימונג, האָט זי זיך בעגעגענט מיט מאַניען.

דעם מאָל האָט זי מאַניע ניט געזוכט אויסצומיידען. דעם מאָל האָט זי אויסגעדריקט א פולע הארציגע פרייד. מאַניע האָט זיך ווייניג וואס אויסערליך געענדערט. זי איז נאָך אַלץ געוועזען גאַנץ שעהן, נאָר זי האָט זיך עפּעס ווי איינגעצויגען, דאַרער געוואָרען און א סך פערלאָרען דורך דעם, וואָס זי איז געוועזן אָנגעטהאָן מיט א געוויסען שיק פון פערדעכטיגע פרויען....

נאָר די אויגען איהרע זיינען פערבליבען אזעלכע ווייכע, ליעבע, כאָטש זיי זיינען טיעף אוועק צו זיך און זיינען געוועזן ווי אויסגעלאָשען.

איטע, פון איהר זייט, האָט זיך זעהר דערפרעהט אוןביידע האָבען זיך צוקושט.

— אָט זעהט איהר, — האָט מאַניע א צופריעדענע פון דער בעגעגניש אָנגעהויבען פרעהליך צו ריידען. — א בארג מיט א בארג קומען זיך ניט צוזאמען אָבער איין מענש א צווייטען געפינט. וואָס עפּעס האָט איהר זיך אזוי געענדערט? און וואו איז אַ יער מיכל? איך האָב אייך שטענדיג דערמאָנט. איך האָב זיך דאָך צו אייך דאַ־מאלסט אזוי שטארק צוגעבונדען.

— דאָס איז גאָר ניט קיין וואונדער, — האָט איטע געענט־פערט, — אומגליק בינט אלע מאָל צונויף מענשען מעהר ווי פרייד. אָט איהר האָט זיך געענדערט. איהר... איהר זייט פערהייראט? ווירקליך, — האָט זי צוגעגעבען זיך ארומקוקענדיג, — איך וואָלט אייך ניט דערקענט.

זיי זיינען אוועק צוזאמען ריידענדיג צווישען זיך איבער די וויכטיגסטע פאַסירונגען אין זייער לעבען.

איצט האָט איטע געשוויגען און מאַניע האָט גערעדט. מיט דער צייט פון איהר דערצעהלען איז איהר געזיכט געווארען אלץ טרויעריגער, און איהר געזיכטסגעציגע האָבען אפילו אויסגעקוקט וויינענדיג. זי איז מיט אמאָל מיאוס׳ער געווארען. עס האָט זיך געווארפען אין די אויגען די גאַנצע געמאכטקייט פון א מענשען וואס האָט זיך שוין ארויסגעשלאָגען פון זיינע פריהערדיגע רייהען.

איטע האָט זיך צוגעהערט מיט א סך מיטגעפיהל און אין גע־דאנק האָט זי צוגעמאָסטען איהרע אומגליקען צו די אייגענע.

— ווי מאָדנע ביי מענשען לייגט זיך צוזאמען דער לעבען — האָט זיך איהר געטראכט. — ביים בייזען שיקזאָל איז גאָר ניט קיין סוף צו די ליידען.

— געדענקט איהר אווּעלכע איך בין געוועז, — האָט מאַניע גע־זאָגט, — מיר האָט זיך געדאכט דאָס עס איז אויף דער וועלט גאָר ניטאָ אזא קראפט וואס זאָל מיר קענען צוברעכען, אזוי שטארק האָב איך מיך געפיהלט. אָבער איך, איטע, בין געוועזן אונערפאהרען ווי א קינד, און איך האָב גאָר ניט פערדעכטיגט דאָס עס עקזיסטירט צווישען מענשען אויך אזוינע מענשען ווי יאשא. אך, מיין ערשטע

וואַך גליק! געדענקט איהר ווען איך בין אוועק פון אייך? ווי זיס און צערטליך זי איז געווען די וואָך! אזוי ווי מיין שיקזאַל וואָלט צונויפגעקליבען פאר יענער וואָך די גאנצע פרייד וואס מיר איז בעשערט געווען אויפ'ן גאנצען לעבען און מיט אַן אָפענע האַנד צו פערשטאַרקען מיינע כחות אויף שפּעטער. האָט אייך אזוי אייער מיכל פער'כשוף'ט? געוויס אזוי. ווארום איך געדענק ווי אונ־טערטעניג איהר האָט געטראָגען אייער יאָך. איהר האָט זיך נאָך ניט ארויסגעריסען פון איהם? און איהר וועט זיך אויך ניט ארויסריי־סען, טייערע. איצט גלויב איך שוין אַלעס וואָס איהר פּלעגט מיר אַמאָל דערצעהלען.

— איך ווייס דאָס, — האָט איטע געזאָגט, און איך זעה מיין מזל פאר די אויגען. צייטענווייס איז שוין ביי מיר ניטאָ קיין פונק האָפנונג. איך האָב שוין כמעט, כמעט מיט אַלעס שלום געמאַכט...

— און איך אויך, איטע, איך אויך. און אַלע די וואס איך קען האָבען זיך אונטערגעגעבען. מען קען זיך ניט ארויסרייסען. ער האָט דאָך מיך אין גאס געשיקט אַ שוואַנגערדיגע. אזוי, מיין טייערע, אַ שוואַנגערדיגע, אַ שוואַנגערדיגע. איך בין פאר איהם גע־קראָכען אויף די קניע, און די הענד זיינע, וואָס האָבען מיך געשלאָ־גען, האָב איך שטאַרק געקושט, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. אי־טע, עס האָט גאָר ניט געהאָלפען. ווייל מיט די מענשען העלפט קיין זאַך ניט. איהר מיינט ניט, ער האָט מיך געליעבט, און איך אליין בין גרייט געווען צו פערניכטען זיך צוליעב איהם, נאָר איך בין געגאנגען, געגאנגען. ווי אזוי, נאָט מיינער, וואָלט איך עס געקענט ניט געהן?!

זי האָט אויסגעשריען די לעצטע ווערטער, פערגעסענדיג דאס זי געפינט זיך אין גאס, און געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון די דורכגעהענדע.

איטע האָט מיטליידענד אַ קוק געטהאָן אויף איהר. עס האָט געשיינט די אַלמעכטיגע זון, דאָס, וואס שיקט צו לעבען צו אַלץ וואָס לעבט. די גאנצע שטאָדט איז געווען אָנגעפילט מיט מעכטיגע מענשען וואס וואָלטען בעדארפט לעבען ברידערליך און דאָך זייג'ין

די שוועסטער אין לײדען געװען אומגליקליך. די זון און די מענשען זײנען געװען גלײכגילטיג צו זײ.

— די נעבכט, — האָט מאַניע פאַרטגעזעצט, — האָב איך פון אָנפאַנג נאָך װי עס איז אױסגעבעטען בײ איהם, נאָר שפּעטער צו האָט ער זײ אױך בײ מיר אװעקגענומען, און אַזאַ לעבען איז פאַר מיר אװעק, אַז איך האָב זיך דאָס, מײן טײערע, ניט געקענט פאַרשטעלען. איהר װעט דאָך ניט גלױבען, איך האָב אָנגעהױבען שכור'ען, בין געצװאונגען געװען שכור'ן װי די ניעדריגסטע פרױ. אָבער ניט דאָס װאָס איך בין געפאַלען האָט מיך געמאַטערט, נאָר דאָס װאָס איך האָב איהם מיט קײן זאַך ניט געקענט צופריעדענ־שטעלען. איך װאָלט דאָך דאַכט זיך דורך אַ לעבעל פון אַ נאָדעל פאַר איהם דורכגעקראָכען כדי צו דערשלאָגען זיך פון איהם אַ ליב־װאָרט, און אַ ליב װאָרט, איטע איז אַ שװעסטער פון רחמנות. נאָר די מענשען קען מען מיט קײן זאַך ניט ריהרען. איך האָב שױן דען געװאָלט זײן ליעבע? מיטגעפיהל, רחמנות צו מײן לאַגע האָט איך געװאָלט אַז איך זאָל ניט פאַלען פון די פיס. אָט יאשאַ, זעהסט, איך אַרבײט װי אַ קאַטאָרזשניצע, װי אַ הונט, טו גיב מיר כאָטש אַ גוט װאָרט, האָב רחמנות, לאָז כאָטש פאַלען אײן טרעהר איבער מיר!

אזעלכע װערטער האָבען איטע'ן אױסגעפעהלט. מאַניע האָט איהר מיט איהרע װערטער װי אױפגעקלעהרט װאָס עס קומט פאַר אין איהר אײגענער נשמה, װען זי האָט זיך גאַנצענע טעג ניט געפונען קײן אָרט און איהר נשמה האָט געזוכט רחמנות, געבײנקט נאָך אַ טרעהר, נאָך אַ מענשליכען געפיהל צו זיך.

— קענט איהר זיך פאַרשטעלען, איטע, װי צוזעגענדיג זיך מיט אַ גאַסט, קער איך אױס די קעשענעס פאַר יאשאַ'ן אַז ער זאָל גלױבען דאָס איך האָב פאַר זיך גאָר נישט איבערגעלאָזען? און אין דער זעלבער מינוט, װי מיט אַ כיון, דערמאָן איך זיך אַז אין דער הײם װאַרט נאָך אױף מיר אַלץ אַ חתן, װעלכער קוקט אַרױס אין דער װײט און הערט זיך צו צי בעװײז איך זיך ניט אַמאָהל. דאַן װילט זיך מיר װײנען, און איך זוך זײנע אַ טרעהר, דריק זיך צו איהם, נעהם פון איהם די אױגען ניט אַראָפּ, — אפשר װעט ער

מיך פערשטעהען. נאָר ער, מיין טייערע, פערשטעהט ניט, און איך איבעראנייעס, ווי א פויגעל אויף אַ שטריקעל, געה צום ענדע פון קווארטאל, קעהר מיך אום צוריק. און ער, זיך בעהאלטענדיג אין א ווינקעל, שטעהט און היט מיך. אזוי ציהען זיך די טעג, און דאָס קינד איטווייניג וואקסט און וואקסט... אך, איטע, א קאטאָרזשנע, פאַסקודנע צייג בין איך. הרג'ענען וואָלט מען מיך בעדאַרפט.

זיי זיינען אוועק שווייגענדיג און א צייט ניט גערעדט. עס האָט אַ בלאָז געטהאָן אַ פערדעכטיגער ווינטעל ווי פאַר אַ רעגען. די זון האָט זיך בעהאלטען. די לופט איז גרוי געווארען, די שאָטענס האָבען זיך צונויפגעגאָסען מיט דער ערד.

— וואס פאר א רחמנות מיר איז אויף אייך! — האָט זיך ביי איטע'ן ארויסגעריסען. — אָה, איהר, איהר האָט שוין געוויס זיך געקויפט מיט אייערע ליידען דעם גן עדן. אַן ערגערען גיהנם פאר א מענשען קען מען דאָס שוין ניט צוטראַכטען.

— דאָס איז דאָך שרעקליך, איטע. אמת, ס'איז ניט מענשליך, שרעקליך? איהר ווייסט וואוהין איך געה איצט? איך געה צו מינדלען, זי זאָל מיר אראָפּווארפען דאָס קינד. שוין אויך דערצו דערגאנגען, — האָט זיך ביי איהר טרויעריג ארויסגעריסען, — איך האָב אלץ געווארט און געגלויבט, אז ווי נאָר איך וועל דאָס קינד דערפיהלען, וועט צו אזא לעבען קומען א סוף, און וואס פאר א טייערע האָפנונג דאָס איז פאר מיר געוועזן! איך האָב זיך ווי א קאַוויאר געשפּרייט פאר זייגע פיס, ער זאָל נאָר מיין קינד מיר זשאַלעווען. נאָר אומזיסט האָב איך געגלויבט, איך האָב איהם איינבעטען ניט געקענט. מען דארף אראפּווארפען...

דער טאָג איז פינסטערער געווארען. ווייטער האָט א ציה געטהאָן א ווינט, נאָר דעם מאָל ניט אויף לאנג. עס האָבען זיך געשלאָגען אָן דער ערד שווערע טראָפּענס רעגען, די דורכגעהער האָבען זיך געאיילט.

— עס קלייבט זיך אַ גרויסער רעגען, — האָט איטע אונרוהיג געזאָגט, — וואו וואָהנט איהר? איך וועל אפשר אריין צו אייך. נאָר איך בעט אייך, מאַניע, איך בעט אייך, זאמעלט צונויף אלע אייערע כחות און טהוט עס ניט. אָט האָב איך געגען דעם ניט

געקעמפּפט און טהוט א קוק וואס פון מיר איז געוואָרען. אך, נאָכ׳ן פּנים אייערען זעה איך, אז איך רייד אומזיסט. נו, זייט מיר געזונד. איך קען נאָך צוקיהלען דאָס קינד. מיר׳ן זיך נאָך זעהן.

מאַניע האָט איהר איילענדיג געגעבען איהר אדרעס און איטע האָט זיך געזעצט אין קאַר. דאָרט האָט זי זיך צושפּיעלעט אָנצו־זייגען דאָס קינד, און די גאַנצע צייט איז איהר מאַניע געשטאַנען פאַר די אויגען. אָן די פענסטער פון דער קאַר האָט זיך געשלאָגען א פריהלינגס רעגען. שטאַרק געשלאָגען מיט שווערע, גרויסע טראָ־פּענס.

ווען איטע איז ענדליך געקומען צו פאָהרען, האָט עס שוין קוים גערעגענט. ביים ארייגפאָהר צום הויף האָט זי עטעל בעגעגענט און אפּגעשטעלט.

— איך בין עטליכע מאָל ארויסגעקומען אייך צו בעגעגנען — האָט עטעל געזאָגט, — גיטעל איז ביי מיר געווען און דערצעהלט אַ טרויעריגע נייעס. איהר קינד איז היינט געשטאָרבען.

— ביי גיטלען איז דאָס קינד געשטאָרבען? שוין? דאָס קען ניט זיין! — א קאַלטער שוויים האָט בעדעקט איהר שטע־רען. „דאָס איז פריהלינג“... עס האָט זי בעהערשט א שרעק און א שווערער פאַרגעפיהל האָט זיך מיט אמאָל איינגעשטעלט אין דער נשמה. זי האָט מיט האַס איינגעאָטהעמט די ווארימע לופט, וואס האָט געשמעקט מיט פרישען גרינס און האָט זיך פון אויפרעגונג אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט.

— עס דערגעהט שוין צו מיינעם — איז איהר דורכגעפלויגען א געדאַנק.

— יע, האָט עטעל געענטפערט. אין דער פריה איז ער גע־שטאָרבען. עפּעס ארום 3 אזייגער איז ער געוואָרען אויס... פון וואס ווייס איך ניט. גיטעל זאָגט אז פון א קרופּ. היינט וועל איך שוין געהן מיינעם געוואָהר ווערען. איך גלויב ניט אז פון מיינעם זאָל ארויסקומען עפּעס א טאָלק.

זי האָט אָוועקגעמאַכט א טרעהר און אויך אָן אָנגעשראָקענע האָט זי פינסטער צוגעגעבען:

— ניט געקענט איינרייידען דעם מאַן, איך זאָל אויפהערען צו

האַבען. קענטיג אַז ס'איז דעם אויבערשטען נויטיג געווען נאָך אַ מאַרטירער. נאָר איצטער, איטע, איז דאָס שוין צום לעצטען מאָל. איך וועל זיך צוקאַליעטשען. צוקאַליעטשען איין מאָל פאַר אלע מאָל, אַז איך זאָל אויפהערען צו זיין אַ מלאך המות פון מיינע קינדער. איך קען שוין מעהר ניט, און איך וועל דאָס טהאָן, ווען מיר זאָל אפילו אויסקומען צו גט'ן זיך מיט איהם.

איטע איז שווייגענדיג אריין אין הויף, דערנאָך האָט זי אַפּגעקעהרט זיך צו עטלען און ערענסט געפרעגט, איהר קוקענדיג גלייך אין די אויגען אריין:

— ניט שוין זשע, עטעל, איז טאַקע גאָר קיין מיטעל ניטאָ אַז מענשען זאָלען זיך אַזוי ניט מאַטערן? מען קען זיי מיט גאָרנישט העלפען, טאַקע גאָר מיט גאָרנישט? טהוט נאָר אַ קלעהר, עטעל, ניט איין מיטעל, אַזוי טאַקע גאָר נישט?

זי האָט אליין ניט געוואוסט וואס זי האָט גערעדט פון אויפרעגונג, זי האָט נאָר געפיהלט, דאָס אין איהר האָט זיך געשלאָגען אַ שטאַרקער געפיהל פון ליידען און דאָס האָט געפאָדערט כאָטש אַן ענטפער, אום ניט צו דערשטיקען אין איהר דעם מענשען.

— איך וועל זיך זיכער צוקאַליעטשען, — האָט עטעל, זי ניט פערשטעהענדיג, געענטפערט, — איהר וועט עס זעהן, איטע, מאָרגען וועל איך געהן צו מינדלען.

איטע האָט זיך שוין גענומען הויבען אויף די טרעפּ, נאָר עטעל האָט זי פּלוצלונג אַפּגעשטעלט און געזאָגט:

— זיך גאָר פערגעסען אייך איבערצוגעבען, מיכל וואַרט שוין אויף אייך פון אַ שעה צייט ביים קרעמער. זעהט ניט לאַנגווייליגט. ער איז, דאַכט זיך, שרעקליך אין כעס אויף אייך.

— אַ־אַ — האָט איטע צושטריִט אַרויסגערעדט, — מיכל וואַרט פאַר מיר.

און מיט אַ שלעכטען געפיהל האָט זי זיך אויפגעהויבען אַרויף.

אַבער דער שלעכטער געפיהל האָט זיך ניט בעצויגען אויף מיכלען; דאָס איז געווען אַ שלעכטע שטימונג וואָס האָט זיך גאָר וואָס איינגעשטעלט אין איהר, ווי עס שטעלט זיך איין אַ שטן, ניט זעהבאַר, נאָר שאַרף און דייטליך.

די נייעס פון אונטער'ן שטאָדט זיינען געוואָרען מיט יעדען טאָג אונרוהיגער. יעדער טאָג האָט זיך איטע פון איינער אָדער א צווייטער אַם דערוואוסט פון אַ נייעם טויט און האָט אָנגע־שטרענגט אַלע כחות, ניט צו פערלירען אין גאַנצען דעם מוטה.

ווייטער האָט זיך איינגעשטעלט א רייהע פון גלייכגילטיגע טעג מיט איינאַרטיגע זאָרגען און געוועהנליכע אינטערעסען.

די פערדעכטיגע רוהיגקייט האָט אָנגעהאַלטען דאָס גאַנצע צייט ביז פון אונטער'ן שטאָדט האָבען זיך ניט דערהערט די שלעכטע נייעסען. נאָר אין איין טאָג האָט זיך אַלעס פלוצלונג אומגעביטען, אזוי ווי אימיצער וואָלט גענומען און מיט'ן האַנד געמאַכט אַ צאָם פון הינטער וועלכען דאָס בייזע און שלעכטע האָט אָפגעוואַרט אַריינצורייסען זיך מיט אַמאָל מיט אַן אונאייננגעהאַל־טענעם שטראָם.

אייגענטליך האָט זיך דאָס בייזע אָנגעפאַנגען פון גיטעל'ס קינד'ס טויט וואָס איז געפאַלען אַן ערשטער קרבן פון דער פריה־לינגס־עפידעמיע. עס זיינען אפילו אַרומגעגאַנגען פערשיעדענע קלאַנגען פון אַנדערע, אָבער דער איז פאַר די איבעריגע געווען ווי אַ סיגנאַל אַז זיי האָבען זיך גענומען קלייבען אין וועג...

מיט אַמאָל האָט זיך וועגען טויט־פעלע פערשפּרייט אַ סך קלאַנגען. עס האָט אַוועקגעטראָגען קינדער פון אַלע עקען שטאָדט. דער פריהלינג איז ווי געגאַנגען פון איין אָרט צום אַנדערן און אויסגעליידיגט, געקליבען די קרבנות, איבערלאָזענדיג נאָך זיך אַ לאַנגע ליניע טויטע קערפּערס וועלכע מען האָט קוים צייט געהאַט אויפצוקלייבען.

אונטער'ן שטאָדט איז אָנגעגאַנגען אַ האַוועדיגער לעבען. מיט אַ פיבערהאַפטע געשפּאַנטקייט, ווי עס פּאַסירט אין צייט פון אַ פלאַג, האָט יעדערער געזוכט צו פערהיטען דאָס אייגענע.

אויף די גענומענע צום האָדעוועז האָט מען זיך גאָר ניט אומ־געקוקט. זיי האָט מען געשלעפּט צום בית עולם ביי די צעהנדליגע. זיי זיינען גלייך פערגעסען געוואָרען אזוי גיך ווי זיי זיינען פער־שוואונדען פון דער בייזער וועלט, וואו מען האָט זיי פון דער

ערשטער מינוט פון זייער לעבען בערויבט אַלע רעכטע אויף ברויט און ליעבע.

זיי זיינען אויסגעשטאָרבען אָפּגעשוואַכטע, אויסגעמאַטערטע, קעמפּפענדיג מיט קראַנקהייטען אַליין, איבערגעלאָזענע אין אַ שמוציגען ווינקעל פון אַ פינסטערען קאַמער; געוואָרען שפּייז פאַר פּאַראַזיטען, פליגען, וואָס פלעגען זיך איינעסען אין זייערע אויגען, אין די נאָז־לעכער, און זיך צולייגט נאָך איידער זיי האָבען צייט געהאַט אַרויסצולאָזען דעם לעצטען אָטהעם.

אין די אַלע הייזער פון אָרימקייט און עלענד האָט זיך פון פריה ביז נאַכט כסדר געטראָגען געוויינען און כריפּען, נאָך וועלכע ס'איז געקומען קאָנוואולסיע און גסיסה. נאָך אַזאַ אָנפאַל זיינען זיי געלעגען בעדעקט מיט גאַנצע וואָלקענס זיעגרייכע פליגען. און די אמת'ע, האַרציגע טרערען פון זייערע מאַמעס, וועלכע זיינען געווען צוואָרפען איבער'ן שטאָדט ביי פרעמדע קינדער, האָבען זיי אָפט, כמעט קיינמאָל ניט בעגלייט אין דער אייביגער רוה. פערלאָזענע, אָרימע, פערגעסענע, האָבען זיי אונטער דער בייטש פון נויט גע'גנב'עט דאָס מילך פון זייערע אייגענע קינדער, ניט קענענדיג אַנדערש אויסקומען.

איין פריהמאָרגען האָט איטע, פאַנאַנדערוויקלענדיג איהר בעלי־בתים'ס קינד, זיך טומעלדיג געשפּיעלט מיט איהם. זי האָט זיך צו איהם געוואָרפען מיט אימפּעט און צופאַלענדיג צו זיין פעטע העלזעלע הויך געבולען און געקיצעלט מיט קושען. דאָס קינד איז זיך פערגאַנגען פון געלעכטער, איהר געריסען פאַר די האָר, און איטע, פערגעסענדיג אָן אַלץ אויף דער וועלט, האָט זיך געפרעהט מיט זיין פרייד. פּלוצלונג האָט זיך געעפענט די טהיר און עס האָבען זיך פאַנאַנדערגעגעבען הויכע, אונבעקאַנטע טריט אין צימער.

איטע האָט האַסטיג, מיט אַן אונבעשטימטען געפיהל פון אונרוהיגקייט, זיך אומגעקוקט און דערזעהען פאַר זיך אַן אונבעקאַנטע פרוי.

— גוט מאָרגען, — האָט יענע מיט אַ גלייכגילטיגען קול

געזאָגט, — איך האָב אייך געבראַכט שלעכטע נייעס, נאָר שרעקן זיך איז ניטאָ פאר וואָס.

איטע האָט געגעבן א טראָט צו איהר, זיך אויפמערקזאם איינגעקוקט אין איהר פּנים און געפרעגט מיט א ציטערדיגען קול:

— וואָס האָט פּאַסירט? איך קען אייך גאָר ניט.

זי איז געשטאַנען אָהן א טראָפּען בלוט אין געזיכט און גע־פיהלט ווי ביי איהר ציטערען די פיס. דער אינגעלע האָט אויפ־געהויבען א געשריי און זיין פּנים'ל, ביז איצט א גרענצלאָזער צו־פרידענער, האָט אויסגעדריקט פולע אומצופרידענהייט מיט'ן לע־בען. איטע האָט איהם געשווינד גענומען אויף די הענד און גע־געבען זויגען, ער זאָל אויפהערען צו שטערען.

— אסתר האָט מיך צו אייך געשיקט, — האָט זי אָהן וועלכען ניט איז איינטהייל געזאָגט. — אייער קינד איז ביינאַכט קראַנק געוואָרען און נעהמט ניט קיין מילך. שרעקען איז זיך ניטאָ וואָס. איך האָב אן עצה געגעבען ארומצולייגען זיין העלזעל מיט חזר'שע פעטס אויף צו פאַנאַנדערוואַרימען. אסתר האָט מיך ניט געפאָלגט. איצט איז איהם, פערשטעהט זיך, ערגער, נאָר פון דעסטוועגען דארף מען זיך ניט שרעקען. מיינער איז מיט צוויי יאָהר צוריק געווען געפעהרליכער, נאָר איך האָב זיך ניט געשראָקען און ער איז געזונד געוואָרען.

פון שרעק און פון דער הילצערנער שטימע האָט זיך ביי איטען גענומען מישען אין קאָפּ. זי האָט זיך צוגעזעצט, בעגיסענדיג זיך מיט שווייס. דערנאָך האָט זיך איהר גאַנצער פּנים בעדעקט מיט קנייטשען.

—וואָס־זשע וועט זיין, — האָט זי געפרעגט, זיך אָפּגעבענדיג א מינוט צום גלויבען אין די ווערטער פון דער פרוי, — וואָס זאָל איך טהאָן?

ביי דער אונבעקאַנטער איז דאָס געזיכט גאָר געוואָרען ווי א הילצערנע און אין יעדען שטריכעלע פון איהם האָט מען געקענט לעזען:

— מורא האָבען דארף מען ניט...

ביי איטען האָט פיבערהאפט געארבייט די קאָפּ, נאָר מיט

די געפיהלען איז זי נאָך געווען ווייט פון די ערנסטקייט פון מאָ־מענט. אין דער רגע האָבען איהרע אַלע אינסטינקטען געשלאָפען, און זי האָט נאָר געפיהלט אַ פערדראָס גענען קינד דערפאר וואס ער איז קראנק געווארען און לאָזט איהר רוהיג ניט לעבען.

דער אינגעלע אויף איהרע הענד האָט איינגעשלאָפען, און זיין קעפּעלע האָט זיך בעוועגען צוזאמען מיט איהר אָטהעם.

די פרוי איז געשטאַנען נאָך עטליכע מינוט און דערנאָך גע־פרעגט :

— איהר וועט אריבערגעהן צום קינד? מורא האָבען איז געווים ניטאָ פאר וואס, נאָר מען קען ניט וויסען וואָס עס קען זיך טרעפען. דער סיזאָן האָט זיך אָנגעהויבען און עס שניידט די קינדער ווי גראָז.

זי האָט געמאכט אַ בעוועגונג אוועקצוגעהן. איטע האָט זיך אויפגעכאפּט, אָהן ציעל דורכגעגאַנגען זיך איבער'ן צימער און פארטזועצענדיג קלעהרען וועגען איהר אינגעלע, זיך ביסלעכווייז גע־נומען אונטערגעבען דעם שרעק.

— ווארט האָט זי ענדליך געזאָגט, — איך וועל שוין געהן מיט אייך.

די פרוי האָט זיך געהאָרכזאם אוועקגעזעצט און גענומען דער־צעהלען ווי דאָס איז געשעהן. דערצעהלען איז ניט געווען וואס, נאָר זי האָט זיך געקלינט אַ מאָל צוואנציג אריינצושטעלען דאָס מורא האָבען איז ניטאָ וואס, און דאָס איז פאר איטען געווארען עפּעס אזוי שרעקליך אז זי וואָלט געוואלט אנטלויפען פון איהר.

איינאָרדענדיג ווי עס איז דאָס קינד, צוואויגענדיג איהם, האָט זי אונטערבראָכען די פרוי אויף אַ האַלבען ווארט און איז אוועק צו דער ווירטין נעהמען ערלויבניס צו געהן. ביי איהר איז מיט דער ווירטין ארויסגעקומען אַ סך אונאַנגענעהמליכקייטען ווען יענע האָט דערהערט דאָס איהר קינד איז קראנק געווארען. די וויר־טהין איז גרייט געווען אריבערצוטראגען כאָטש נאָך אַ הונדערט סקאנדאלען פון מיכל'ען נאָר זי האָט ניט געקענט פערשטעהען און ניט געוואָלט איינשטימען, אַז איטע זאָל געהן געוואָהר ווערען צו איהר אינגעלע.

— ניין, ניין, האָט זי זיך איינגע׳עקשן׳ט געגען איטען, איך קען אייך ניט אָפּלאָזען, און איהר האָט עס אליין ניט בעדארפט פערלאַנגען. איך האָב אייך געהאַלטען פאַר אַן אנשטענדיגע פרוי און איהר ווייזט זיך ארויס צו זיין ערגער פון גאָט ווייס וועמען. איך האָב אייך אַרויסגעשלעפּט פון בלאָטע און געמאכט פאר אַ מענשען און איהר אנשטאָט דאנקבאַרקייט ווילט מיר פטר׳ען מיין קינד. אייער אינגעל וועט ניט געזונד ווערען דערפון וואס איהר וועט געהן אָדער ניט געהן צו איהם. זאָל איהם מיכל אָפּפיהרען אין הקדש, איך וועל אייך אויף דעם געבען עטליכע רובעל ניט אין רעכענונג. איהר דארפט זיך אָבער צו איהם ניט צוריהרען. ער איז קראַנק און איהר קענט פערפּעסטען מיין קינד. איז אייך דען מיינער ניט טייער?

— טהוט מיט מיר וואָס איהר ווילט, — האָט איטע געזאָגט, נאָר איך קען ניט. — איך וועל שטאַרבען פון אונרוהיגקייט. איך מוז געהן. מיר איז מיין קינד אַזוי טייער ווי אייך אייערער.

זי האָט אָנגעהויבען וויינען, געזוכט מיט רייד צו ריהרען איהר בעל הבית׳טע:

— שטעלט זיך אויף מיין ארט, איך מוז זעהן מיין קינד. איך וועל פון זינען אראָפּ. איהר דארפט מיך טרייבען איך זאָל געהן. כאָטש איך בין אַן ארמע פרוי, אָבער איך בין דאָך אויך אַ מאַמע און איך האָב בלוט פערגאסען פאר איהם.

— בלוט פערגאָסען! — האָט שפּאָטיש אויסגערופען די ווירטען, אַ בהמה איז אויך אַזוי. אַ קלעהר טהאָן אייער בלוט! און וויפיעל מאָל איהר האָט מיך פערזיכערט דאָס מיין קינד איז אייך טייערער פון לעבען. איהר האָט דאָך דאָס — אפילו געשוואָרען?

— איך האָב אייך ניט גענארט, — האָט איטע שטיל געענטפערט, — איך האָב ליעב אייער אינגעלע, דאָס איז אמת, נאָר מיינער איז מיר אויך טייער. לאָזט מיך נאָר אָפּ צו איהם. איך וועל אייך שווערען דאָס איך וועל זיך צו איהם ניט צוריהרען, אָבער איך מוז געהן. גלויבט מיר אַז איך קען ניט אַנדערש. איך וועל זיך אָפּהיטען, איך שווער אייך. אפשר איז איהם גאָר ניט אַזוי שלעכט. דערווייל נעהמט ער נאָר ניט קיין מילך, לאָזט מיך אָפּ.

זי האָט נאָך לאַנג גערעדט. די ווירטין איז דערגאַנגען דער־צו וואָס זי האָט איהר גערדראָהעט מיט געוואלד זי ניט צו לאָזען, געזאָגט דאָס זי וועט עס מעלדען דער פּאָליציי. אָבער וואָס מעהר זי האָט זיך אזוי בענומען אַלץ מעהר האָט איטע בעשלאָסען צו געהן. זי האָט אַלץ גערעדט און געשווארען דאָס זי וועט זיך ניט צוריהרען צום קינד, און דאָס זי וועט איהם גלייך אָפּשיקען אין הקדש צוזאמען מיט אסתר'ן.

די בעל הבית'טע האָט ענדליך נאָכגעגעבען, צוזאגענדיג דער־פאר זיך אָפּצורעכענען שפּעטער.

איטע האָט איהר מיט פרייד בעדאַנקט פאַר דער ערלויבעניס, גענומען ביי איהר דריי רובעל און, כאַפּענדיג אונטער'ן שאַל אַ פּעקעלע, אַוועק צו דער וואַרטענדער פרוי אום צו געהן מיט איהר צו אסתר'ן.

פריהער פון אַלץ האָט זיך איהר געוואָלט אָפּזוכען מיכלען, ניט צו זיין אַזוי הילפלאָז, נאָר דאָרט, וואו ער פלעגט געוועהנליך זיין, איז ער ניט געווען, און זי האָט נאָר אומזיסט פערלאָרען צייט.

זי האָט זיך אונטערגעגעבען און בעשלאָסען אַלעס איינצו־אָרדנען אַליין. ווען זי איז געקומען צו אסתר'ן, האָט איהר בע־געגענט דער עלטערער אינגעל און אויף איטע'ס פראַגע וועגען קינד, האָט ער ווי אַ דערוואַקסענער אַ מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד און געזאָגט אַז עס איז ניט גוט.

איטע איז אין אונרוה און ציטערניס אַריין אין צימער. די מורא פאַר'ן קינד'ס לעבען האָט פערגרעסערט די ליעבע צו איהם. דאָס קינד איז געלעגען אין בעט און נעבען איהם איז מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ געזעסען אסתר. איטע, ניט צוגעהענדיג נאָ־הענט, האָט געוואָרפען אַ שוויגענדיגען בליק אויפ'ן קינד, נאָר באַלד ניט אויסגעהאַלטען און איז אונטערגעלאָפען צו איהם. אויך ער האָט זי מיט אַ שווערען בליק בעקוקט און, ווי איהר האָט זיך געדאַכט, מיט פאָרוואורף זיך אָפּגעקערט, שווער אָטהעמענדיג.

איטע האָט אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד. אויף אַ יונגע איז דאָס קינד איהר ערשיענען אַלס געזונטער, רויטער, גלאַטינ־קער, —אַזעלכער ווי ער איז געווען, ווען זי איז מיט איהם צו־

ערשט געגאַנגען צו ראָזען. און איהר גאַנצער קלאָג, איהר גאַנצע שולד האָט זיך מיט אַמאָל בעלויכט פון דעם גאַנצען אמת. פאַר איהר איז געלעגען אַן אויסגעטריקענטער אינגעלע מיט אויסערגעוויינליך לאַנגע הענד און פיס, אַ בלויליכער, מיט פערשפיצטע, שאַרפע געזיכטסציגע, — אַ מאָדנער אינגעלע אַן אַלטיטשקער.

אסתר, דערזעהענדיג איטע׳ן, האָט אַ נויג געטהאָן די קאָפּ און זיך אָנגעבויגען צום קינד. דאָס קינד האָט זיך אַ ציה געטהאָן צו איהר מיט זיינע לאַנגע הענטלאַך. איטע איז פערגליווערט געוואָרען אין אַ פּאָזע פון ערוואַרטונג און יעדער שוואַכער קרעכץ פון קינד האָט זי געמאַטערט.

— איך קלעהר, — האָט אסתר געזאָגט מיט איהר געדיכטע, אונאַנגענעהמע שטימע, אַז דאָס וועט איבערגעהן. ביי נאַכט איז איהם, דאַכט זיך, געווען אַ סך ערגער. זיין היטץ נאָר מאַכט מיך אונרוהיג. טהוט נאָר אַ קוק.

איטע האָט זיך צוגעריהרט מיט׳ן האַנד צו זיין שטערען און איהם אַ קוש געטהאָן.

— ער ברענט, — האָט זי געזאָגט, — און ער איז אין גאַנצען בלוי. גאָט מיינער, וואָלט כאָטש מיכל דאָ געווען ביים האַנד. אָט וואָס, ליעבע אסתר, בעסער פון אַלץ וועט זיין איהם צו נעהמען אין הקדש. ווי רעכענט איהר? עס פערשטעהט זיך, ווען ביי אייך וואָלטען ניט געווען קיין אייגענע קינדער...

— דאָס איז אמת, און איך בין צופרידען וואָס איהר האָט דאָס אַליין פערשטאַנען. איך האָב מורא, מען דאַרף שוין פאָהרען מיט איהם. איהר האָט גענומען געלד מיט זיך?

— גענומען, אסתר, אָבער אין הקדש קען מען דאָך איהם אַליין ניט איבערלאָזען. ווען איהר, ליעבע אסתר, וואָלט געווען אַזוי גוט...

אסתר האָט פערדעכטיג געקוקט אויף איטען.

— יע, יע, ווען איהר וואָלט געווען אַזוי גוט, — האָט איטע געזאָגט. — נאָר אייער גוטסקייט איז איצט נויטיג. דאָס קינד איז דאָך צו אייך צוגעבונדען. איהר זייט דאָך איצט זיין מאַמע, ניט איך. גלויבט מיר, איך וואָלט מיט פרייד, וואָס רייד איך

„מיט פרייד“, איך וואלט געווען גליקליך צו קענען אפשטעלען זיך מיט איהם אין האספיטאל, נאר ער וואלט דאך מיך אפילו ניט וועלען אנערקענען. איך ווייס דאס אלץ זעהר גוט; איך ווייס דאס ביי אייך איז פאראן א מאן, קינדער, בעל־הבית׳ישקייט, אבער איך וועל אייך בעצאהלען, אסתר, קיין איבעריגען טראט וועל איך אייערען אומזיסט ניט פערלאנגען. איהר מוזט זיך אפשטעלען מיט איהם אין האספיטאל.

— דאס, איטע, קען איך ניט טהאן, כאטש וואס פאר געלדער איהר זאלט מיר ניט געבען, וועל איך זיך אפזאגען. ביי מיר, איטע, איז א מאן וואס ארבייט שווער, ביי מיר זיינען קינדער. ניין, איטע, אט דאס קען איך בשום אופן ניט טהאן.

— אבער איך בעט דאך אייך, אסתר, איך בעט. איך בעט נאר, אסתר, און מעהר גאר ניט. האב איך דען א רעכט צו פאָדערען? און איהר, אסתר, קענט דאך ניט זיין אונצופרידען מיט מיר. וואס האב איך פאר אייך ניט געטהאן? איך זארג זיך, אסתר, וועגען אייך מעהר ווי וועגען זיך אליין. איהר קענט אליין זאגען ווי איך האב זיך מיט אייך בעגאנגען. איך בעט אייך — ניט אויף מיר, נאר אויף איהם האט רחמנות.

איטע האט זיך אלץ געבעטען, געבעטען, געוויינט, זי גע־חנפה׳ט, נאר יענע האט זיך אלץ אפגעזאגט. אונבעמערקבאר איז אסתר צוהיצט געווארען און זיך גענומען זידלען.

— אז איהר זייט אן אומגליקליכע — האט זי צו איטע׳ן גע־שריען, — האט איהר ניט בעדארפט אפגעבען אייער אינגעלע צו אזא גליקליכע פרוי ווי איך בין געווען ביז איך האב אייך ניט גע־קענט. איהר האט מיר איהם בכיון אפגעגעבען כדי צו שטערען מיין גליקליכען לעבען. איך האב דאס גוט פערשטאנען פון דעם ערשטען מאל וואס איך האב אייך דערזעהן. שוין דאמאלס האב איך געזאגט דאס די פרוי וועט מיר ברייגנען אומגליק.

איטע האט זיך ניט פערטהיידיגט, זי האט נאר מיט הארץ געבעטען, אפעלירענדיג צו אסתר׳ס גוטע געפיהלען. נאר יענע האט זיך ניט געלאזט איבעררעדען און פארגעווארפען איהר נאך א זינד.

— מיט אַנדערע פיהלט מען גאָר ניט אַזעלכע צרות, ווי מיט אייך, — האָט זי געשטאָכען. — דאָס קינד ווערט קראַנק און קיינער מאַכט גאָר ניט קיין טומעל. איהר, טייערע, זייט ניט די ערשטע פערזענליכקייט אין שטאָדט. ניט פערגעסט וועגען דעם. איהר זייט בלויז אַן אַם, און מעהר גאָר נישט. געהט לערנט זיך אויס ווי מען דאַרף לעבען. געהט זעהט ווי עס האַנדלען אַנדערע, אַזעלכע ווי איהר זייט, ווען עס קריינקען אָדער שטאַרבען זייערע קינדער. קיין הויך־קול הערט מען ניט, קיין זיפץ, דאָ שטאַרבט מען אין די צעהנדליגע, און מען הערט ניט אַזאַ טומעל ווי איהר מאַכט צוליעב איינעם. מען שטאַרבט, מען בעגראָבט שטיל, און יעדער פערנעהמט זיך מיט זיינע געשעפטען. אַט ווי עס דאַרף זיין. טהוט נאָר אַ טראַכט וואָס עס וואָלט פון אַזעלכע קינדער אויסגע־וואַקסען? ווער דאַרף זיי? איהר'ט ליעבער אייער קינד; אַלע האָבען ליעב, אָבער מען געהט דאָך ניט אַראָפּ צוליעב דעם פון זינען. געהט מיט איהם אין הקדש און לאָזט מיך צורוה.

זי האָט שוין ניט גערעדט מיט דעם פריהערדיגען איינגעשפּאַר־טען טאָן, און ווען עס איז אויף די רייד אָנגעקומען אַ שכנה, און דערוויסענדיג זיך וואָס דאָ קומט פאָר, האָט זי זיך געשטעלט אויף איטע'ס זייט, האָבען די פרויען איינגעשטימט און דורכגעקומען. אסתר האָט ענדליך איינגעוויליגט אָפּצושטעלען זיך מיט'ן קינד אין הקדש, און זיך מכין זיין דערצו.

ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען, איז שוין געווען האַלבער טאָג. אסתר, דורכגעהענדיג דעם קוואַרטאַל, האָט ערקלערט דאָס זי איז מיעד און געפאָדערט מען זאָל נעהמען אַ פוהר. איטע האָט נאָכ־געגעבען און איבער עטליכע מינוטען זיינען שוין געפאָהרען אי־בער'ן פאָרשטאָדט, אויפהויבענדיג גרויסע וואָלקענס שטויב...

ביים אַריינפאָהרען אין שטאָדט האָט איטע פלוצלונג בעמערקט מיכלען, וועלכער איז געשטאַנען אין אַ טויער פון אַן אָפּגעלאָזען הייזעל, און גערעדט מיט עפּעס אַ פרוי. איהר האַרץ האָט זיך צוזאַמענגעדריקט, נאָר זי האָט זיך בעהערשט און איהם אַ רוף געטהאָן.

ער איז צוגעגאַנגען, און דערוויסענדיג זיך אין וואָס די זאַך

איז, שוין געוואלט אוועקגעהן, נאר איטע האט איהם געבעטען פאהרען מיט איהר. דאס האט ער איינגעשטימט, און א מאך טהאנדיג צו יענער פרוי מיט'ן האנד, זיך געזעצט אין דער פוהר.

אין הקדש האט מען זיי גלייך אויפגענומען, און ווען דער דאקטאר האט בעקוקט דאס קינד, האט ער צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ און געהייסען איהם נעהמען אין א בעזונדער אבטהיילונג. איטען איז קאלט געווארען. זי האט פערשטאנען נאכ'ן דאקטאר'ס פנים דאס די קריינק איז א געפעהרליכע. דאס איז איהר געווען ניט גענוג און זי האט געפרעגט מיט א דערשלאגענעם קול ביים דאקטאר וואס ער דענקט וועגען דעם קינד'ס לאגע. יענער האט א מאך געטהאן מיט'ן האנד און ארויסגעזאגט איין ווארט: „קרופ“.

מיכל, פערלייגענדיג די הענד אויף הינטער, איז אומגעגאנגען איבער'ן צימער און זיך נייגיעריג צוגעהערט צו אלעם וואס דארט האט זיך גערעדט. דעם קינד'ס לאגע האט איהם ניט געריהרט, נאר אזוי ווי ער האט ערווארט צו נעהמען ביי איטען געלד, האט ער זיך צוליעב איהר געמאכט האס ער איז זעהר בעזארגט.

— הערסט מיכל, — האט זי, מורא האבענדיג דארט צו ריידען הויך, — איהם שטיל געזאגט, — דאס קינד האט קרופ, פערלארען אונזער קינד.

אין איהרע אויגען זיינען געשטאנען טרעהרען פון פערצווייפלונג. און איצט, קוקענדיג אויף מיכלען, האט זי געזוכט אין איהם אן אנשפארונג, א טרייסט, ניט צו פיהלען זיך אליין אונטער דער שווערקייט פון די ליידען.

מיכל האט אויף איהר א קוק געטהאן, איז אין א רגע געריהרט געווארען און ארויסגעזאגט:

— וואס זשע טהוט מען, איטע, וואס טהוט מען?

איטע, ביי דעם קלאנג פון דער ווייכער שטימע, האט גענומען ציטערען פון אויפרעגונג, און נאר אויס אכטונג און מורא פאר דעם פלאטץ זיך איינגעהאלטען פון קלאגען. זי איז נאך געשטאנען נעבען איהם, ווארטענדיג אויב ער וועט נאך זאגען וואס עס איז. נאר אזוי ווי מיכל האט געשוויגען איז זי אוועק זיך זעגענען מיט'ן קינד און אפגעבען אסתר'ן צוויי רובעל פאר איהר גוטסקייט.

זי איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען אין לאַנגען שטיינערנעם קאָרידאָר פון האָספּיטאַל, אַ טרויעריגער ווי איהר נשמה, נאָכגעקוקט אסתר׳ן ביז יענע האָט זיך מעהר ניט געזעהען, און געשיקט נאָך איהר דאַנקבאַרע ווערטער און ברכות, ניט זעהענדיג ווי טרעהרען האָבען גערונען פון איהרע אויגען.

מיכל האָט זיך בערוהיגט און זיך געאיילט אוועקצוגעהן. ווען זיי זיינען געווען אין גאַס האָט ער זיך געמאַכט ווי ער זיפצט און אַ בעט געטהאָן פאַר זיך אַ רובעל.

איטע האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם מיט אַ לאַנגען בליק, נאָר גאָר נישט געזאָגט און אוועקגעגעבען איהם די לעצטע 80 קאָפּיקעס וואָס איז ביי איהר געבליגען פון 3 רובעל. ער האָט איהר מיט אַ זיפץ אָפּגעדאַנקט און זיך געקליבען באַלד אוועקצוגעהן. איטע האָט עס בעמערקט און ניט פּראָטעסטירט. אין עטליכע מינוט אַרום האָט זי זיך שוין געשלעפּט אַליין מיט איהר פערצווייפלונג, חרטה און פּיינליכען רחמנות צום קינד.

אין דער היים האָט זי אויסגעהאַלטען אַ שווערע סצענע פון דערווירטין ווען יענע האָט דערהערט דאָס מען האָט דעם אינגעלע צוגענומען אין האָספּיטאַל. אָבער זי איז געשטאַנען נעגען איהר מיט אַ פּערשטיינערטען אויסדרוק אויפ׳ן געזיכט, אַ גלייכגילטיגע צו אַלעם אין דער וועלט.

— איהר זייט אַ נידערטרעכטיגע פרוי, — האָט די ווירטין געשריען, — איהר האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו זיין אין דעם צימער וואו ער איז געלעגען. ביי איהם איז געווים דיפטעריט. איך וואָלט אייך גלייך אַרויסגעטריבען, ווען עס וואָלטען צום אומגליק ניט אָנגעקומען וואַרימע מאָנאַטען. געהט שוין, נעהמט זיך אַ וואַנע. אייערע זאַכען וועלען מיר גלייך פערקויפען צו אַ שמאַטע הענדלער.

איטע האָט זיך מיט דערזעלבער גלייכגילטיגקייט אונטערגעגעבען אַלעם וואָס די ווירטין האָט פון איהר געפאָדערט און איז אַ גאַנצען טאָג געווען ניט אויפמערקזאַם צום בעל־הבית׳שען קינד.

איטע האָט דורכגעמאַכט אַ זעהר שלעכטע נאַכט. איהרע אייגענע לײדען האָבען זיך אָפּגערופען אויפ׳ן קינד. ביז טאָג האָט

ער זיך געוואָרפען אין היץ און איהר ניט געגעבען קיין מינוט צייט אַריינצוטראַכטען זיך אין איהרע צרות צו בעטראַכטען זיי. מיט די איינגעוואָהנטע געהאָרכזאַמקייט האָט זי זיך אונטערגעגעבען זיינע קאַפּריזען, אַרומגעלאָפען מיט איהם איבער'ן צימער, געקושט, געצערטעלט, געזויגען, געזונגען מיט אַ שטילע, צאַרטע שטימע, געזונגען הויך צו פערטומלען איהם, געשריען, געבעטען, נאָר אַלע אָנשטרענגונגען זיינען געווען אומזיסט. איינשלאָפענדיג אויף אַ ווײַלע, פלעגט ער זיך אויפכאַפּען מיט אַ ווילדען געשריי און עס האָט זיך ווײַטער אָנגעהויבען דאָס אַרומלויפעניש מיט איהם און דאָס ווערען פערטומלען מיט'ן זינגען זיינע געשרייען.

דער אונרוהיגער געדאַנק דאָס זי האָט איהם אָנגעשטעקט מיט איהר קינד'ס קראַנקהייט האָט זי געעגבערט די גאַנצע נאַכט. זי האָט זיך כסדר צוגעהערט צו זיין אָטהעמען, און ניט אַראָפּגענומען די אויגען פון איהם ווען ער האָט געשלונגען, אויב ער מאַכט ניט אַ ווערלכע ניט איז גרימאַסע. ער האָט אַ פּאָר מאָל אַ הוסט געטהאָן און איהר האָט געדאַכט דאָס עס קומט אַ סוף צו איהר לעבען.

פון מיעדקייט און אויפרעגונג האָבען זיך ביי איהר די געפיהלען איבערגעפלאָנטערט און זי האָט אַליין ניט פערשטאַנען ווען זי זשאַלעוועט, פאַר ווען זי שרעקט זיך. זי האָט געפיהלט זיינע הענטלעך, זיי געקושט מיט מיעדקייט, מיט צערטליכקייט און געטראַכט ווי אונגליקליך איהר אייגענער אינגעלע איז, פאַר וועמען קיינעם אין דער וועלט אַרט ניט.

פאַר טאָג האָט דאָס קינד איינגעשלאָפען און זי האָט זיך ענדליך ערלויבט צולייגען אָפּרוהען. אָבער די געדאַנקען האָבען זי אַזוי אַרומגעכאַפּט דאָס זי האָט ניט געקענט איינשלאָפען.

עס איז געקומען דער פריהמאָרגען, דאָס קינד האָט ערוואַכט אַ פרישער, אַ געזונדטער אָהן היטץ און אַ פרעהליכינקער. איטע איז אַזוי צופרידען געווען דאָס זי האָט שוין ניט געפיהלט איהר מיעדקייט.

זי האָט זיך גענומען אָנטהאָן, קלעהרענדיג ווי צו מאַכען אַז זי זאָל זיך קענען אַרויסרייסען פון הויז. אום צעהן אַ זייגער האָט זי גענומען פערוואַרפען אַ וואָרט וועגען דעם צו דער בעל־

הבית'טע, וויסענדיג דאָס עס וועט זיך פון איהר זייט פאָדערען אַ היבשע ביסעל עקשנות ביז יענע וועט איינשטימען צו שיקען זי אין האָספּיטאָל.

ווי איטע האָט פאַראויסגעזעהן, האָט טאַקע דיווירטין פון אָנהויב ניט צוגעשטימט, דערנאָך געשריען, געוועזן אין כעס; נאָר פערשטעהענדיג ענדליך דאָס זי וועט גאָרניט אויספיהרען, גענעבען איהר ערלויבניס.

וועלענדיג לאָזען פאַר זיך דאָס לעצטע וואָרט, האָט די ווירטין אויסגעארבייט אַ פּראָגראַם פאַר שפּעטער, ווי איטע וועט זיך דאַרפען האַלטען אין הקדש. דאָס איז אייגענטליך געוועזן איבעריג; אַלע האָבען געוואוסט דאָס אין יענער אבטהיילונג האָט מען קיין זייטיגע ניט אַריינגעלאָזען. אויף יעדען פאַל האָט זי איטען שטרענג פאַרזאָגט צום קינד ניט צוצוגעהן.

איטע האָט צוגעזאָגט אַלץ, וואָס מען האָט פון איהר געפאָדערט און איז 12 אַ זייגער אַרויס פון הויז.

אין טהויער פון האָספּיטאָל איז איהר אויסגעקומען צו פערגיטיגען דעם מאַן וואָס איז דאָרט געשטאַנען און זי ניט געוואָלט אַריינלאָזען. ווען זי האָט אַריינגערוקט איהר האַנד דורכ'ן טהירעל מיט אַ מטבעה, איז דער אַריינגאַנג ווי דורך אַ כשוף געוואָרען פריי.

אַריינקומענדיג, האָט זי לאַנג געבלאָנדזשעט איבער'ן גרויסען, פאַרבויטען מיט געביידען, שווייגענדיגען הויף, ניט וויסענדיג אין וועלכען פון דיעזע הייזער ליעגט איהר קינד, און נאָר נאָך אַ סך פאַנאַנדערפרעגונגען, איבערגעהענדיג פון איין קאָרידאָר אין אַן אַנדערען האָט זי געפונען די קינדערשע אבטהיילונג פאַר אנשטעקענדע קראַנקהייטען. דאָס איז געוועזן אַ פּראָסטע, עהנליך צו אַ הילצערנע שטיבעל, מיט ווייסע ווענט, מיט אַ גאַנצע רייהע פענסטער און אַרומגערינגעלט מיט בוימער.

איטע האָט געזוכט די טהירען און ניט געפונען. דער אַריינגאַנג איז גאָר געוועזן פון אַן אַנדער זייט. זי האָט אפילו ניט שטאַרק געזוכט דעם אַריינגאַנג, וויסענדיג דאָס מען וועט זי ניט אַריינלאָזען. זי איז אוועק אַריינקוקען אין אַ פענסטער און האָט דערזעהן צוויי רייהען בעטען, קינדערלאַך און פרויען אין בלוזעס

נעבען זיי. זי האָט ניט געזעהן א י ה ר קינד. עס זיינען איהר פערבייגעגאַנגען מענשען מיט ערנסטע געזיכטער, בעגלייטע פון מיידלאַך אין חאַלאַטען, און זי האָט מיט פערדרוס, אָבער מיט אַכטונג אָבגעטראָטען, זיך אַפּרייסענדיג פון פענסטער.

ביי א צווייטען פענסטער זיינען געשטאַנען צוויי אָרים געקליידעטע פרויען, וועלכע זיינען זיך מיט די פנים'ער ווי צונויפגעוואַקסען מיט די שויבען. א פּאָר מאָל איז איהר פערבייגעלאָפען א דיענסט־מיידעל און, פלוצלונג, בעמערקענדיג איטע'ן, האָט זי מיטפיהלענד, מיט א בעזונדער ווייכע, גוטע שטימע געפרעגט, וואָס זי טהוט דאָ.

איטע האָט מיט א ציטריגע פול דאַנקבאַרע שטימע געענטפערט, דאָס זי איז אַן אם, נאָר איהר אייגענער אינגעלע איז קראַנק געוואָרען אויף קרופּ, איז זי איהם געקומען געוואָהר ווערען, נאָר זי ווייס ניט ווי איהם צו געפינען, שטעהט זי ביים פענסטער און זוכט דאָרט די אם פון איהר אינגעלע.

די דיענסט האָט פאַנאַנדערגעפרעגט דעם נאָמען און צוגעזאָגט אויסצוגעפינען, וואָס דאָס קינד מאַכט.

ווען זי איז אוועק, האָט איטע זיך ווייטער איינגעגעסען מיט די אויגען אין פענסטער. ארומזעהענדיג זיך דאָס זי זוכט דאָ אומזיסט, האָט זי געוואגט און אריבער צו יענעם פענסטער, וואו עס זיינען געשטאַנען די צוויי פרויען. זי האָט זיי פריינדליך געפרעגט אויף ווענען זיי קוקען אוים אין דער פּאַלאַטע. די ערשטע האָט געענטפערט דאָס זי קוקט אויף איהר קינד, וועלכעס הויבט שוין אָן געזונד צו ווערען. די צווייטע האָט געזאָגט, דאָס איהר קינד האָט שוין אויך אָנגעהויבען געזונד צו ווערען. נאָר איצט איז דאַכט זיך וועניג האָפנונג. אין דער פּאַלאַטע איז איהר מיידעלע איצט ניטאָ, מען האָט זי אוועקגענומען צו מאַכען אַן אָפּעראַציע, שטעהט זי דאָ און וואַרט קוים א לעבעדיגע.

רייזענדיג אזוי, האָט די פרוי געוויינט און זיך געווישט די אויגען מיט א בלאָטיגע טיכעל.

די ביידע זיינען אויך געווען אם'ען, און האָבען זיך בעקענט ביי די פענסטער. איטע האָט עטליכע מאָל טיעף א זיפץ געטהאָן

און ענדליך א בעט געטהאָן יענער, ביי וועלכער דאָס קינד האָט אָנגעהויבען געזונד צו ווערען, אָפּלאָזען איהר א ווײלע דעם פּלאַץ ביים פענסטער, אַז זי זאָל קענען דערזעהן איהר אינגעלע. די אַם האָט איידעל איינגעשטימט און איטע, זיך שטעלענדיג אויף איהר אָרט, האָט נאָך א ווײלע קוקען דערזעהן אסתר׳ן. זי האָט איהר קוים דערקענט אונטער דעם ווייסען חאַלאַט. אסתר איז געזעסען אויף דער 4טער בעט, ריכטיג געגען פענסטער, און נעבען איהר האָט זיך א פעלדשערקע גע׳עסק׳ט מיט׳ן קינד.

איטע האָט אונגעדולדיג זי גערופען מיט׳ן האַנד, געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, א געשריי געטהאָן, נאָר אסתר האָט אָנגעכמורעט די ברעמען און צוגעביסען די אונטערשטע ליפּ, געבענדיג דערמיט צו וויסען דאָס זי קען איצט ניט אַרויסגעהן. דאַן האָט איטע, פערגעסענדיג דאָס אסתר קען זי ניט הערען, זיך גענומען בעטען, פּאַנאַנדערפרעגען וואָס עס מאַכט דאָס קינד. אסתר האָט מיט סימנים געוויזען אויף די אויערען, דאָס זי קען ניט הערען, און אויף יעדען פאַל געקוקט צום באַלקען, ווי זי וואָלט זאָגען דאָס אַלץ איז ביי גאָט אין די הענד.

די פעלדשעריצע איז דערהווייל אַריבער צו אַן אַנדער זייט פון דער בעט און האָט אַוועקגעזעצט דאָס קינד ביי אסתר׳ן אויף די קניה אַזוי, דאָס די ליכט פון פענסטער זאָל פאַלען אויף איהם. איטע האָט זיך דאָרשטיג איינגעגעסען אין איהם מיט די אויגען. זי האָט ניט געהערט זיינע קרעכצען, נאָר זי האָט זיי געטראָפען נאָך דעם אויסדרוק פון זיין אויסגעמאַטערטען פּנים׳ל און גע־קרעכצעט צוזאַמען מיט איהם, אַזוי ווי עס וואָלט זי אויך שטיקען.

אסתר אַרומכאַפּענדיג מיט איין האַנד דאָס קינד, האָט די אַנ־דער האַנד אַרויפגעלייגט אויף זיין שטערען און צוגעדריקט זיין קאָפּ צו איהר האַרצען. איצט האָט איטע געזעהען ווי ער האָט זיך אָפּגעשלאָגען, געוואָרפען און איז פון א דונקעל־גרויען געוואָרען בלוי. פון שרעק און פערצווייפלונג האָט איטע אויסגעשריען און גענומען מאַכען מיט די הענד. עפּעס פריערדיגעס האָט זיך נאָך אָפּגעשטעלט אין קינד׳ס פּנים׳ל ניט קוקענדיג אויף דאָס אַלעס וואָס ער האָט פאַר דער צייט אַריבערגעטראָגען. אסתר׳ס פּנים

האָט איבער די אַראָפּגעלאָזענע ברעמען אויסגעקוקט שטריינג און ערנסט און איטע האָט געפיהלט אַ שאַרפען האַס צו איהר. איטע האָט אינסטינקטיוו נאָכגעמאַכט דעם קינד'ס אַלע בעוועגונגען און איהר האָט געדוכט דאָס פיהלענדיג שלעכט, פערערגערט זי זיינע ליידען.

די פרוי, וועלכע האָט איהר אָפּגעלאָזען דעם פּלאַטץ, האָט זי שוין לאַנג געשטויסען, נאָר איטע איז אַזוי ווי צוגעוואַקסען צום אָרט, און מען האָט זי ניט געקענט אָפּרייסען. ווען עס האָט זיך האַרט געענדיגט דאָס שמירען, און דאָס קינד איז אַוועקגעלייגט געוואָרען אויפ'ן בעט, זיינען אויך איהרע וועהטאָגען איינגעשטילט געוואָרען, און זי האָט זיך צואווײנט מיט הייסע טרעהרען, ניט זעהענדיג פאַר זיך קיין ענדע צו איהר אומגליק און ערנידערונגען. ווי עס האָט זיך דאָס געריסען צו איהם איהר נשמה אָנגעפילט מיט ליעבע! וועמעס זאָרגען זיך וועגען איהם, צוזעהן איהם וואָלט זיך דען געקענט פערגלייכען מיט איהרען וואָס וואָלט געווען אַזוי האַרציג, פול זעלבסט־אויפאָפּפערונג, אונרוהיגקייט פאַר איהם און פול מוטערליכע צערטליכקייט?

זי איז אויסגעגאַנגען פון ליעבע און מיטגעפיהל, נאָר גאָר נישט, אויסער דאָס קוקען אין פענסטער. ניט געקענט איהר קינד נעבען גאָר נישט, אויסער איהרע טרעהרען, וועלכע ער האָט אפילו ניט געקענט זעהן...

אסתר איז ענדליך ארוים און איטע, זיך אַ וואָרף טהאָנדיג צו איהר, האָט ערשט בעמערקט ווי מאָדנע יענע האָט אויסגעקוקט אין חלום.

„דאָס קינד וועט שטאַרבען", האָט זיך ווי אַ בליץ דורכגעטראָגען אין איטעס געדאַנק ווען זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף אסתר'ן.

— עס איז געוועזן אַ נאַכט, — האָט אסתר געזאָגט, — זאָל שוין מעהר ניט קומען אַזאַ נאַכט.

איטע האָט זי אָפּגעפיהרט אָן אַ זייט און, צוהאַלטענדיג זי פאַר'ן האַלאַט, געפרעגט:

— וואָס זאָגט דער דאָקטאָר?

— ער שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, וואָס דאָס מיינט ווייס איך ניט. די פעלדשערקע דענקט דאָס איהם איז בעסער.

— וואָס זשע שווייגט איהר, — מיר דוכט דאָס איך האָב צוויי לעבענס פערבראַכט אין גהינם. זי זאָגט, אז בעסער? איך וועל אייך, אסתר, אוועקשיינקען מיין גאַנצע מאַנאַטליכע געהאַלט. ראַטעוועט מיר איהם. ערשט איצט האָב איך פערשטאַנען ווי איך האָב איהם ליעב.

— גאָט וועט העלפען, — האָט אסתר אַרויסגערעדט מיט אזא טרוקענע אונאַנגענעהמע שטימע אז איטע האָט פון שרעק ניט געקענט מעהר פרעגען.

„פאַראַן דאָך אזעלכע מענשען“ — האָט זי אַ קלעהר געטהאָן, זי בעקוקענדיג.

זי איז געשטאַנען און שווייגענדיג געהערט אסתר'ן וועגען די שרעקליכקייטען וואָס טהוען זיך אין דער פּאַלאַטע.

— איהר זעהט די צוויי פרויען? — האָט זי מיט אַ וואונק אָנגעוויזען אויף די צוויי אָס'ען ביים פענסטער. — איינע וואַרט נאָך אַלץ אויף עפּעס, כאָטש מען האָט איהר קינד צוגענומען אין אָפּעראַציאָנס צימער. דאָס מיידעלע האָט אזוי ווי גענומען בעסער ווערען, אָבער איך האָב גלייך פערשטאַנען אז דאָס איז דער ערג־סטער סימן.

— מיינעם איז דאָך אויך בעסער, — האָט איטע, ווערענדיג בלייך, קוים אַרויסגערעדט.

אסתר האָט זיך פערלאָרען, דאָך באַלד אונגעצוואונגען גע־זאָגט:

— אייערער איז אַן אנדער זאַך. פון אויבען אויף איז איהם גאָר ניט אזוי גוט, די הויפּט זאַך איז דאָס וואָס אין העלזעל אין בעסער.

זיי האָט איבערגעריסען אַ שאַרפער, שמערצליכער געשריי. זי האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן די צווייטע פרוי ביים פענ־סטער איז צוגעלאָפען צום שויב און געשריען:

— גזלנים, מערדער, וואָס האָט איהר געטהאָן מיט מיין מיי־דעלע! איהר האָט זי געקוילעט, געקוילעט!...

אסתר, א דערשראָקענע פון דעם געשריי, האָט איטען אַן עצה געגעבען אַוועקצוגעהן.

— צו וואָס זאָלט איהר דאָ זיין, — האָט זי גערעדט, — דאָ וועט קיין הארץ ניט אויסהאַלטען. יעדער ווײלע קומען דאָ פאַר אַזעלכע געשיכטעס. און אין פּאַלאַטע איז נאָך ערגער. יענער שטאַרבט, דער מאַטערט זיך מיט'ן טויט, איינעם פיהרט מען מאַכען אַן אָפּעראַציע און אַלע שרייען, מאַטערען זיך און ליידען ווי אין גיהנם. די אויערען קענען ניט אַריינעהמען אַלע געוויינען און קרעכצען. געהט, איטע, אַהיים. געהט, דאָ איז פאַר אייך קיין אָרט ניט. געהט און זאָל אייך דער מזל מעהר קיינמאָל ניט ברייננגען אַהער.

איטע האָט זיך ביסלעכווייז געלאָזט איינריידען און געגעבען אסתר'ן 50 קאָפּיקעס.

— איך בין דאָך צו איהם ווי אַ מאַמע, — האָט יענע געזאָגט צונעהמענדיג דאָס געלד, — אָהן מיר וואָלט ער דאָך די רפואה פאַר קיין פאַל ניט גענומען.

— גלויבט מיר, אסתר, איך וועל מיין גאַנצען לעבען ניט פערגעסען אייער גוטסקייט, גלויבט מיר.

זי איז ווייטער אַוועק צום פענסטער, געשטאַנען דאָרט אַ ווײלע, קוקענדיג מיט טרעהרען אין די אויגען ווי ער האָט געמאַכט מיט די הענטלעך, דערנאָך האָט זי זיך אומגעקעהרט צו אסתר'ן און געגעבען איהר נאָך 50 קאָפּיקעס.

— שיקט אַוועק דאָס געלד אַהיים, — האָט זי געזאָגט, — זאָל אייער מאַן קויפען עפּעס דערפאַר פאַר די קינדער.

— געהט־זשע, — האָט אסתר געזאָגט, — מיר איז שוין צייט צו געהן צום אינגעלע.

זי האָט איהר געוויזען מיט'ן האַנד דעם וועג, און אַוועק.

איטע איז ווייטער אַוועק אין הויף, ווי פריהער זיך פערפּלאָנטערט און גענומען זוכען דעם וועג צום טויער. פערבייגעהענדיג איינע פון די בילדינגען האָט זי דערזעהן אַ פרוי וועלכע האָט איהר אויסגעזעהן צו זיין בעקאַנט. זי איז צו איהר צוגעגאַנגען נעהענ־

טער, זיך איינגעקוקט און, צו איהר גרויסען וואונדער דערקענט צירלען.

— ווי, דאָס זייט איהר? — האָט זי יענע געפרעגט מיט איהר הייזעריגען קול, ווי קומט איהר אהער, וואָס, אייער מאַן איז אפשר קראַנק?

איטע האָט זיך כמעט דערפרעהט, וואָס זי האָט זי דערזעהן. זי האָט זיך דערמאָנט אָן דער צייט ווען איהר אינגעלע איז נאָך געווען איהר אייגענער און האָט אַרויסגערופען אַלעמעס בעוואונדערונג.

— ניין, ניט דער מאַן, נאָר דאָס קינד, האָט איטע געענטפערט, — ביי איהם איז קרופּ, ער ליגט דאָ אין פּאַלאַטע.

— דאַרפט איהר דאגה'נען! זעהט נאָר ווי צירעל האָט זיך גוט איינגעאָרדענט אָהן אַ קינד. און מיין אָפּגענומענער (פּאַראַליזירטער) קען זיך גאָר זאַט ניט אָנקוועלען, שדים זאָלען איהם דערשטיקען.

זי האָט זיך פרעהליך צולאַכט, און איטע, זיך דערמאָנענדיג אויף איהר געשיכטע, האָט דערפיהלט צו איהר אַן עקעל. דערווייל האָט צירעל, זיך דערפרעהענדיג פון דער בעגעגעניש, גענומען דערצעהלען דאָס זי האָט אָבגעשפּאָרט אביסעל געלד, דאָס דער מאַן, דערוואָרגען זאָל ער ווערען, רויכערט טאַבאַק אַלע טאָג, און דעם אָרט וועט זי אַזוי גיך ניט פערלאָזען. אַזוי איז איהר דערווייל גוט צו זיין פאַר 7 רובעל אַ חודש אָן אַם און אַ דיענסט. ווען זי וועט אויפקלייבען 70 רובעל, וועט זי אויפהערען דיענען. זי וועט זיך דינגען אַן אָרט אויפ'ן מאַרק און וועט האַנדלען מיט פיש.

נו, און אייער קינד? — האָט איטע געפרעגט.

— מיין פערזעהענים, ווילט איהר פרעגען? איך האָב שוין פערגעסען אָן איהם, דאָס איז געווען אַזוי לאַנג צוריק. מינדעל וויים וואו ער איז, געווים אויף יענער וועלט. וואָס־זשע האָב איך געוואָלט זאָגען? יע, וועגען מינדלען. איהר ווייסט, מען האָט זי אַרעסטירט.

— וואָס הייסט אַרעסטירט? — האָט זיך איטע פערוואונדערט. ווער האָט אייך דערצעהלט?

— מען האָט דערצעהלט. פאר אַזעלכע זאַכען גלעט מען ניט איבער'ן קעפּעל. איך בין צופרידען וואָס מיין זאַך איז אַן אַלטע. עטעל איז דאָך פון איהר פערשאַלטענער האַנט געשטאָרבען. אַ סך מענשען זיינען צוליעב איהר פערפאַלען געוואָרען. איך וויים דאָס שוין. אַז מען האָט דערפון ניט געוואוסט, האָט מען ניט געוואוסט... אָבער איצט האָט זיך אַלץ אַרויסגעוויזען. אַ מיאוסע זאַך ניט איהר.

— וואָס פאר אַ זאַך? מאָדנע ווי מיר איז קיין זאַך ניט בעוואוסט.

אָט וואָס: איהר געדענקט מאַניען? וואַרט, זי פלעגט דאָך צו אייך אַריינקומען. מיר זיינען אפילו אַלע צוזאַמען אַמאָל אַרויס פון ראָזען, איהר געדענקט?

— גאָט מיינער, וואָס האָט געטראָפען מיט מאַניען? — האָט איטע קוים אַרויסגערעדט.

— מאַניע האַלט ביים שטאַרבען. זי ליעגט דאָ אין אַ פּאַלאַטע. איהר האָט ניט געוואוסט דערפון? די אַלטע מינדעל האָט איהר אָנגעמאַכט אַ צרה. יאַשע, מאַניע'ס האָט ניט געוואָלט אַזוי לאָזען די זאַך און האָט אויף איהר גע'מסר'ט דער פּאָליציי. מינדלען האָט מען, פערשטעהט זיך, גלייך אַרעסטירט. איצטער געהען אַרום קלאַנגען דאָס מען האָט ביי איהר אין צימער געפונען דריי טויטע אינגלאַך.

איטע האָט געהערט און שלעכט בעגריפען אַלעס. אַזוי ערשטוינט איז זי געווען פון די נייעס.

— וואָס פאר אַ שרעקליכע געשיכטע, — האָט זי שטיל געזאָגט, — זייט איהר זיכער אַז דאָס איז ניט קיין אויסגעטראַכטע זאַך? מאַניע שטאַרבט, און איהר האָט עס געזעהן מיט אייערע אויגען? אָרימע מיידעל! איך האָב זי דאָך ניט לאַנג צוריק בעגעגענט און צוגעזאָגט אַריינצוקומען צו איהר. ווי איך האָב זי געבעטען ניט צו טהאָן אַזאַ זאַך.

— אין לעבען איז אַלץ אַזוי, — האָט צירעל פילאָסאָפיש געענטפערט. אין דעם מזל קען מען ניט אַרומפאָהרען. איהר

ווילט זי זעהן? איך קען אייך ווייזען וואו זי ליעגט. איך קלעהר דאָס איהר וועט נאָך האָבען צייט צו זעגענען זיך מיט איהר.

איטע האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט און ביידע זיינען אַוועק צו דער געביידע, וואָס איז געשטאַנען ביים סוף הויף.

וואָס איז שוין ניט פאָרגעקומען פאַר דער צייט, — האָט צירעל געזאָגט. — אָט האָט מען עטלען בעגראָבען. ווי״ם פאַר אַ וואוילע פרוי דאָס איז געווען! אַזאַ קלוגע, און האָט זיך דאָך געלאָזט הרג'ענען. וואָלט ניט בעסער געווען צו לעבען, האָבען און אַוועקגעבען דאָס קינד צו מינדלען? מען דאַרף, איטע, ניט נאָר קענען דאָס לעבען, מען דאַרף זיין קליגער פון'ם לעבען. וואָס האָט עטעל געוואונען? איהר מאַן האָט שוין חתונה געהאַט, און זי פוילט אין דער ערד.

איטע האָט געהערט און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. עטעל'ס מאַן האָט חתונה געהאַט. ווער וואָלט געקענט גלויבען דאָס ער איז פעהיג אויף דעם, אָט דאָס איז אַ פערדאָרבענער מענש!

זיי זיינען שוין אריין אין קאָרידאָר און צירעל האָט אונ־טערבראָכען דעם געשפרעך. זי האָט אָנגעוויזען די פּאַלאַטע, דאָס בעטעל, וואו מאַניע איז געלעגען, געבעטען דער דיענסט צו ער־לויבען איטען אריינצוגעהן, און איז אַוועק.

איטע איז מיט שטילע טריט אַוועק צו דער פּאַלאַטע. ביי ביידע זייטען זיינען אין דער גאַנצער לענג געשטאַנען בעטען, אויף וועלכע עס זיינען געלעגען אָדער געזעסען פרויען. איינציג־ווייז אָדער עטליכע צוזאַמען זיינען אַנדערע ארומגעגאַנגען אין פּאַלאַטע וואו עס האָט צו איטע'ס פערוואונדערונג געהערשט מונ־טערקייט.

איטע איז מיט אַ ציטער צוגעגאַנגען צו מאַניען, וועלכע האָט, זי דערקענענדיג, אויסגעדריקט איהר פרייד מיט אַ שוואַכען שמייכעל. איהר איז געווען פערבאָטען צו ריהרען זיך פון אָרט.

איטע האָט זיך געזעצט נעבען מאַניע'ן און זי מיט געפיהל געכאַפּט פאַר'ן האַנד.

— אָט ווי עס איז אונז אויסגעקומען צו טרעפען זיך, —

האָט זי טרויעריג געזאָגט, — איך האָב דאָס ניט ערוואַרטעט. וויפיעל איך האָב אייך געוואַרענט!

מאַניע האָט פאַרריכט דעם פענכער מיט די אייז וואָס איז געלעגען אויף איהר אויסערגעוועהנליך גרויסען בויך, און אָפּגעקעהרט דאָס געזיכט.

איטע האָט פון דער זייט אַ קוק געטהאָן אויף איהר און ערשט בעמערקט ווי זי האָט זיך געענדערט. דער נאָז, די מאָרדע, די ליפּען האָבען זיך ווי אָפּגעזועצט און בעקומען אַ דונקעל געלבען קאָליר, ווי ביי טויטע. די אויגען זיינען אריינגעפאַלען ווייט אין קאָפּ און געשיינט מיט אַ מערקווירדיגען שיין. די שיינענדע אויגען צוזאַמען מיט די רויטליכע ווי אונטערגעפאַרבטע באַקען, האָבען צוגעגעבען אַ מאָדנע בעגייסטערונג דעם גאַנצען פּנים, ווי פון עפּעס וואָס קלייבט זיך אויפצובליהען.

— איהר געדענקט, — האָט מאַניע ענדליך געזאָגט, — איהר האָט מיר אַמאָל געזאָגט ווי אייך געהט ניט. אָבער איהר האָט דאָן ניט געוואוסט, איטע, דאָס אין פערגלייך מיט מיר זייט איהר געווען אַן אויסערוועהלטע. אַזוי אויך האָב איך געקלעהרט אַמאָל דאָס ביי מיר איז פאַראַן אַ כאַראַקטער, פונדעסטוועגען בין איך געוואָרען אַן אויסגעלאָסענע און ניט איהר. איך רייד דאָס ניט פון קנאה, איך ענטפער נאָר אויף אייערע ווערטער. איהר, איטע, זייט אַ ווייכע, נאָר אז מען זאָל אייך צושטיקען, וועט איהר זיך אין גאַנצען איבערציהען אויף אַן אנדער אָרט. און מיך, די האַרטע, ווי מען האָט נאָר שטאַרק צוגעדריקט, האָב איך זיך אין גאַנצען צובראָכען, ווי אַ קוקלע פון גלאָז. האָט איהר מיך פערשטאַנען? וואָס־זשע האָבען פאַר מיר בעטראָפען אייערע עצות און אייער בעטען? ווייסט איהר, דאָס עטעל איז געשטאָרבען?

— יע. איצט האָט איהר מאַן חתונה געהאַט.

— אָט ווי, — און מיר האָט מען דערצעהלט דאָס עס איז פאַר איהר גאָר ניט נויטיג געווען צו ווענדען זיך צו מינדלען. צו וואָס האָט זי דאָס געטהאָן? איך, איטע, פערשטעה גאָר נישט. וואָס מעהר איך לעב אַלץ וועניגער הויב איך אָן צו פערשטעהן.

איטע האָט זיך געאיילט איהר איבערצוגעבען דעם לעצטען

נעשפּרעך מיט עטלען. פון אָנהויב האָט זי מאַניע אויפמערק־זאַם געהערט, נאָר דערנאָך אַ מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד, אַזוי ווי דאָס וואָלט איהר דערעסען.

— איהר האָט מיך ניט פערשטאַנען, איטע. מיר זיינען דאָך אַלע כמעט צוקאַליעטשעט, און זעלטען ווער פון אונז ווערט שווענגערדיג, אָבער קיין גליק איז אַלץ ניטאָ. דאָס וואָס עטעל האָט זיך געוואָלט צוקאַליעטשען איז געווים אַ רפואה נאָר ניט צו דער קרענק... — האָט זי מיט אַ געהיימען געדאַנק פערענדיגט.

— שוין לאַנג אַז איהר געפינט זיך דאָ?

— פינפטער טאָג, מיר דוכט זיך שוין אַז ס'איז פינף יאָהר, אַזוי פיעל לייד איך. אָט איצט האַלט איך זיך קוים איין פון צו שרייען, כאָטש איך בין שוין דערצו געוואוינט, צו אַלץ ווערט מען געוואוינט, איטע, אַזאַ מיאוסע נשמה איז שוין ביים מענשען...

— און מיין קינד ליגט אין דער קינדער אבטהיילונג, ביי איהם איז קרופּ, — האָט איטע געזאָגט, ווי וועלענדיג דערוויזען דאָס ניט צו אַלעם קען מען געוואוינט ווערען.

מאַניע האָט פערשטאַנען און ניט פונאַנדערגעפרעגט.

— אַ מענש, — האָט מאַניע געזאָגט אַלץ קלערענדיג פון דעם וואָס זי האָט ניט אויפגעהערט קלערען פון דער מינוט וואָס זי איז קראַנק געוואָרען, — אַ מענש, דאָס איז אַ בייזער הונט וואָס איז צוגעבונדען אויף אַ קורצער שטריקעל. נאָך גוט וואָס אויף אַ קורצער. אָבער יאַשע'ן וועל איך קיינמאָל ניט פערגעבען, אפילו פאַר'ן טוידט. איהר מיינט, מיר איז אַ שאָד מיין לעבען? אויב איך וואָלט נאָך גלויבען אין עפּעס, וואָלט איך זאָגען: אַ דאַנק גאָט. נאָר איך גלויב שוין אין קיין זאַך ניט, און קוק אויף זיך ווי אויף אַ מיסט־גרוב. איז דען נאָך פאַראַן וועלכע ניט איז בלאָטע, וואָס איז אין מיר ניט געווען געוואָרפען? איהר וועט דאָך אויך אין אייערע בעסטע מינוטען ניט קענען פאָר־שטעלען זיך, אַ וועלכע איז בין געוועזן ווען איך בין אהער געקומען צופאָהרען. הייליגע ספרים זיינען מעהר בלאָטיג פון מענשליכע פינגער ווי איך בין געווען. און אין צוויי יאָהר האָב איך זיך

אין גאנצען אויסגעשמוצט, ווי אן אָרט פאַר אונריינינקייטען. עס איז געווען איין האָפנונג זיך ארויסצושלעפען פון דעם שמוץ און דעריבער האָב איך אזוי געליעבט מיין קינד. ווי א לייכטענ־דער שטערן, ווי אן ערלעזער איז עס פאַר מיר געווען. נאָר אויך דאָס איז פערלאָרען, ווי מיינע ערשטע טרוימען, ווי מיין חתן, ווי מיין ריינקייט מיין אונשולד, און איך האָב זיך איצטער אזוי פיינט געקראָגען דאָס איך וועל דעם טויט, איך פערזיכער אייך, בעגעגענען מיט פרייד.

זי איז געלעגען און שטרענג געקוקט פאַר זיך. פון איהרע אויגען האָט ארויסגעקוקט דער גאנצער האַס פון א מענשען, וואָס האָט זיך פער׳משפט.

איטע האָט זי ניט פערשטאַנען און זיך געסטאַרעט ארויסצו־רופען אין איהר די געוועהנליכע געפיהלען פון אונטערגעבען זיך דעם שיקזאַל.

— ניט רעדט מיר דערפון, איטע, — האָט מאַניע געזאָגט,— איך בין ניט קיין מיידעלע און מען קען מיך מיט א לעקעכעל ניט אונטערקויפען, אז מען פיהלט זיך מיט בלאָטע אזוי, אז עס קריכט שוין מעהר אין האַלז ניט, איז וואָס קען דאָ מאַכען א טראָפען ריינער וואַסער? אויך דאָס וועט פערבלאָטיגט ווערען, און דעריבער איז שוין בעסער מיך לאָזען ווי איך בין. שרייען, רופען, איז דאָך אויך ניטאָ וועמען? ווער וועט אייך דערהערען? נו, שרייט וועגען אייער קינד. אמת, ווען איך וואָלט דאָס אַלץ געוואוסט אפריהער, וואָלט איך, קען זיין, דאָ ניט געלעגען. נאָר איצט איז שוין צו שפעט צו טרויערען. איהר ווייסט, — האָט זי זיך פּלוצ־לונג אָפּגערופען, — יאַשע האָט דאָך שוין א נייע געליעבטע...

— עס קען ניט זיין, דאָס איז א נידערטרעכטיגער מענש!

— פאַר וואָס א נידערטרעכטיגער? זאָגט, א מענש, און דאָס וועט זיין געננוג. איהר מיינט דאָס איך בין אייפערזיכטיג? אָט דאָ האָט איהר א טעות. איך בין דאָך אזוי גיך ניט געגאַנגען צו מינדלען. נאָך דעם ווי איך האָב אייך בעגעגענט האָב איך זיך געזאָגט: מען דאַרף ניט געהן צו מינדלען, און בין ניט געגאַנגען. ס׳איז מיר געווען א וועהטאָג און א שאַנדע צו געהן, ווען איך האָב

זיך מיט אייך דורכגערעדט. איך האָב זיך אַזוי פּערפּאַנטאַזירט, פּערטרוימט. איך האָב דערנאָך אַזעלכע זאַכען אויסגעטראַכט צו בעהאַלטען מיין שוואַנגערשאַפט אַז איהר וואָלט זיך וואונדרען.

— פאַר וואָס־זשע זייט איהר ניט אַנטלאָפען פון יאַשע׳ן?

— און פאַר וואָס זייט איהר ניט אַנטלאָפען פון מיכלען? עס האָט זיך ניט געלאָפען. עס זיינען געווען געדאַנקען ווי ביי אַ פייגעל אין שטייגעל. טהוסט אַ קלעהר אַזוי אָדער אַזוי, און ווען עס קומט דער אבענד היילסטו זיך גיכער אָנצוטהאָן אום ער זאָל דיך מיט קלעפּ ניט טרייבען. ווען עס איז שוין זעהר קענטיג געוואָרען דאָס איך שוואַנגער, און מען האָט זיך שוין ניט מעהר געקענט קליגען דאָס צו פערדעקען, האָט ער מיר אין צוויי טעג אַזוי פערפינסטערט מיין לעבען דאָס איך האָב שוין מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען און בין אַוועק צו מינדלען. איך וואָלט זיך אודאי נעהאַנגען, — האָט זי פערטראַכט צוגעגעבען, — יע, געוויס געהאַנגען, נאָר די האָפנונג האָט געשטערט. מיינע אַלע געדאַנקען זיינען געווען אַז איך וועל אַ צווייטען מאָל שוואַנגערדיג ווערען, וועל איך ראַטעווען דאָס קינד. איך האָב דאָך אַזוי געוואָלט ווערען אַ מאַמע, אַזוי געוואָלט!...

איטע האָט זיך דערמאָנט אָן איהרע געפיהלען אין צייט פון איהר שוואַנגערען, און צושטימענד צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— מען ווערט ווי פער׳שיכור׳ט פון די געפיהלען, — האָט זי געזאָגט, — און אַ חוץ דעם קינד טראַכט זיך וועגען קיין זאַך ניט. איך ווייס דאָס זעהר גוט.

מאַניע האָט צוגעמאַכט די אויגען און שטיל געקרעכצט פון וועהטאָג. איטע איז ווי אַ דערשלאָגענע געזעסען און מיטלײדענד געקוקט איהר אין די אויגען. אין פּאַלאַטע איז שוין געווען ווייניגער טומעל. אַלע פרויען זיינען אויסגעצויגען געלעגען אויף זייערע ערטער און דער זאָל האָט אָנגענומען זיין געוויינליכען, אומעדיגען, אָפיציעלען אויסזעהן.

איטע האָט אינסטינקטיוו דערפיהלט דאָס מען דאַרף אַוועק־געהן, און זיך גענומען קלייבען. מאַניע האָט שוין הויך געקרעכצט.

די ליפּען זיינען ביי איהר נאָך רויטער געוואָרען, און די אויגען זיינען אוועק טיעפער אונטער'ן שטערן.

— איך וועל נאָך קומען צו אייך געוואָהר ווערען, טהייערע,— האָט איטע שטיל געזאָגט זיך שרעקענדיג פאַר די קרעכצען און ניט וויסענדיג וואָס צו טהאָן.

מאַניע האָט אָנשטאָט צו ענטפערען שטאַרק אַ געשריי געטהאָן.

איטע איז פאַר שרעק אָפּגעשפּרונגען.

אויף דעם געשריי איז געקומען צולויפען די פעלדשעריצע, און איטע, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, איז געשווינד געגאַנגען צום אַרויסגאַנג כדי אויסצומיידען אונאַנגענעהמליכקייטען.

זי איז געגאַנגען מיט אַ שווערען קאָפּ, זיך ווייטער פערלירענדיג אין הויף, און, קוקענדיג אויף די פינסטערע טרויעריגע געביידעס, ניט געגלויבט איצט דאָס אימיצער קען זיך פון זיי אַרויסרייסען לעבעדיגערהייט.

„מאַניע איז פערלאָרען", האָט זיך דורכגעטראָגען אין איהר קאָפּ. און זיך דערמאָנענדיג דאָס איהר קינד איז אויך הינטער די ווענט, האָט זי אַ שווערען זיפץ געטהאָן.

צופעליג איז זי געקומען צום טויער און אוועק צום אויסגאַנג. ווען זי האָט זיך געפונען אויפ'ן גאַס, האָט זי פּלוצלונג דערזעהן מיכלען. ער האָט זי ווי אָפּגעוואַרט. דערזעהענדיג איטען, איז ער האַסטיג צוגעגאַנגען צו איהר און אָהן פאָררעדעס גענומען שרייען: שוין אַ שטונדע ווי ער וואַרט דאָ, און איז נאָך מעהר אין כעס געוואָרען ווי זי האָט בעמערקט דאָס זי האָט גאָר ניט געוואוסט דערפון.

— דו דאַרפסט אַלע מאָל קלערען דאָס איך וואַרט דיך אָפּ, ווי באַלד אַז דו ברייגנסט מיר אַריין אַזוי ווייניג, דו פאַסקודסטווע, דו!

איטע האָט אפילו ניט אַ טראַכט געטהאָן פון מאַכען איהם פאָרווירפע פאַר וואָס ער פרעגט ניט וועגען קינד. און נאָר אום איהם אָבצוקיהלען פון זיין כעס האָט זי געזאָגט מיט געמאַכטע רוהינקייט:

— גערדיינקסט, מיכל, מאַניען'ן? זי ליגט ביים שטאַרבען, איך קום נאָר וואָס פון איהר.

מיכל איז שטיל געוואָרען און האָט גענומען פייפען.

— יע, יע, איך האָב עפּעס געהערט וועגען דעם, — האָט ער געזאָגט, — אָבער יאשא וויים גאָר ניט, דאָס איהר קריינק איז אַזוי געפעהרליך.

— דערפאַר מסתמא האָט ער זיך צוגעאיילט צונויפקומען מיט אַן אַנדערער. אָט דאָס איז אַ פּאָדלעץ. פיינע חברים האָסטו, מיכל, ניטאָ וואָס צו ריידען.

— נו, דאָס איז ניט דיין געשעפט. און צום וועלכען שוואַרץ־יאָהר, זאָג מיר, דאַרף ער האָבען אַ קראַנקע?

איטע האָט מיט האַס אַ קוק געטהאָן אויף זיין צופרידענעם פנים און, איינהאַלטענדיג אין זיך נאָך אַמאָל דעם צאָרן, אַרויס־גענומען די לעצטע 50 קאָפּיקעס, דאָס שווייגענדיג איהם אָפּגעגעבען און ווען ער איז אַוועק פון איהר, זיך גרינגער אָפּגעזיפצט און גענומען איילען אַהיים.

איטע'ס אינגעלע איז געשטאָרבען אויפ'ן צווייטען טאָג אין אָבענד. ער איז געוועזן אַריבערגעטראָגען אין טויטען־צימער אינ־איינעם מיט אַנדערע געשטאָרבענע, וואו זיי האָבען געזאָלט פער־בלייבען ביז אין דער פריה.

אין דעם זעלבען טויטען־צימער איז שוין געלעגען מאַניע, וועלכע איז מיט עטליכע שטונדען פריהער געשטאָרבען. זי איז געשטאָרבען צוקריגט מיט'ן לעבען. איהר געזיכט האָט בעהאַל־טען אַן אויסדרוק פון עקעל, מיט וועלכען זי איז געוועזן פול אין די לעצטע שטונדען.

ביים טויטען־בעט פון דער אונגליקליכער פרוי איז ניט געוועזן קיין איין אייגענער מענש, און די בעסערע געדאַנקען, וועלכע האָ־בען איהר אויסגעדוכט צו זיין וויכטיג, האָט זי, ניט האָבענדיג פאַר וועמען אַרויסצוזאָגען — אַוועקגעטראָגען מיט זיך אין קבר.

אין דעם זעלבען אָבענד האָט אסתר, געוואָהר ווערענדיג פריי־הער איהר הויזגעזינד, אַוועק צו איטע'ן, צו לאָזען איהר וויסען וועגען קינד'ס טויט. אסתר איז געוועזן גוט געשטימט פון די

זאָרגען וואָס זיינען איהר פאַרגעשטאַנען פון די ענדערונגען. דאָס האָט ווי ניט איז צוגעזאָגט אביסעל נייע פערדיענסטען. איהרע רעכענונגען מיט איטען האָט זי אויף ריכטיג ניט גערענקט, נאָר געוואוסט האָט זי דאָס זי האָט ביי איהר איבערגענומען מעהר ווי איהר האָט געקומט. דאָס, צוזאמען מיט די פרישע געלדער און פרעזענטען, וואָס וואָלטען בעדאַרפט אריינקומען מיט א נייעם קינד, האָט שוין געמאַכט דאָס ערוואַרטעטע אנגענעהם.

זי האָט פרעהליך צוגעביסען, א שמועס געטהאָן מיט די שכנה'ס, פאַר וועלכע זי האָט מיט א כיון אָנגעשטעלט א טרויעריג פנים, און דאָס איז איהר אויך געוועזן אנגענעהם. ווייל די גאַנצע צופריעדענקייט קען מען דאַן פיהלען, ווען דו פיהלסט דאָס א צווייטען איז שלעכט. געהייסען איהר אינגעל ניט לאָזען דעם טאַטען זיך לייגען שלאָפען, ביז זי וועט צוריק קומען און איז אוועק צו איטע'ן. איבער'ן גאַס האָט זי ווי געשוואומען, אזוי גרינג איז איהר געוועזן אויף דער נשמה. און ווען זי איז געקומען צו איטע'ן איז זי געוועזן פאָלקאָם בעוואָפענט, ניט ארויסצולאָזען דעם נייעם פערדיענסט.

זי איז ניט גלייך אריין אין קיך, נאָר אָנגעקלאַפט אין פענסטער. דעם ציעל פון אזא טהאַט האָט זי אליין ניט געוואוסט. זי האָט עס געטהאָן אויס אינערליכע בעגייסטערונג. ווען די קעכין האָט איהר אריינגעלאָזען האָט זי ווי אונטער דער ווירקונג פון שרעקליכען טרויער אראָפּגעלאָזען די קאָפּ, זיך צונויפגעבויגען אין צווייען און אזוי אראָפּגעלאָזען די הענד, דאָס זי האָט מיט זיי שיער וואָס ניט דערלאַנגט ביז צו דער ערד.

די קעכין האָט פון איין קוק אויף דער מאָדנער פּאָזע פערשטאַנען וואָס עס האָט פּאַסירט, און האָט אויס מיטלייד געשווינד פערמאַכט די טהיר, וואָס האָט געפיהרט אין די צימערען, כדי ניט צו געבען איטע'ן א מעגליכקייט צו הערען זייערע שטימען. זי האָט אוועקגעלעגט איהר האַנד אויף אסתר'ס אַקסעל און שטיל געפרעגט:

— געשטאָרבען? ניט ציהט לאַנג.

און איינעסענדיג זיך אין איהר מיט די אויגען, געשיקט בע־

פרייט איהרע אויערען פון אונטער'ן טיכעל, וואָס האָט צוגעדעקט איהר קאָפּ, מיט'ן ציעל ניט דורכצולאָזען קיין איין וואָרט פון איהר ענטפער.

— נאָר וואָס אויסגעגאנגען, — האָט אסתר קוים אַרויסגעזאָגט, פעררינכטענדיג די פּאָזע פון איהר קאָפּ און קערפּער — אָבער איך בין ניט בכח איבערצוגעבען דער אָרימער איטע'ן די נייעס. נעהמט אויף זיך די אַרבייט, גרייט זי צו ווי עס איז. איך קען ניט. איך בין אַזוי אויסגעמאַטערט מיט'ן טויט פון דעם אונגליקליכען אינגעלע, דאָס איך וועל איהר צער ניט אַריבערטראָגען. אָך, ווי גליקליך איהר זייט, הונדערט מאָל גליקליך, וואָס איהר זיינט ניט געווען דערביי, ווען ער איז געשטאָרבען. ער האָט זיך דאָך ווי אַן ערוואַקסענער מיט מיר געזעגנט. מיר דוכט איך זעה איהם. אויף אַן אייגענע מאַמע קוקט מען ניט אַזוי, ווי ער האָט אויף מיר געקוקט. איך בעט אייך, געהט צו איהר, זאָגט איהר.

— דאָס, אסתר, קען איך אויף זיך ניט נעהמען. פערלאָזט זיך ניט אויף מיר. איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט פערגעבען אַזא זאַך. עס איז אנגענעהם אָנצוזאָגען גוטע נייעס. איהר, אסתר, זייט שוין אין דער זאַך, ענדיגט עס. אייך איז צו פערגעבען. איהר זייט ניט שולדיג, איהר האָט געטהאָן פאר'ן קינד מעהר וויפיעל א מענש קען טהאָן.

אסתר האָט אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל, ווי רופענדיג איהם אלס עדות אויף איהר גוטסקייט און האָט ענטשלאָסען געזאָגט:

— טהוט זי א רוף. זי וועט שוין אליין אַן מיר דערקענען! וואָס פאר אַן אונגליק, גאָט מיינער, וואָס פאר א שרעקליכער אונגליק!

זיי האָבען זיך נאָך אביסעל צייט איבערגערעדט וועגען דעם ווער עס זאָל געהן. אסתר'ן איז ענדליך דערעסען געוואָרען די קאָמעדיע און זי איז אויפגעשטאַנען מיט דעם בעשלוס אליין אַרויסצורופען איטע'ן.

— ניין, איך וועל שוין בעסער געהן, — האָט די קעכין בעשלאָסען, — איטע קען נאָך איבערשרעקען דאָס קינד אויף טויט.

געהט ארוים און ווארט צו, איך וועל זי באלד צושיקען צו אייך.

אסתר האט גוט־זאגענד א מאך געטהאן מיט'ן קאפ און איז ארוים. זי האט נאך ניט צייט געהאט איינצווזעצען זיך אויפ'ן ביינקעל, ווי זי האט דערזעהן איטע'ן, וועלכע איז צו איהר געלאפען.

— וואס האט געטראפען, אסתר? — האט יענע אויסגע־שריען מיט אן אומגעביטען קול. — וואס, וואס? אך, רעדט נאך ניט.

זי האט פארשטעלט די אויערען מיט די הענד, און ניט קע־נענדיג אויסהאלטען די אויפרעגונג, אויסגעשריען מיט אלע קרעפ־טען. אסתר האט זיך אויפגעהויבען און ארומכאפענדיג זי מיטביידע הענד, צערטליך אבער ערנסט געזאגט:

— נו, וואס פאר א צער, איטע, ניט איהר זייט די ערשטע, ניט איהר זייט די לעצטע. עס וועלען ביי אייך זיין נאך קינדער. דעם טייערען אינגעלע איז איצט בעסער ווי אייך אה, גלויבט, א סך בעסער. איטע, וואס טהוט איהר, איטע! גאט איז מיט אייך, אומגליקליכע!

איטע, זיך ארויסרייסענדיג פון איהר, האט זיך איינגעטשע־פעט מיט ביידע הענד זיך אין די האר און מיט פערצוויפלונג זיי געריסען. דערביי האט זי געשריען, ווי א צומישטע, מיט שרעק־ליכע גוואלדען און געטופעט מיט די פיס.

די געשרייען האבען אויפגעקליבען אן עולם ארום איהר. אלע האבען זיך געשטויסען און אונרוהיג געפרעגט איינער ביים אנדערען, וואס עס האט פאסירט. זיי האבען זיך ניט בערוהיגט, ביז אסתר האט דערצעהלט אום וואס עס האנדעלט זיך.

און איטע האט פארטגעזעצט שרייען מיט הערצרייסענדע קולות, ניט געפינענדיג קיין ווערטער אויף אויסצודריקען איהר צער און זיך געשלאגען מיט די פויסטען אין קאפ.

ארום איהר האט זיך גערעדט, און יעדער האט עפעס געטהאן צו העלפען איהר. אימיצער האט שוין געהאלטען א לימענע, א ציטרין, עס האט פארשמעקט מיט נאסטירנעם ספירט. אימיצער האט איינגעקוועטשט איהר ארם זי זאל ניט חלש'ן, און איטע האט אלץ געשריען, אזוי ווי דאס וואס האט געהאט צו זאגען איבער

איהר געשריי, האָט זיך איבערגעפיהרט און דער ווילען איז געווען צו שוואך צו פערהאַלטען די קלאַנגען. מיט אמאָל איז זי פּלוצלונג אנשוויגען געוואָרען און געפאַלען אין אונמאַכט. עטליכע מענשען האָבען זי אונטערגעכאַפּט און פאָרזיכטיג געטראָגען ארויף, דערנאָך זיינען זיי זיך צוגאַנגען און אָפּגעשטעלט ווארטען אויפ׳ן הויף, אויב עס וועט זיך ניט פאָדערען זייער הילף.

נעבען איטע׳ן האָט זיך אָבגעשטעלט אסתר און די קעכין. זיי האָבען געאַרבייט איבער איהר צו ברענגען איהר צו זיך. די ווירטהין איז א בעאונרוהיגטע אריין אין קיך, א קוק געטהאָן אויף דער ליעגענדער, טויט בלאַסע אַם, אויסגעפּונען וואָס דאָ איז, געשטאַנען א ווײַלע און אויסגעדריקט אויפ׳ן פּנים מיטלייד. דערנאָך איז זי אוועק, קלערענדיג ווי עס וועט זיך אָפּרופען אויפ׳ן קינד דער אַם׳ס צער.

„ווען דאָס וואָלט פּאַסירען מיט צוויי וואָכען שפּעטער, וואָלט מען דאָס קינד געקענט אוועקנעהמען פון איהר, און זי אָפּריכטען“.

און נאָך מעהר האָט זי זיך מצער געווען, ווען זי האָט א טראַכט געטהאָן, דאָס זי וועט זיך די נאַכט אליין דאַרפען האַלטען מיט׳ן קינד.

איטע איז דערווייל ביסלעכווייז געקומען צו זיך. מיט ווילדע, גרויסע אויגען האָט זי בעקוקט דעם צימער און בעמערקענדיג ענדליך, אסתר׳ן, צוערשט זי ניט דערקענט, נאָר אינסטינקטיוו אויסגעשריען פון שרעק. אסתר האָט זי געשווינד גענומען איינרעדען, זיך סטאַרענדיג ווייכער צו מאַכען איהר שטימע, און מיט דער קעכינ׳ס הילף גענומען איהר ברענגען צום ביישפּיעל א מאַסע שעהנע און גייסטרייכע געשיכטעס וועגען דעם, ווי גוט דאָס איז ווען קינדער שטאַרבען אין פריהער יוגענד, ניט פערזוכענדיג די שרעקען פון לעבען.

איטע האָט זי געהערט מיט א טעמפּע פערצווייפלונג, און זיך בעגיסענדיג מיט טרעהרען, אונבעמערקבאר געלאָזען פערשלעפּערען דעם אָנגעוועהטאָגטען געפיהל. ווען זי האָט גענומען ריידען איז דאָס געווען ווי מיט אן ערקעלטעטען פארפאלענעם קול. זי האָט

געבעטען אסתר'ן דערצעהלען אלע איינצעלהייטען פון דעם קינד'ס לעצטע מינוטען.

— איך האב זיך פאר קיין פאל ניט געקענט ארויסרייסען איהם געוואהר ווערען נאך איין מאל, — האט זי געכליפעט, זיך דערמאנענדיג ווי איהר האט זיך געוואלט היינט געהן אין באלניצע. די בעל הבית'טע האט פאר קיין זאך אין דער וועלט ניט געוואלט מיך אפלאזען. איבערהויפט וואס מיך האט בערוהיגט איז געווען דאס, וואס איהר האט צו מיר קיינעם ניט געשיקט.

אסתר האט מיט גרויס אפעטיט אנגעהויבען דערצעהלען אלעם מיט די קלענסטע איינצעלהייטען, ניט פערגעסענדיג דערביי צו־צונעבען וועגען טויט פון די צוויי קינדער, וועמעס מאמעס איטע האט נעכטען געזעהן ביים פענסטער פון יענער אבטהיילונג. איטע האט זיך געצוואונגען צו פערשטיקען אין זיך דעם קלאג־געשריי, וואס האט זיך פון איהר הארצען געריסען, כדי אויסהערען אום איבעיג צו געדענקען די אלע שרעקליכע, נאר איהר טהייערע איינ־צעלהייטען וועגען קינד.

— ווען וועט מען איהם מקבר זיין? — האט זיך די קעכין געפרעגט.

איטע זיך פאנאנדערוויגענדיג מיט'ן גאנצען קערפער, האט פערשטיקט געוויינט, פארדעקענדיג דעם פנים מיטביידע הענד, און אסתר האט געשעפטסמעסיג געענטפערט:

— עס פערשטעהט זיך, מארגען, און בעזארגט צוגעגעבען: מען דארף ניט פארגעסען אריבערצוגעהן אין קאנטאר און זיך בע־דינגען פאר דעם מקבר זיין. איהר וועט אויפשטעהן פריהער, איטע, צו געווינען מעהר צייט. אז מען זאל ניט צואיילען, קען מען דעם אינגעלע דארט צושניידען אין באלניצע. מען שניידט דאך זיי האַרט ווי קרויט, ווען מען איילט זיך ניט צו מיט'ן אוועקנעהמען.

— איך וועל וועגען דעם אייך בעטען, טייערע אסתר, — האט איטע שטיל געזאגט זיך ווישענדיג די אויגען. — מיין קאפ טויג איצט אויף גאר נישט. אליין וועל איך גארנישט מאכען; נעהמט אויף זיך. ווייזט ארויס דעם אונגליקליכען אינגעלע די לעצטע טובה.

— איך בין אפילו מאָרגען פערנומען, איך בין אַלע מאָל פערנומען, נאָר פאַר׳ן קינד וועל איך טהון אַלץ. פאַראַן ביי אייך געלד?

— יע, איך וועל אייך געבען.

— נו, טו זייט רוהיג. מיט געלד וועל איך אַלץ גיך איינ־אָרדענען. אָט וואָס איך האָב אייך געוואָלט זאָגען, איטע. איך גער זיך ניט לויבען, נאָר פון עהרליכקייט וועגען וועל איך אייך זאָגען, דאָס איך האָב פאַר מיין ארבייט פאַרדינט אַ סך. איך האָב פערלאָרען צייט, נאָר מיר וועלען קיין סך ניט רעדען וועגען דעם; בעשטימט וועגען דעם אליין, איך לאָז דאָך אייך אָבשעצען, וויפיעל איך האָב ביי אייך פערדינט.

איטע האָט איהר אַ קוק געטהאָן גלייך אין די אויגען און זיך די ערשטע אָבגעקעהרט. זי איז אוועק צו דער בעל־הבית׳טע און אַ בעט געטהאָן געלד.

אין אַ פערטעל שטונדע ארום, נאָך לאנגע ערקלעהרונגען מיט דער ווירטין, האָט זי זיך אומגעקעהרט מיט געלד. אסתר האָט זיך צובליהט. איטע האָט איהר גלייך אָבגעצעהלט אזוי פיעל, וויפיעל זי האָט געבעטען, נאָך אַ מאָל געבעטען צו דערצעהלען די איינצעלהייטען וועגען קינד׳ס טויט, וועלכע אויסצוהערען וואָלט איהר ניט צופיעל געוועזן צו זיצען אַ גאַנצע נאַכט. אָבער אסתר האָט שוין מעהר ניט געהאַט דאָ אויף וואָס צו וואַרטען און זי האָט זיך דעריבער גענומען קלייבען אוועקצוגעהן, זיך שיקענדיג אויף דעם, וואָס עס איז צו שפּעט. די קעכין האָט אויך געראַטען ניט צו פערהאַלטען אסתר׳ן, כדי זי זאָל ניט פערשלאָפען, און איטע האָט מיט אַ זיפץ איינגעשטימט, בעשטימענדיג אין דער פריה צו טרעפען זיך אין באָלניצע.

ווען אסתר איז אוועק, איז איטע אריין צו זיך אין צימער, זיך געלייגט מיט׳ן פנים אין קישען און לאנג אזוי פערבליבען אָהן דער מינדעסטע בעוועגונג, שטיל בעוויינענדיג איהר לערי׳ן.

דאָס קינד איז ניט געוועזן אין צימער. די בעל ד[illegible]׳טע האָט איהם מורא געהאַט איהר אָנצוטרויען, און איטע הא[illegible] אָך מעהר געפיהלט איהר איינזאַמקייט, איהר זיין איבעריג אין [illegible] וועלט.

אין מיטען נאכט האט זי דער טרויער אזוי צונומען, אזוי בעפאלען די טרעהרען פון זיין פער'יתום'ט און אליין, דאס עס איז איהר געוואָרען אונערטרעגליך און זי איז אוועק צו דער ווירטין בעטען דאס קינד. זי האט זיך געוואָלט אָננעהמען שטארקייט אין איהר ליעבע צו איהם. נאָר די ווירטהין האט ניט איינגעשטימט אויף דעם און איטע, נאָך מעהר א פערניכטעטע, האט זיך אוועקגעשלעפט צוריק צו זיך, וואו זי האט זיך איינגאנצען אָפגעגעבען דעם געפיהל, וואָס האט זי געמאטערט. זיך איינעסענדיג מיט די צייהנער אין קישען, האט זי געשריען מיט אלע כוחות, ווי וועלענדיג אָנרייסען דאס האלז, די לונגען, די הארץ אזוי, אז זי זאָל שוין אויפהערען פיהלען איהר נשמה'דיגען וועהטאָג. ווי צו להכעיס איז פאר איהרע גייסטיגע אויגען, אין אלערליי פאָזעס און אויסזעהן, ערשיענען איהר אינגעלע, געשמייכעלט, זי גערופען מיט די הענטעלעך, אזא פרישינקער, א ראָזאָווער און א גלאטינקער. זיין ערשיינען אזוי און פערשווינדען האט אין איהר ארויסגערופען אזא פערצווייפלונג, דאס איהר האט זיך מיט אמאָל געוואָלט מאכען א סוף צו איהר לעבען, אויף אזוי פיעל האט איהר דאס לעבען אָהן איהם אויסגעוויזען איבעריג, אומעדיג, טרויעריג. זי האט אויך געטראכט וועגען מיכלען, וועמען עם וועט גאָר ניט ארען איהר אומגליק, וועלכער וועט נאָך געווינען פון דעם קינד'ס טויט, און איהר האט זיך געוואָלט לויפען, איהם אויסגעפינען און אזוי אריינברענגען אין כעס, דאס ער זאָל זי הרג'ענען.

און אין דער נשמה האט זיך דורכגעריסען דורך די טרויעריגע געדאנקען דער בעוואוסטזיין וועגען דער גרויער, שווערער ווירקליכקייט, וועלכער האט פרעך אונטערגעזאָגט, דאס גארנישט וועט זיך ענדערען, אויך דער ווייטערדיגער לעבען וועט זיין א לאנגע, זינלאָזע ווידערהאָלונג פון דאס, וואָס זי האט איבערגעלעבט דעם יאָהר. ניט לאנג וועלען זיך אין איהר איינהאלטען אין דער גאנצער פרישקייט די איצטיגע געפיהלען; זיי וועלען פארטעמפט ווערען און זי וועט זיך צוגעוואוינען צו זיי, ווי זי האט זיך צוגעוואוינט צו אלע איהרע צרות. די עראינערונג וועגען אל־דאָס בייזעס וועט זיך ארויסשטויסען דורך נייע און נייע שטרעבונגען

ווי עס איז דורכצולעבען דאָס לעבען און וואָס וועניגער פיהלען די קלעפּ, אונבעמערקבאר זיך דערקלייבען צום טויט, וואָס ווישט אַלץ אַראָפּ און בערוהיגט...

„צו וואָס נאָך לענגער לעבען, גאָט!“ האָט זיך איהר געטראַכט.

„איז שוין ניטאָ קיין האָפנונג?“ — האָט זי זיך געענטפערט.

האָפנונג! און זי האָט זיך פערגעסען, מורמלענדיג דעם טהייערען בעלעבענדען וואָרט, וואָס בעלויכט די פינסטערניס פון לעבען. אַ וואָרט מיט וועלכען דער שוואַכער מענש קעמפפט געגען קלאָהרע פאַקטען.

„האָפנונג, האָפנונג!...“

די גרויסע לינגערין האָט ווייטער געזיעגט און איטע איז ווייטער אַוועק צו מענשען, וועלכע האָבען מיט גרויס אונגעדולד זי ערוואַרטעט מיט איהר גרויסען טהאַט — פאַרטזעצען לעבען...

איטע האָט זיך צוריק געקעהרט פון בית עלמין, און צוויי פרויען, גיטעל מיט צירלען, האָבען זי אונטערגעהאַלטען פון ביידע זייטען.

דעם פּאַראַליזירטענס ווייב האָט איהר שוין לאַנג געלערענט די פילאָסאָפיע פון לעבען און איטע האָט צערשטרייט געהערט, ניט ווילענדיג אונטערגעבענדיג זיך דעם צויבער פון'ם פּראַכטפאָלען, פרישען, שמעקענדיגען טאָג.

אַן אָבגעטהיילטע פון איהר קינד מיט אַ פּאָאַר איילען ערד, אונטער וועלכעס ער האָט איצט גערוהט, האָט זי אָנגעהויבען פיהלען, כאָטש ניט קלאָהר, דאָס אַ גרויסע שווערקייט, וואָס האָט געדריקט אויף איהר נשמה, לאָזט זי ביסלעכוויז אָב. דער קבר האָט אַלץ פערדעקט, אי די שרעקען, דעם צווייפעל, און פערדאַכט וואָס האָבען זי געמאַטערט, ווען ער איז געלעגען קראַנק. אַלעס איז אַוועק, פערגאַנגען. איצט האָט זי זיך צוריק געקעהרט צום פרעמדען, אויף וועלכען זי האָט איבערגעטראָגען איהר מוטערליכע ליבע, — מיט איהר וועט זי אַ ווײלע אָפּרוהען פון צער. ניט שרעקליך האָט איהר אויך אויסגעוויזען מיכל. אין אַזאַ שעהנעם, פריידיגען, ליכטיגען טאָג קען קיין זאַך ניט אויסזעהן שרעקליך; די צוקונפט מאָהלט זיך אין וואונדערליכע, לעבעדיגע פאַרבען.

הינטער איהר איז געגאנגען מיכל מיט יאשען. יאשע איז געווען פערטראכט און אויף די אויגען האבען נאך ניט אויסגעטריקענט די טרעהרען, וועלכע ער האט פערגאסען ביי מאניעס קבר.

— ניט דאגה, נאר, — האט איהם מיכל געזאגט, — וואס ס'איז געווען, וועסטו ניט אומקעהרען. מיט א צווייטער וועסטו קליגער האנדלען. זעהסט זי, — האט ער אנגעוויזען אויף איטען, — איך גיב דיר א ווארט, דאס זי וועט אין א וואך ארום זיין טראגענדיג, אזוי איז דאס, מיין ליעבער.

ער האט זיך צולאכט מיט א האלציגען געלעכטער פון א פאלקאם צופרידענעם מיט זיך מענשען, און יאשא, א זיפץ טהוענדיג, האט ענטשלאסען אבגעטריסעלט פון זיך דעם טרויער און גענומען טראכטען וועגען זיין נייער געליעבטע — מאריסטקע, וועלכע האט זיך איהם די טעג, ענדליך, אבגעגעבען.

דאס לעבען האט זיך פארטגעזעצט...

ע נ ד ע.